STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05573

DAVID IGNATOV

Permanent preservation of this book was made possible
by Constance E. Kaplan
in honor of
Vicky Taub, who taught me to love Yiddish

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג צעשינסקי, 2720 דיוויזשאָן סט. שיקאַגאָ.



ד ו ד   א י ג נ אַ ט אָ ו ו

דוד איגנאַטאָוו

פינף - און - צוואנציק יאר ליטעראַרישער שאפן

❮❮

רעדאַקטירט פון :

מ אַ נ י ל י י ב

דר. י. ראָזענפעלד

ש י ק אַ ג אָ, 1935

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL CHICAGO 413

M. CESHINSKY, Publisher
2720 W. Division Street
Chicago, Ill.

Copyright 1935 by
DR. J. ROSENFELD
Chicago, Ill.

Printed by J. H. Edelson
2110 S. Halsted Street
Chicago, Ill.

אינהאַלט

זייט

אין דער גרויסער וועלט אַריין — — — דר. י. ראָזענפעלד — 7
(פּאָרוואָרט)

ווי אין אַ מעשה — (ליד) — — — — — — — — מאַני לייב — 44

די טראַגעדיע פון אַ רויטער בלום — דר. ח. זשיטלאָווסקי — 47

דוד אינאַטאָוו — (ליד) — — — — — יצחק בערלינער — 55

דוד איגנאַטאָוו'ס ווייסער פויגל — — — א. שטיינבערג — 59

יונגע טעג — — — — — — — — — — פרץ הירשביין — 75

בערמאַן — דער נביא סאָציאַליסטט — — — ב. ריווקין — 81

ווייסע וועגן — (ליד) — — — — — — — א. בערגער — 127

אַנגעצונדן אַ פייער — — — — — — דר. י. ראָזענפעלד — 131

דער הויפּטמאַן פון די „יונגע" אין אַמעריקע
— — — — — — — אברהם רייזען — 159

דוד איגנאַטאָוו'ס עקשנותדיקער דראַנג — י. ראַפּאָפּאָרט — 165

אין איינעם פון די טעג — — — — — — ב. קאַפּמאַן — 171

די מעשה פון דער וועלט — — — דר. יעקב גרינפעלד — 175

מיר זיינען אויפגעקומען — (ליד) — — — מ. באַסין — 178

דוד איגנאַטאָוו און „שריפטן" — — — דוד פּינסקי — 181

איגנאַטאָוו'ס אייגנאַרטיקער פּלאַץ
אין דער אידישער ליטעראַטור—דר. ישראל וו. מאַרקוס — 187

עפּיזאָדן — — — — — — — — — — יהודה טאָפּעל — 193

אַ קאַרניוואַל — (ליד) — — — — — — — חיים קרול — 200

דוד איגנאַטאָוו'ס טרילאָגיע „אויף ווייטע וועגן"
— — — — — — יעקב גאָטליב — 203

וואָרט — (ליד) — — — — — — — — יעקב בראָדסקי — 207

אין דער גרויסער וועלט אריין.

(פארוואָרט)

I

דער יונגער דודעק

דוד איגנאַטאָוו איז געבוירן געוואָרן אין ברוסילאָוו, קיעווער גוב., דעם 14־טן אָקטאָבער, 1885. צו דרייצן יאָר האָט ער פאַרלאָזן דעם חדר פון ישראל דעם גמרא מלמד (דער גרעסטער גמרא מלמד אין זיין געבורט שטאָט) און האָט זיך פאַרדונגען אַלס געהילף אין א באַקאַליי קראָם פאַר פינף רובל א זמן.

דאָס אינגל דוד, אָדער דודעק, ווי מען פלעגט אים דעמאָלט רופן, איז אָבער ווייזט אויס אוועק פון גמרא באַנק ניט נאָר מיטן חשק צו אַרבעטן, נאָר אויך מיט א שטאַרקן חשק פאַר וועלטלאַכער בילדונג, מיט חשק פאַר זאַכן, וואָס מען האָט אין די דאַמאָלדיקע חדרים ניט געלערנט.

שרייבן אידיש פון א „בריפנשטעלער" האָט מען שוין יאָ אָנגעהויבן לערנען דעם לעצטן זמן בא ישראל דעם מלמד. אף איגנאַטאָוו'ס מזל האָט זיך דאָס אָבער אָנגעהויבן פונקט פאַר זיין פאַרלאָזן די גמרא־באַנק. דאָס אינגל, וואָס איז שוין געוואָרן א „גאַנצער פאַרדינער", פלעגט דערפאַר אָפט פּשוט וויינען אף דעם, וואָס ער קאָן ניט שרייבן, און נאָך מער פלעגט ער וויינען פון דעם, וואָס טאָמער פלעגט ער עפּעס פאַר זיך אָנשרייבן, פלעגט דאָס זיין אזא שרייבעכץ, אז ער פלעגט דאָס נאָכדעם אליין ניט קאָנען איבערלייענען.

צו ניינצן יאָר אָבער איז שוין איגנאַטאָוו געווען אַן „עקסטערן" אין קיעוו און האָט שוין אליין געגעבן אַלגעמיינע „אורא̇קן", העלפנדיק צוגרייטן קינדער פאַר גימנאַזיע. ער האָט שוין דאַן אויך באַלאַנגט צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „איסקרא".

דער צוטרוי פון די עלטערע פּאַרטיי־חברים צו די אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן און פאַרלעסלאַכקייט פון דעם פאַר'עקשנ'טן יונגן „אָט־שיטעל" (דאָס איז געווען זיין פּאַרט־נאָמען) איז געווען אזא, אז ווען סטאָלפּנער איז אין יענער צייט אַראָפּגעקומען קיין קיעוו, כדי צו העלפן ווידער פאַראייניקן דעם „בונד" מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון

וועלכער דער „בונד'' האָט זיך דערמאָלט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעשפּאָלטן, האָט מען די גאַנצע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט פון אָרגאַניזירן דאָס צוזאַמענטרעפן פון די ביידע פראַקציעס, אָף וועלכער סטאַלפּנער איז געווען דער רעפערענט און האַראַוויץ דער הויפּט אָפּאָנענט, איבערגעגעבן צו איגנאַטאָוו'ן.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער טרעפן מיר שוין איגנאַטאָוו'ן אין אַמעריקע. ער אַרבעט אין שיקאַגאָ, סענט-לואיסער און נאָכדעם אין נויאָרקער פאַבריקן. טרעט אויף אָף פאַרזאַמלונגען, האַלט רעדעס, פירט אָן דעבאַטן. אין נויאָרק וואַרפט ער זיך מיט זיין גאַנצן עקשנות'דיקן טעמפּעראַמענט אַריין צו גרינדן אַ „העט-פריים-מייקערס און אַ „מילינערי'' יוניאָן. האַלט רעדעס וועגן דעם אַפילו אָף „טראַקס'' אין די גאַסן. שרייבט פּראָקלאַמאַציעס, ברענגט צו זיינע יוניאָן-מיטינגען אַ פּאָר מאָל אויך דעם אַלטן דעניעל דעליאָן, פון וועמען ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן; פירט זיין יוניאָן אָף די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס צו יוניאָן סקווער.

איגנאַטאָוו'ס יוניאָנס זיינען ניט איינמאָל צעפאַלן געוואָרן און ער האָט זיי אַלעמאָל געדאַרפט בויען אויף דאָס ניי. אָבער איגנאַטאָוו האָט ניט אָפּגעלאָזט און איז ניט מיד געוואָרן. ווען אָבער די יוניאָן האָט זיך גענומען איינשטעלן און, אָף דעם אָרט פון אַרומלויפן צעניפּשלעפן דאָס ביסל געלט, וואָס פלעגט אַלץ אויספעלן אָף צו באַצאָלן פאַר דעם מיטינג-לאָקאַל, האָט ער דאָס געבראַכט צו דעם, אַז די אַרבעטער און אַרבעטערינס האָבן טאַקע גענומען צאָלן „דיוס'' און עס איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע פון אָנשטעלן אַ באַצאָלטן „אָרגאַנייזער'', האָט זיך איגנאַטאָוו מיט אַמאָל געכאַפּט, אַז ער איז ניט קיין יוניאָן אָרגאַנייזער.
— ניין, ער איז גאָר אַ שריפטשטעלער.

ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט איגנאַטאָוו געשריבן נאָך אין יענע יאָרן זיינע, ווען זיין כתב איז באַשטאַנען פון אַזוינע „קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס'', וועלכע ער האָט נאָכדעם אַליין ניט געקאָנט איבערלייענען.

דורך יאָרן און, דורך זיין מיט שווערע מי, דערגרייכטער זעלבסט-בילדונג און זעלבסט-אַנטוויקלונג איז אָט דער דראַנג אין אים געוואַקסן. אָבער איגנאַטאָוו איז געווען אַ שעמעוודיקער און אַ שטאָלצער עקשן. האָט ער באַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ביז מען ווערט פאַרטיק מיט אַ גרויס ווערק, טאָר מען קיין קלענערע זאַכן ניט דרוקן, ווייל דאָס קאָן, חלילה, צוברעקלען דעם טאַלאַנט און נאָך מער — מען דאַרף עס אויך האַלטן בסוד, — קיינער טאָר פון דעם ניט וויסן.

איגנאַטאָוו האָט דעם סוד קיינעם ניט פאַרטרויט, ניט זיינע חברים,

די אינטעליגענטערע אינגלאַד באַלמעלאכעס, מיט וועלכע מ׳פלעגט האַלטן געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די שטעטלשע וועלדער. און ניט קיינעם פון זיינע דערנאָכדעמדיקע חברים צווישן די עקסטערנע.

איגנאַטאָוו׳ס עלטערער ברודער, יצחק, וואָס פלעגט דאַמאָלסט שרייבן שירים אין העברייאיש, רוסיש און אידיש, פלעגט פאַר דודעקן יאָ פאַרלייענען זיינע זאַכן. איגנאַטאָוו דערציילט, אַז ער פלעגט זיך דווקא פילן געשמייכלט פון דעם, וואָס זיין גרויסער ברודער פאַרטרויט אים, אַז ער שרייבט, אָבער ער, דודעק, האָט דעם ברודער פאַרט ניט אויסגעזאָגט, אַז ער אַליין שרייבט אויך. דאָס איז געווען אַ סוד, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער מוז אָפּהיטן...

איינמאָל, דערציילט איגנאַטאָוו, האָט געטראָפן, אַז נאָכן פאַרלייענען אַ רעפעראַט וועגן דער „ערפורטער פּראָגראַם״ — אַ זאַך וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט דאַרפן צוגרייטן פאַר זיין, ״קרוזשאָק״ אין קיעוו, האָט אים נאָכדעם אַ חבר לויבנדיק דעם רעפעראַט, געזאָגט, אַז ער איז אַ „פּיסאַטעל״, אַ „נאַסטאַיאַשטשי פּיסאַטעל״ — האָט זיך איגנאַטאָוו פון דעם דערפילט ווי אַ געכאַפּטער. ער האָט גענומען אַזוי ווי איינ־שרומפּן פון שרעק, אַז מען האָט אַנטפּלעקט זיין סוד.

אָבער גראָד דאָ, ווען דודך זיין שווערער מי דערגרייכטע יוניאָן האָט טאַקע גענומען ווערן אַן אמת׳ע יוניאָן, האָט איגנאַטאָוו דערפילט און גאָר אָן שום ריקזיכט, אַז... ער איז אַ ש ר י פ ט ש ט ע ל ע ר.

II

דאָ אָבער...

דאָ אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז זיך אין דעם נויאָרק פון יענע יאָרן פּשוט ניט געווען וואו צו דרוקן. די פּרעסע, איבערהויפּט די דאַמאָלסטדיקע, איז געווען אויף אַזאַ נידעריק גייסטיקן מצב, אַז זי האָט קיין ליטעראַטור פּשוט ניט געדאַרפט. ווען עס האָבן אויסגעפעלט אַנאָנסן און בכלל, אַז עס פלעגט בלייבן אַ שטיקל ליידיק אָרט אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג, פלעגט מען נעמען אַ דערציילונג צי אַ ליד און עס אָן שום איינזעעניש, אַהין אַריינפּאַסן, ווי אין אַ סדום בעטל — אַ חוץ דעם האָט נאָך די דאַמאָלסטדיקע פּרעסע (ווי אויך די געזעלשאַפט־לאַכקייט) צוגעלייגט אויף די פּאָר היגע שריפטשטעלער, חוץ זייער אייגענער גרינגשאַצונג, אויך די בטול־באַציאונג, וואָס די דאַמאָלסטדיקע אייראָ־פּיאישע שריפטשטעלער האָבן געהאַט צו די אַמעריקאַנער אידישע שרייבער.

דאס איז געווען א באציאונג, וואס עס האט א גרויסמאכט צו אידער א מינדערווערטיקער קאלאניע.

אט דער צושטאנד האט אנגערעגט דעם כעס און די ענערגיע פון דעם גלויביקן און קעמפערישן איגנאטאוו׳ן. ער האט זיך צענויפ־גע׳חבר׳ט מיט די פארלאכטע און פארשטויסענע יונגע שריפטשטעלער און דיכטער, צוגעצויגן עטלאכע מאלער און דערקלערט, אז אט א דא, אין דער פארלאזטער און פארביליגטער אמעריקע וועלן מיר אויפשטעלן א נייעם, באפרוכפערנדיקן קונסט־קרייז.

פאר אלע ארומיקע האט דאס אויסגעזען אומגלויבלאך און אומ־מעגלאך. אלע האבן זיך אזוי ווי צענויפגערעדט און האבן פארגרעסערט זייערע אפלאך־מעטאדן. דא האט אויך געשפילט א ראל דאס, וואס איג־נאטאוו האט אויף אזא אופן אפגעצויגן פון דער פרעסע די שריפט־שטעלער און דיכטער, וואס פלעגן זיי צושטעלן מאטעריאל אף אויסצע־פילן די אפטע ליידיקע לעכער פון די צייטונגען. מער פון אלעמען האט מען פארשטייט זיך אפגעלאכט פון איגנאטאוון. יאנאווסקי, למשל, דער דאמאלסטדיקער רעדאקטאר פון דער „פרייער ארבעטער שטימע״, האט פארטרויט זיינע לעזער וועגן איגנאטאוו׳ס א 36 זייטיקער זאך, אז זיי וועלן דא ניט גלאט דארפן דורכלייענען קיין 36 זייטלאך, נאר זיי וועלן פשוט דארפן דורכגיין 36 משוגעים הייזער. און אויב דאס, וואס איג־נאטאוו האט אנגעשריבן איז געדרוקט מיט שווארצע ווערטער אף ווייס פאפיר, דאן דארפן די זאכן, וואס ער, יאנאווסקי, ווארפט אריין אין „ווייסט־באסקעט״, אויסגעקריצט ווערן מיט גילדערנע ווערטער אף קופערנע טאוולען, א. א. וו.

דער עקשן

איגנאטאוו איז זייער אפט באצייכנט געווארן מיטן צונאמען — דער עקשן — און מען מוז צוגעבן, אז ער איז דאס. עס האט זיך גע־פאדערט די עקשנות פון א גאר גרויסן עקשן צו נעמען אף זיך די אויפ־גאבע צו שאפן א נייע קינסטלערישע ליטעראטור אין דער אידישער אמעריקע אין די יארן פון ארום 1905. אלץ איז דא דעמאלט געווען אזוי פארביליגט און אויב עס איז נאך דאן געווען א שטיקל כלומרשטע באציאונג צו דעם אידישן ווארט, איז דאס געווען געווענדט, ווי אויבן געזאגט, נאר צו די שריפטשטעלער, וואס קומען פון דארט, פון דער היים. און איגנאטאוו האט דערפילט דאס גאנצע אומרעכט פון דער דאמאלסטדיקער פרעסע. דעם גאנצן אומזין פון וועלן זיך חבר׳ן מיט איר. ער האט מיט זיין פייערדיקן טעמפעראמענט, מיט דעם אימפעט פון א דערצארנטן, גלויבנדיקן מענטשן גענומען מונטערן און וועקן דאס

אונגטערדריקטע, שאפנדיקע געפיל פון די יונגע שריפטשטעלער. זיין געשריי, אז פון אונדז הויבט זיך אן א נייע אידישע ליטעראטור איז אויך געווארן זייער געשריי. ער האט גענומען וועקן און ארויספירן נייע טאלאנטן; רעדאקטירט, געשריבן, ארויסגעגעבן און געהאלפן שרייבן. און אלץ מיט דעם געדאנק: — מיר זיינען ניט קיין אימיגראנטן, ניט א מינדערווערטיקע קאלאניע פון עפעס א פארריסענער גרויסמאכט. מיר זיינען א נייע אמעריקע. מיט דער צייט האט ער טאקע דעם פארלאג, וואס האט ארויסגעגעבן די זאמלביכער און ווערק פון זיין גרופע דע־מאנסטראטיוו א נאמען געגעבן „אמעריקע".

די זאמלביכער זיינען לכתחילה אזוי ביטער אויסגעלאכט געווארן פון דער פרעסע, אז מען האט געדארפט האבן נאר אזא קעמפנדיקן און איינגעגלויבטן עקשן ווי איגנאטאוו, ניט נאכצולאזן און, ווי נאך אף צו להכעיס אלעמען, אנגיין מיט אלץ ווייטערן און גרעסערן פארנעם. איגנאטאוו'ס בריוו צו דינעזאנען, געדרוקט אין „חדש" פון יאנואר, 1921, קאנען געבן א שטיקל אנדייטונג וועגן די פארצווייפלטע קאמפן און שוועריקייטן, וואס זיינען געלעגן אין וועג. צו דרוקן אין די „שריפטן" א פאר פון די גדולים, כדי צו מאכן כאטש א ביסל בעסער די לאגע און דעם אנזען פון דער גרופע „יונגע" האט איגנאטאוו פאר קיין פאל ניט געוואלט. ניין. נאר פון אט די נייע, אט די ניט באקענטע קאן און דארף געשאפן ווערן א נייע לעטעראטור.

אבער אין אפאר יאר ארום האבן די אפלאכער פאר זיך, צו זייער בייז וואונדער, דערזען אזוינע גרויסע קינסטלערישע זאמלביכער, וואס וואלטן געווען אנגעזען אין איר־גענד וועלכער פון די וועלט ליטעראטורן. די לאכער אבער האבן פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו לאכן. באלד אבער איז פאר זיי ווי א דונער פון א קלארן הימל געקומען בעל מחשבות'עס אן אפרוף. בעל מחשבות, דער הערשנדיקער קריטיקער פון דער זיך גרויסהאלטנדיקער אידישער ליטעראַרישער אימפעריע, האט מיטאמאל צום שטוינען פון אלע לאכערס געשריבן וועגן איגנאטאוו'ס זאמלביכער מיט אזוי פיל אכטונג און ליבע, אז זיי האבן זייערע אויגן ניט געגלויבט.

„זינט עטלאכע יארן גייט ארום דוד איגנאטאוו אין ניו יארק אידישע זאמלביכער, ארום וועלכע עס גרופירן זיך די יונגע טאלאנטן פון דער אידישער־אמעריקאנישער ליטעראטור. איצט ליגט פאר מיר דאס דריטע זאמלבוך, און איך מוז זיך מודה זיין, אז מיר, די רוסישע אידן, האבן נאך דערוויל ניט געהאט קיין איין אלמאנאך, וואס זאל זיך קענען גלייכן צו איגנאטאווס. סיי אויסערלאך, סיי אינערלאך, צייכענען זיי זיך

אוים מיט זייער געשמאַק דאָס פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי אויך פאַר אונז זיין א מוסטער.

ס׳איז שוין אוועק די צייט, ווען מיר, די אידישע שרייבער, זענען געווען דאָס אויבערשטע פון שטויסל, ווען דער קוואַל פון ליטעראַטור האָט געשלאָגן אין יעהופּעץ, וואַרשא און אָדעס. פון יאָר צו יאָר קרעפּ־טיגט זיך די ליבע און דער ערנסט צו ריינער ליטעראַטור אין אַמעריקע און איצט שטייען מיר שוין פאַר אַזא ערשיינונג, וואָס אַרום א יונגן טאַלאַנטפולן מענטשן גרופּירן זיך די בעסטע און ערנסטע ליטעראַטן, וואָס האָבן נאָך נישט די זכיה צו פירן זייער פעדער אין די פעסטונגען פון דער ליטעראַטור פון אַלטן דור שרייבער.

און דער דאָזיגער איגנאַטאָוו איז נישט קיין ביזנעסמאַן, ער איז אויך נישט קיין פאַרלעגער, וואָס מאַכט פון יונגע טאַלאַנטן א סחורה פאַר זיך. סיי איגנאַטאָוו, סיי א גרויסע טייל פון זיינע מיטאַרבייטער זענען געוועןלאַכע אַרבעטער, וואָס פאַרברייינגען די טעג אין וואַרשטאַטן און די פרייע צייט אין די זעצערייען, וואו זיי זעצן כמעט אַליין אָפּ די פּרוכט פון זייער פעדער.

איגנאַטאָוו׳ס זאַמל־ביכער זיינען טשיקאַווע אין צוויי אופנים: ערשטנס, הערט זיך אין זיי די שטים פון די יונגסטע און בעסטע, וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן, און צווייטנס, קלינגט אין זיי די עקשנות׳דיגע שטים פון יונגע טאַלאַנטן, וואָס ווילן דורכברעכן א ברייטן וועג פאַר דעם אידישן שאַפן סיי בנוגע צום אינהאַלט, סיי בנוגע צו די פאָרמען.

אינטערסאַנט איז די אויפגאַבע פון איגנאַטאָוו׳ס קרייז. איטלאָך זאַמל־בוך ענטהאַלט אין זיך א פאַר גרויסע דערציילונגען אָדער ראָמאַנען, די יונגע איז נמאס געוואָרן די אויבערפלעכלאַכע פאָרם פון דער נאָוועלע, און זיי זוכן מיט אַלע מעגלאַכקייטן צו שאַפן אין אונדזער ליטעראַטור די ברייטע פאָרם פון ראָמאַן, חוץ דעם זוכן זיי צו פערברייטן און פער־טיפן דעם געשמאַק פאַר דער פאָרם בכלל, אין דריטן זאַמל־בוך געפינען מיר אַן אָפּטיילונג מיט איבערזעצונגען פון אַלט קלאַסישער און מאָ־דערנער פּאָעזיע. דער לעזער באַקענט זיך דורך דעם מיט די פּאָעטישע פאָרמען פון האָמערן, אַנאַקרעאָנען, קאַטולן און אַנדערע. מיט די פּאָעטישע שאַפונגס אַרטן פון א ריכאַרד דעמעל, האָפּמאַנסטאַל פרידריך ניטשע, אַלפרעד מאָמבערט, בא די דייטשן, מיט סטיווענסאָן, בא די ענגלענדער; מיט א פּעט, סאָלאָגוב, קוזמין בא די רוסן א. א. וו. די איבערזעצונג ווערט געמאַכט פון אָריגינאַל גופא און די מערסטע איבערזעצער זענען אַליין טאַלאַנטפולע פּאָעטן, וואָס האָבן שוין באַוויזן זייער קראַפט מיט אייגענע גוטע זאַכן, ווי, למשל, זישא לאַנדוי, ר. אייז־לאַנד, מאַני לייב און אַנדערע.

ווען איך זאל וועלן אויסדריקן מיט א קורצן שפרוך די אויפגאבע פון דוד איגנאטאוו און זיין קרייז, וואלט איך געזאגט, אז זיין כונה איז אבצורייניגן א וועג פאר אן ערנסטער, רייכער פארם פון דער אידישער ליטעראטור, וואס ווערט פארמיסטיקט און פארשאטן מיט צייטונגס־ליטעראטור, מיט צייטונגס קונסט און מיט צייטונגס פאעזיע.

פארטייף זיך, ליבער לעזער, אין די צייטונגס־פאעזיע און דו וועסט נישט ווילנדיקערהייט אויסשיסן מיט א געלעכטער. דאס וואס וויל לעבן לאנג, זייער לאנג, ווערט א מחותן מיט א שוואך באשעפעניש, וואס לעבט נאר א קורצן מעת לעת. צו איז דאס נישט א חרפה פאר א ליטעראט צו שרייבן זיינע אבגעטאקטע חלומות און געדאנקען אף די קורץ־לעבעדיקע פליגעלאך פון א פייגעלע און צו פארלירט נישט דער דיכטער א טייל פון זיין ערנסטקייט, ווען אנשטאט צוקריצן זיין ווארט אף שטאל, מוז ער דאס פארזיכטיק נישט אנווענדנדיק קיין גרעסערע קראפט פערצייכענען מיט נישטיקע אותיות אף א דורכזיכטיג פליגעלע פון א באנאכטיגן זומער פויגעלע.

דארום טאקע האבן זיך איגנאטאוו און זיינע חברים אבגעקערט פון דער צייטונג און זיך גענומען צו דער ערנסטער אויפגאבע צו שאפן דאס בוך, דאס געשמאקפולע ריין־ליטעראַרישע זאמל־בוך".

— „דאס לעבן" 1914.

די שריפטן" זיינען אין אלע פרטים געווען אן אנהויב פון א נייער תקופה. אויב מען גיט איצט אין אמעריקע אכטונג אף דעם אויסזען פון א אידישן בוך, אויב עס הויבט זיך אן ביי אונדז צו אנטוויקלען די גראפיק, די דרוק קונסט, געהערט די איניציאטיווע דערפון דעם פארלאג פון די „שריפטן", דאס ערשטע אידישע בוך אין אמעריקע, וואס איז ניט נאר געשריבן, נאר אויך ארויסגעגעבן געווארן מיט גרויס ליבשאפט. די „שריפטן" זענען געווען דער אנהייב און דער אויסגאנגס־פונקט פון אלע פארלאגן.

„וויכטיקער פון אלץ, איז אבער דאס, וואס זיי (די שריפטן) זיינען געווארן דער ארגאן פון דעם יונגן ליטעראַרישן דור, פון דעם דור, וואס העלפט מאכן אמעריקע פאר דעם צענטער פון דעם אידישן ליטעראַרישן שאפן.

און אט אזוי האט איגנאטאוו אויסגעפירט זיינס; — פון א מינדער־וויכטיקער קאלאניע פון עפעס א גרויסער־מאכט איז מען דא אליין אן אנערקענטע מאכט געווארן. און מען האט פון דאנען גענומען ווירקן און באווירקן די גאנצע אידישע ליטעראטור.

וועלט איין וועלט אוים

איגנאטאוו האט זיך פארנומען צוצוגעבן דער אידישער ליטעראטור א ברייטערן פונדאמענט און כדי צו פארברייטערן דעם קינסטלערישן פארנעם פון די „שריפטן" און אויך כדי אומדירעקט צו ענטפערן די וואס פלעגן אין זייערע אנפאלן טענה'ן: „פון וואנען קומען זיי די „יונגע", עס פילט זיך דאך ניט אין זיי קיין פארזעצונג פון מענדעלע, שלום עליכם און פרץ", האט איגנאטאוו גענומען דרוקן אין די זאמל־ביכער אויך איבערזעצונגען פון אלט קלאסישע און מאדערנע דיכטער. דאס האט געדארפט הייסן: אט זעט פונוואנען מיר קומען. איגנאטאוו האט דעריבער באוויזן אריינצוברייגען אין אידיש די ערשטע איבער־זעצונגען פון דער „איליאדע.. פון סאפא, אנאקרעאן, קאטול א. א. וו. פון די גריכישע און לאטיינישע שפראכן. ער איז שפעטער אויך געווען דער, וואס האט מיט פרייד אויפגענומען די „קאלאעוואלע" אין אידיש.

איגנאטאוו האט זיך אליין אויך באטייליגט אין מאכן איבערזע־צונגען (פון ענגליש) פון יאפאנעזער, כינעזער, פון אינדיאנער לידער, פון לארד דאנסאני און אויך פון דער ביבל.

פאר זיינע איבערזעצונגען פון דער ביבל איז פאראנטווארטלאך זיין שטארקער כעס אף יהואש'עס דאמאלסטדיקע ביבל־איבערזעצונגען. יענע יהואש'עס איבעזעצונגען זיינען לויט איגנאטאוון געווען א ברוטאלער זשארגאן. יהואש'ן האט דאמאלסט נאך געפעלט א שפראך־סיסטעם און עס האט פאר א סך געשאפן דעם איינדרוק, אז אידיש האט ליידער ניט קיין טראדיציאנעלן אלטן לשון און איז ניט מסוגל איבערצו־געבן דעם אטעם פון דער ביבל. דערצו האט נאך יהואש געפונען פאר נייטיק אפצוטייטשן און „קלאר" מאכן די ערטער, וואו דער נביא גייט אין זיין פאטאס אן ווארנונג איבער פון זיך צו גאט, צום פאלק, צו פעלקער און געטער, צו צייטן א. א. וו. אט די אפטייטשונגען, וואס יהואש האט געפונען פאר נייטיק אריינצושטעלן אין קלאמערן, האבן נאך מער פארוואולגאריזירט דעם ביבלישן גייסט פון דער איבערזעצונג. איגנאטאוו האט דא אלס פראטעסט גענומען און איבערזעצט פאר זיין

זאמלבוך "וועלט איין, וועלט אוים", "האזינו" און "בלק" און האט דערביי פעסטגעשטעלט, אז ביי אונדז איז יא פאראנען א ספעציעלער, גוטער, אלטער אידיש פאר דעם צוועק, דאס איז דער אלט טראדיציא־נעלער אידיש, וואס דער רבי האט דורך דורות געלערנט מיט די קינדער אין חדר. איגנאטאוו האט דעם שפראך אוצר פון חדר באנוצט און בא־פעסטיקט אלס א סטיל. דערביי האט ער אויך פאר יהואש'ן קלאר געמאכט

דעם פאקט, אז צייט, ארט און פערזאָן טאָרן נים אפגעטייטשט ווערן; זיי גיבן זיך נאטירלאך איבער מיטן נביאישן פאטאס און זיינען ממילא גאנץ פארשטענדלאך אַז אפטייטשונגען.

יהואש האט נאכדעם פארניכטעט די פלאטן פון זיינע פריערדיקע איבערזעצונגען און זיך גענומען איבערזעצן פון דאס ניי. כאראקטעריס־טיש פאר דעם אזוי געהויפענעם עקשן — איגנאטאוו איז אויך דאס, וואס א נאכט איידער דאס בוך האט געדארפט גיין צום פרעס, האט איגנאטאוו געכאפט י. י. שווארצן, אים פארשלעפט צו זיך אהיים, ווייל ער איז ביז דעם אוונט בלויז פארטיק געווען מיט האזינו און קוים מיט דעם אנהייב פון „בלק" און שווארץ האט מיט אים געמוזט אפ־זיצן די גאנצע נאכט און אים העלפן פארטיק מאכן און איבערשרייבן „בלק" און אף מארגן האט איגנאטאוו נאך ניט געשלאפענערהייט גע־בראכט צום דרוקער די נייע ביבל איבערזעצונג, — ווייל מען מוז איינמאל פאר אלעמאל דערוויזן, אז עס איז דא א גוטער ביבלישער אידיש בא אידן.

שפאלטונגען

מען קען, אַן איבערטרייבונגען צוגעבן, אַז נאך פרץ'ן איז איגנאטאוו איינער פון די וויכטיקע שריפטשטעלער, וואס האט געהאלפן ארויינ־ברייגגען א נייעם טאָן אין דער אידישער ליטעראטור. אבער ווי עס טרעפט געוויינטלאך אין צייטן, ווען א נייע באוועגונג האלט זיך אין פארמירן, האט אויך אין איגנאטאוו'ס פאל געטראפן, אַז מענטשן, וואס איגנאטאוו אליין האט געהאלפן ארויספירן און ארייג־ברייגגען אין דער אידישער ליטעראטור, האבן זיך פון צייט צו צייט אפגעשפאלטן פון אים און האבן געפרואווט מאכן שבת פאר זיך. זייערע זאמלביכער און זשורנאלן האט אבער געפעלט דער קינסטלערישער דראנג און זיי האבן דערפאר פארפעלט צו שאפן אַן עכטע און דויערנ־דיקע ווירקונג. איגנאטאוו האט זיינע אלמאנאכן ניט גלאט רעדאקטירט. עס וואלט בעסער געווען צו זאגן — ער האט ארקעסטרירט זיינע זאמלביכער; ער האט יעדן זאמלבוך צוגעגעבן זיין גאנצע נשמה. די נשמה און דעם קינסטלערישן פארנעם פון א איגנאטאוו.

עס איז כאראקטעריסטיש וואס א טייל פון דער אפגעשפאלטענער גרופע האט זיך פארנומען ארויסצוגעבן א זאמלבוך, וואס זאל דוקא אויסזען ווי די שריפטן. איגנאטאוו האט אבער באלד ארויסגעגעבן א זאמלבוך „וועלט איין, וועלט אויס", וואס איז לויט זיין אויסזען און צוזאמענשטעל אינגאנצן אנדערש פון די „שריפטן" און איז זיכער נאך ביז איצט איינע פון די שענסטע זאמלונגען אין אונדזער שפראך.

צו דעם נאָמען „וועלט איין, וועלט אויס" איז איגנאַטאָוו געקומען צוליב זיין דערציילונג „דער גבור" (געבויט אויף יפתח'ן), וואו ער הייבט אָן מיט די ווערטער „וועלט איין, וועלט אויס, און אַמאָל איז געווען אַ גבור".

מען האָט זיך אָנגעהייבן טשעפּען צו איגנאַטאָוון: סטייטש, ווי הייבט מען דאָס אָן אַזוי אַ דערציילונג און וואָס הייסט דאָס בכלל „וועלט איין, וועלט אויס", מען זאָגט „וואַלד איין, וואַלד אויס", „טאָג איין, טאָג אויס", אָבער וואָס איז עפּעס „וועלט איין, וועלט אויס"? וואָס מיינט דאָס? און דער ענטפער איז געווען: „גלאַט, פּריש, געזונט און משוגע. . . ."

איגנאַטאָוו אָבער האָט פאַר זיך געגלייבט, אַז די אידישע ליטעראַטור וועט ניט אַרימער ווערן ווען עס וועט איר צוקומען אַזאַ באַגריף, ווי „וועלט איין, וועלט אויס" און, אַז דאָס זיינען אַלץ געשרייען פון מענטשן, וועמען עס פעלט פאַרשטענדעניש און האָס נייע זאַמלבוך האָט טאַקע געהייסן „וועלט איין, וועלט אויס".

III

איגנאַטאָוו און זיינע קריטיקער

דוד איגנאַטאָוו איז אַ גאַנץ נייע דערשיינונג אין דער אידישער ליטעראַטור. די סטאַנדאַריזירטע קריטיקער (אויף וויפיל מיר האָבן צווישן זיי בכלל קריטיקער) ווייסן נאָך ביז היינט צו טאָג ניט וואָס ער איז און ווי אַזוי צו קלאַסיפיצירן אָט די דערשיינונג — איגנאַטאָוו. — ער איז אַ פרעמדער צו זייער גאַנץ אַנדערשדיקער גייסטיקער געזינונג. בּאַ זיי איז דאָס עפּעס אַלץ אַ מין שכל הישר'דיקער יאַנאָווסקיזם. אפילו ווען מיט מער פרעטענזיעס און אַ ביסל אינטעליגענטישער פאַרשלייערט.

דער „קלוגער" יאַנאָווסקיזם איז אַזאַ וויסטע קריינק, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדזער סטאַנדאַריזירטער קריטיק און לאָזט איר פּשוט ניט הנאה האָבן פון זאַכן פון וועלכע אונדזערע בעסערע לעזער האָבן שוין לאַנג הנאה.

— אַ „סטאַנדאַרדיסט" קען ניט באַנעמען איגנאַטאָוון — ער און איגנאַטאָוו באַלאַנגען צו צוויי באַזונדערע ראַסן. — צוקוקנדיק זיך ווי אַזוי איגנאַטאָוו ווערט באַהאַנדלט פון אונדזער סטאַנדאַריזירטער קריטיק הייבן מיר שטאַרק אָן גלייבן אין דער סבּרה. עס זעט באמת אויס, אַז דאָ עקזיסטירט אַ מין זאָאָלאָגישער כעס.

— אַ סטאַנדאַרדיסט איז בטבע אַ מתנגד. און דער ערגסטער מתנגד איז דער, וואָס זוכט דווקא חסידות. און ווען אַ מתנגד לאָזט זיך זוכן

חסידות איז באטירלאר, אז ער זאל דאס גראר געפינען דארט וואו ס'איז ניט בנמצא און זאל דאס וועלן מאכן צו קליינגעלט דארט וואו עס איז יא דא. אחוץ, מען דארף דא צוגעבן, אז דער מתנגדישער איינפלוס האט אסך שאדן געטאן דער אידישער ליטעראטור, — א גרעסערן שאדן, ווי מען שטעלט זיך פאר.

אינגאטאוו קריגט זיך נאך דערצו שטענדיק מיט די קריטיקער און ווארנט שטענדיק די יונגע ניט איינצוגיין אף קיינע קאמפראמיסן מיט זיי... זיין ניט לאנג געדרוקטער בריוו אין שיקאגער „בריקן" איז בלויז איינער פון כאראקטעריסטישע ביישפילן, אדער זיין בריוו צו דאברושינען, געדרוקט אין פרייהייט פון סעפטעמבער 16, 1922 און אין מאסקווער עמעס פון אקטאבער 7, 1922.

מען דארף דא אויך געדיינקען, אז די גאנצע באוועגונג פון די יונגע איז איינטלאך געווען א באוועגונג פון חסידים און קנאים קעגן א וועלט וואס איז געווען גאנץ אנדערש פון זייערער.

אינגאטאוו שרייבט צו דאברושינען:

— „די אידישע ליטעראטור דארף אזוי נייטיק האבן א קריטיקער. כאטש איינעם אף א רפואה. נאר עפעס אזוי ווי א קללה האט זיך אויסגעגאסן איבער אונדזערע קעפ. עס זיינען שוין בא אונדז דא שריפט־שטעלער ריזן, נאר קריטיקער, נאך אלץ קארליקעס. קריטיק בא אונדז קאן נאך ווי ניט אין אויפנעמען אימיטאציעס אויף שאפונג. אימיטאציע איז פאר זיי פלאך גענוג, אז זיי זאלן אין איר טיפקייט דערזען. דאס אריגינעלע אבער רעגט זיי בלויז אויף, מאכט זיי בייז. אזוי בייז וואלט מין הסתם אויך געווארן א בלינדער, ווען מען וואלט אים מיט גוואלט געוואלט די אויגן אויפרייסן", א. א. וו.

וואס איינער זאל ניט האבן אויסצוזעצן קעגן אינגאטאווס יוגנט ראמאן „אין קעסל גרוב", אבער די באשרייבונגען וואס ער האט דארט זיינען אזוינע, אז אפילו א ניט איבעריק גרויסער מבין אף מאלערישע און סקולפטורישע ווערטן מוז פון זיי הנאה האבן. איבערהויפט ציי־כענען זיך דארט אויס די פארשיידענע פרימארגנס און אוונטן.

כאראקטעריסטיש איז אויך דאס, אז כאטש אינגאטאוו האט דארט א סך מארגנס און אוונטן, קומט בא אים פונדעסטוועגן אלעמאל ארויס א נייער מארגן און א נייער אוונט. אינגאטאוו שפילט זיך דארט מיט זונען, אף אזא א פשוטן פרימיטיוון אופן, כמעט ווי ער וואלט א קינד, אדער א נאר וואס געבוירענער מענטש געווען.

שרייבנדיק וועגן זיין פריינט דעם מאלער ב. קאפמאן זאגט דארט אינגאטאוו אין איין ארט:

„אפטימיסטישע נאטורן האבן א נייגונג פאר שפיל, פאר ריינעם פשוטן קינדעריש שפיל. אט די נייגונג פירט געווייגלאך דעם קינסטלער צו פרימיטיווע און ביזארע פארמען און פארבן.

און ווייטער:

„אבער ווען א שאפנדיקער מענטש שפילט זיך אפילו ווי א קינד — שפילט זיך דאביי אויך דעם מענטשנס דערוואקסענער ערנסט און ווערט א ניט אפטיילנדיקער חלק פון דעם שפיל — און זע — עס איז שוין ניט בלויז א שפיל. — עס איז שפיל, עס איז דראמע, עס איז מיסטעריע.

אט דאס אויבנגעבראכטע קאן זייער גוט אויך אנגעווענדט ווערן אף איגנאטאוון אליין.

אט ווי ער שפילט זיך מיט זונען אין זיין „קעסל גרובי":

מענטשן זיינען אף א פיקניק אף א בארג אונטערן שטאט, טומלען דעם גאנצן טאג, טומלען נאך ווען עס ווערט פארנאכט.

די קאמפאניע האט זיך צעשאטן פארוויז אויף פארשידענע פלעצער פון בארג. עטלאכע האבן נאך געטומלט דארט, ארויף, די זון האט זיך געבאדן ניט ווייט פון זיי אין דער בלויקייט וואס נאד'ן בארג און ז י י ע ר ע ק ו ל ו ת ה א ב ן ד ו ר ך ד ע ם ג ע ק ר א ג ן א ב א ז ו נ ד ע ר פ א ר ב א ו ן ק ל א נ ג. (אונטערשטראכן פון אונז).

די זון איז אלץ נידריגער געשוואומען איבער דער גרויסער בלויקייט, ביז זי האט זיך אראפגעלאזט אויף א בוים וואס איז געשטאנען אויפן ברעג פון בארג און זיך גענומען דורכקוקן דורך זיינע צווואקסענע צווייגן. אירע שטראהלן האבן זיך אין פאסן דורכגעשפארט דורך'ן בוים און די גאלדענע פאסן האבן זיך פערטשעפעט אן בוים און פעלן און גענומען מיטשלעפן דעם בארג ערגעץ אהין ווייט אין דער בלויקייט.

(„אין קעסל גרובי" 50)

אדער אזא ווינטערדיקער פרימארגן:

פאר ברוד'ן האט זיך דער מארגן אנגעהויבן, „עפעס אזוי מאדנע":

די לעצטע פאר נעכט איז ער ווייניג געשלאפן, און די נאכט פאר דעם מארגן האט ער בלויז פארטאג געכאפט א דרעמל. גאנץ פרי האט ער זיך אויפגעכאפט און איז ארוים אינ'ם ווייסן דרויסן און דערזעהן, ווי עס ווארט אויף איהם א גרויסע גאלדענע זון. ניט ווייט פון איהם אין פארק ליגט אויפ'ן שניי צוליגט א גרויסע גאלדענע זון און ווארט אויף איהם, ווי זי וואלט זיינער א געטרייער הונט געווען. — און דאס הארץ פארגעהט זיך אזש ביי איהם פון ליבע און פרייד, און ער צושמייכלט זיך ווי א דערוואקסענער פון א קינדערישן, חוצפה'דיקן איינפאל: — „די זון ווארט אויף אים! און ווי זיינער א געטרייער הונט!" און דער

פארק, און די בערג, און די בוימער זיינען ערשט אויפ׳ם ניי צוליב איהם אויפגעוואקסן, אלע אין ווייסן, אלע אין ווייסן. זיי וואקסן נאך, זיי צעוואקסן זיך ערשט איצט פאר זיינע בליקן, און אט, וויפיל ווייסע בערג, וויפיל פארשניטע בוימער! ווי זיי שפרייטן זיך און בויגן זיך. דער ווינט בלאזט שטארק און פראסטיג. און אויף א קליינעם ווייסן בערגל ליגט זיין גרויסע גאלדענע זון און ווארט, און שיקט צו איהם אראנזש־גאלדענע שאטנס. די שאטנס ציהען זיך צו איהם ציטערדיג־צופרידן איבערן צארט ווייסן שניי און קושן זיינע פיס. —

ער לאזט זיך גיין צו דער סטאנציע פון דער אויבערשטער שטאט־באהן, און דער שנעע שפילט אוים אונטער זיינע פיס זיין יעדן טריט: טריט־טראט, טריט־טראט, טריט־טראט! טריט־טראט! און עס דאכט זיך נאך, ווי פויגל פיסטשען, ווי טויבן ווארקען, פידלען שפילן, און דער ווינד נעהמט ארום, האלזט און גלעט, וואשט און ווישט און קושט דאס פנים, און די אויגן, און די הענט. — זיי געבענשט! זיי געבענשט, פאר פראסט, פאר ווינט, פאר שלאף און שנעע. — (דארט זייט 94)

אדער א פארנאכט. חנה, וואס שוואנגערט מיט א קינד ניט פון איר געליבטן ברוך נאר פון איר אייגענעם מאן, באשליסט פטור צו ווערן פון דעם. זי האט שוין אזוינע פילן פאר דעם נאר, זי האט זיי מורא איינצונעמען, און זי ארבעט אויס א פלאן, אז איר געליבטער, ברוך, זאל איר אליין די פילן איינגעבן. זי זאגט, פארשטייט זיך, ברוך׳ן ניט אוים דעם אמת׳ן צוועק פון די פילן. זי זאגט:

„איך פארשטייט עפעס בין איך ניט מיט אלעמען, איך קאן דורך די נעכט ניט שלאפן. בין איך געוועזן בא א דאקטאר, האט ער מיר געגעבן פילן, זיינען זיי דאך מן הסתם ביטער, ווייל איך, אז איר זאלט זיי מיר איינגעבן מיט גוואלד״.

עס איז נאר וואס נאך א זומערדיקן רעגן און ברוך פילט זיך פון דעם גוט אויפגעלייגט. ער האט גלייך ביי זיין אריינקומען אין הויז געזאגט, אז נאך אזא רעגן פילט ער ממש ווי עס טאנצן אים זונען אין הארצן.

צווישן זיי אגב, גייט נאך פון זייער פריער קינדהייט אן א פאר־עקשנטע פארליבטע קריגעניש, און אט דער איינפאל אירער, אז גראד ער, ברוך, זאל זיין דער, וואס זאל אומברייגען דאס קינד אין איר, איז בלויז א מין ברייגען אט דעם ביטער קאפריזנעם ליבע שפיל צו א גאר אומגליקלאכן ביטער זיסן קלימאקס.

חנה שטייט צו:

— נו, איך גיט מיר איין?! יא?

— ווי קינדעריש איך זיך נאך, חנה'קע. נו גוט, נו גוט. — ענט־פערט ברוך.

— מאַמע! (שרייט אויס חנה) — „אַ סאַראַ גוטער גזלן איך זיינט דאָס".

זי דערלאַנגט אים די פּילן, אַ גלאָז וואַסער, און ווען ער נעמט זיך צוגרייטן, דערשרעקט זי זיך עפּעס ווידער פּלוצלינג:

— ברוך!... שרייט זי אויס, און טרערן גלאַנצן איר אין די אויגן.

— נו, חנה, איר מאַכט זיך דאָך פּשוט נאַרעש.

— ברוך, ברוך! איך האָב עפּעס אַזוי מורא.

ברוך, וואָס קאָן זי ווי שוין געזאָגט, פון זייער פריסטער קינדהייט, זעצט זי אוועק צו זיך אויף די קני, דאָס דערמאָנט אין די אַמאָליקע קינדער־יאָרן און זי בעט זיך פּלוצלינג:

— דערציילט מיר פריער עפּעס, יאָ. זאָל דאָס זיין פון ערגעץ ווייט, ווייט — — —

זי דערהוואַרט, ווייזט אויס, אַז ער וועט איר אפשר דערציילן עפּעס פון דער אַלטער היים, פון דער קינדהייט נאָך וועלכער עס בענקט זיך איר אַזוי שטאַרק אין איר איצטיקן מוטערליכן צושטאַנד. ברוך מוז אָבער, אויף זיין אופן, אָנהאַלטן דעם צולהכעיס שפּיל. דערצו איז ער מאַקע פאַרנומען מיט זיינע פּלענער פון אויפבויען פריי אידישע דערפער אין דער אַמעריקאַנער וויטער וועסט. שטימט ער איר איין עפּעס צו דער־ציילן, נאָר ער זאָגט:

— נו, יאָ פון דער וויטער וועסט...

און ווייל דאָס דערציילטע וועט שוין זיין ניט פון דער קינדערשער היים, האָט זי אין זיינע הענט אַ ציטער געטאָן — — — —

ברוך האָט דאָס דערפילט, נאָר ער האָט זיך ניט געמאַכט וויסנדיג און דערציילט.

— שטעל זיך פאָר — אַ זומער־פאַרנאַכט. נאָר־וואָס נאָך אַ רעגן. עס איז פייכט. גרוי. שטעקסט אַרויס דעם קאָפּ פון פענסטער. וויילסט דערזען די פוסטע, ווילד־ווייטע סטעפּ, אָבער זי איז אין אַ שווע־רע גרויקייט פערשוואומען. פערטראַכסטו זיך שווער — — — גאָלדענע בליצן כוואַליען פון מאָל צו מאָל דורך די פייכטע גרויקייט און נאָך זיי דערהערט זיך אַ דונערדיקער בייזער — — — און ווידער ווערט אַלץ טעמפּ, ענג. פאַר'ן פענסטער שפּרייט זיך אַ גרויסע קאַליוזשע; אין דער זייט שטעהט די רויט־געפאַרבטע שטאָל. ס'וועט נאָך אפשר ווידער רעגענען — — — פּלוצלונג אָבער צושרייט זיך פון שטאָל דער יונגער אייזעל און עפּעס אַזוי שטאַרק, ווי ער וואָלט אין זיינע געדערים צו

זאמען, א הונגעריגען ליים און א פארבענקטע קאלב געטראגן — — — און די גרויקייט נעמט ווערן אלץ בלייכער און בלייכער, די סטעפ ווערט מיט אמאל ברייטער, ווייטער און דארטן ווייט — אויף׳ן מערב פראלט מיט אמאל ארויס א גרויסע זון! — — — און באלד שלאגט זיך די זון אפ אין פענסטער, פון ערגעץ א פארמער׳ס הייזעל און אט אין נאך און אין נאך א הייזעל! — — — — די הייזלאך זוכן זיך אויף. אנדערע, וואס שטייען זיי ערגעץ ווייט אנטקעגן און ציינדן אויך דארטן אן זונען און דו הויבסט פאר זיך אן זעהן זונען אין אלע זייטן, וואוהין נאר דו קערסט זיך, זעהסטו פאר זיך א ווייטע, ווילדע סטעפ, איבער וועלכער עס קאטשען זיך אום זונען, רויטע, גאלדענע; באדען זיך — — — און די קאליוזשעס, אין די פייכטע, ווילדע גראזן אין די ווילדע פלאנצן. און עס צורוישן זיך זומערדיג, הילכיג די אנגערעגטע וואסערן און עס וואקסן נאך זונען און זונען. שווימען אום, טיקן זיך — — — און אט נעהמען זיי זיך שפרינגען — — — און עס דערהערט זיך דאס מרי־קען פון א קוה, דאס קרייען פון א האן — — — די אייגענע הינט יאגן נאך איינער דעם צווייטן, כאפן זיך, נעהמען זיך ארום, פאלן אויפן פייכטן גראז, קאטשען זיך און בייסן זיך פאר פרייד, פאר פרייד, חנה. פאר פרייד האט זיך די סטעפ מיט אמאל אזוי ווייט צושפרייט און זיך פערהאנגען מיט אזוי פיל זונען. פאר פרייד שמייכעלסטו ווי א קינד און דאס הארץ פראלט אויף צו דאנקען און צו לויבן, חנה, חנה.

(,,אין קעסל גרובי" 2־171)

די איראניע דערפון, וואס ברוד גיט אומשולדיק איין זיין געליפטער די פיל גראד דאן ווען עס ראנגלט זיך אין איר דאס מאמע געפיל, וואס ברוד צערטלט נאך איינגטלאך אויף מיט זיין פרימיטיוון, כמעט קינדערשן זונען שפיל אין זייער פיין, אבער דער עיקר איז דא דער ליכטיקער פאנ־טאזיע־שפיל, וואס פארשטעלט דעם גראבן מגושמדיקן פאקט. דאס דארף אפגעשעצט ווערן. דאס דארף זיין די ערשטע פליכט פון דער קריטיק. נאר דער קריטיקער מתנגד, ניט קאנעקנדיק איבער זיין מתנגדישקייט אויפנעמען אט דעם ביזארן וואונדערלאך צעשטראלטן שפיל, גיט זיך דא א גאר גרינגע מתנגדישע עצה — ער דערקלערט, אז דאס זיינען ,,פאר־פירענע זונען". צו זאגן דאס אף אט די געבראכטע שטעלן דארף מען שוין זיין א ביסל א צו טרוקענער מתנגד. און אט דער ,,שטארקער" פאפירענער זאג האט געמאכט אן איינדרוק און האט געגעבן א געלעגנ־הייט א פאר קריטיקער־לערלינגע צו מאכן וואריאציעס אויף דעם ,,שטארקן" ווארט. און עס איז אוועק א גאנג: פאפירענע! א שטיין איז זיי אראפ פון הארצן! עס איז זיי פשוט געווארן גרינגער ארומצוגיין

ארום דער ברענענדיקער שטראַלנדיקייט, יאָ עס איז אַ סך גרינגער צו נוצן אַזוינע שטאַרקע פּאַפּירענע ווערטער, דאָס באַפרייט פון דער אָנ־שטרענגונג אַריינצוקוקן אין דעם „קאַלד־אויוון פון שאַפן".

דער „קעסל גרופּ" האָט געוויס אַ צאָל טעכנישע פעלער. אינגאַנצן איז נאָך דאָ גאַנץ יונג געווען. עס איז אָבער דאָ אין דעם ווערק עכטקייט און גאַנצקייט פון געפיל, אַזוי פיל נייקייט און כמעט קינדערשע שפּי־לעוודיקייט פון בילד, אַז עס קויפט אויס דאָס בוך.

וועלכער אידישער שריפטשטעלער האָט בײַ אונדז אַזוי עכט און מיט אַזוי פיל רייץ געשריבן וועגן ליבע?

חנה איז פון דעם „פּטור ווערן" פון קינד אַרויס אַ צעבראָכענע, ניטאָ מער די שיינע חנה. דאָס פּנים איז געוואָרן געל־שוואַרץ, פאַר־מאַטערט, די באַקן איינגעפאַלן און מיט פלעקן; פון צייט צו צייט הינקט זי אפילו אַף אַ פוס. אַ האַנט איז איר אַזוי ווי געליימט. אָבער ברוך זאָגט צו איר אין אַ שטומען שמועס: (די שטומע שמועסן זיינען אַגב פון די שענסטע אָריגינעלע טיילן פון דעם ראָמאַן).

„דו מיינסט, אַז דו ביסט שוין מער ניט שיין? פאַרוואָס מיינסטו אַזוי שלעכט? דו געדיינקסט דאָך נאָך דאָס פאַרבּיקע איי, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אַמאָל (אַלס קינדער) געשפּילט. — צעעפנט מען דאָס גרויסע, רויטע איי, ליגט אין דעם אַ קלענערע איי פון אַנאַנדער פאַרב; צעעפנט מען דאָס אַנדערע איי — ליגט אין דעם אַ קלענערע איי פון נאָך אַנאַדער פאַרב. און אויך דאָס איי צעעפנט זיך! און אַזוי אַלץ ווייטער. און ווען עס האָט זיך אַביסל אָפּגעריבן די פאַרב פון דעם ערשטן גרויסן איי, איז וואָס? — — — מיר האָבן דאָך אָבערביידע געוואוסט, אַז איינעווייניק אין דעם ליגט אַ גאַנצער אוצר פון שיינע, ריינע אייער און אייעלאַך — — —

און שפּעטער, ווען ברוך טראָגט זיך אַריבער ווייט פון זיין געליב־טער, געשעעט אַזוי:

אַלע מאָל — פרימאָרגן אָדער פאַרנאַכט, ווען עס צושפּילן זיך די זונען אויף דעם ווייטן הימל ראַנד און די גאַנצע סטעפּ — ווייט און רונד — זעהט אויס ווי אַ גאָלדען לאַנד, ווי אַ וואונדער לאַנד, פאַרט ברוך אויף זיין גראַב־מאַשין צו אויף זיין שנייד־מאַשין, קלאַפּן זיך שטיקער אייזן אַז אייזן און רעדן צווישן זיך האַלב־ווילד, אַלע אויף איין מאָל — — — און אויפ'ן גאָלדענעם פעלד שפּילן זיך חנה'ס חנה'קעס — גאַנצע טשערעדעס — — — אַז חנה איז נאָך גאָר יונג געווען זיינען דאָך אירע האָר געווען כמעט בלאָנד, זיינען אויפ'ן פעלד אויך דאָ עטליכע בלאָנדע חנה'קעס — — — ווי גוט עס איז אָפּצוואַר־

בעטן דעם טאג אויפ'ן פעלד שווער, פיהלן דעם טעם פון געוונטע, שטארקע בעוועגונג! ס'ארא ברייטער, ס'ארא אומבעגרענעצטער גליק, צו געניסן צופרידן פון אט דער שווערער מידקייט! און דערצו נאך צו זעהן פאר זיך אזוי פיל חנה'ס און חנה'קעס, וואס שפילן זיך איבער דער ווילדער ווייט, צווישן די זונען, מיט די זונען —.

אדער:

— — — — — —

ווינטער.

א לויטערע נאכט.

ברוך ווארפט זיך דורך.

אין די פענצטער קוקט אריין א זילבערנע ווייסקייט. עס שטראלט אריין די שנייאיקע ווייט.

גאר ניט ווייט פון די פענצטער שטייט דער הימל, א דורכזיכטיגער, בלויער, א פארשטערנטער.

עס דערהערן זיך קרעפטיגע, יונג־קלינגענדע שטימען, א געלעכטער — — —

באלד עפענט זיך אויף די טיהר, עס קומען אריין זיין געשטאלט און חנה. ביידע פאלן אריין אין די שניי־שיך, פרישע, אנגעפראסטיגטע, מיט פלאמיגע באקן, שטראהלענדע אויגן:

— כא־כא־כא־כא!

— כא־כא־כא־כא!

— ווער איז א נאר? — פרעגט די געשטאלט, אראפנעמענדיק פון זיך די שניי־שיך.

— דו — ענטפערט זי.

— פאר וואס בין איך א נאר?

— דערפאר וואס דו האסט זיך געיאגט נאך די שטערן...

— הערסטו! אז דער הימל לאזט זיך פאר אונז אראפ אזוי נאהענט, אז עס דאכט זיך: נאר נאך אביסל, נאר נאך עטלאכע שפאן און דו ביזט שוין מיט דיין חנה'קען צווישן הימל און שטערן, צווישן הימל און שטערן.

— און דו נעהמטס און שפאנסט.

— און חנה'קע מיט מיר.

און דער הימל מיט די שטערן?

— טראגט זיך פון אונדז אפ אלץ ווייטער און ווייטער.

— כא־כא־כא־כא!

— כא־כא־כא־כא!

— ווער איז קלוג? — פרעגט די געשטאַלט, אַראָפּנעמענדיק פון איהר די שניי־שיך.

— איך, — ענטפערט זי צופרידן, קינדעריש.

— פאַר וואָס עפּעס דו גאַר?!

דערפאַר וואָס איך האָב געזאָגט: קום צוריק, וועסטו זעהן ווי דער הימל מיט די שטערן וועלן אונז נאַכשפּאָנען.

— פאַר וואָס־זשע קומען זיי איצטער ניט צו צו אונז?

— ווייל, — ענטפערט זי, — ווייל זיי האָבן מורא, אז ווען זיי וועלן נעמהען גיהן, וועלן מיר ווידער אַנטלויפן.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

— באַ־כאַ־כאַ־כאַ!

און דאָס זיינען בלויז אַפּאָר קליינע ביישפּילן פון די פילע שיינע ליבעס סצענעס און ליבע אויסברוכן.

* * *

איגנאַטאָוו האָט אין זיין טרילאָגיע אנגעווענדט די מעטאָדע פון פראַגמענטישקייט, כדי ווי ניט איז אָפּצופרישן די אַלטקייט פון דער ראָמאַן פאָרמע דורך פלוצלינגדיקייט. דורך איבעררייסן און ניט דער־פירן דעם גאַנצן המשך פון איין געשעהעניש צו דער צווייטער. דאָס גיט ניט נאָר צו דעם ראָמאַן פרישקייט, נאָר מאַכט אויך פּלאַץ פאַר דער פּאַראַיכטריגירונג פון דעם לעזערס פאַרשטעלונג. דער קריטיקער־מתנגד איז בטבע ניט פייאיק אויפצוכאַפּן דעם באַפרייענדיקן זייט פון אָט דער פאָרם. און אַזוי איז טאַקי געווען, אַז די פאַרדייןבטפּולע זייט פון דעם ראָמאַן איז ביי די מתנגדים אויסגעוואַקסן אין אַ חסרון, געוואָרן ממש אַ צווייטע „פאַפּירענע זונענ מעשה״, ווייל אַזוי איז ישוין דער וועג פון אַ מתנגד, אפילו (אָדער גראָד) ווען ער איז פון יענע מתנגדים, וואָ זוכן דווקא חסידות.

מען מוז אָבער פון גערעכטיקייט וועגן צו ניגערן צוגעבן, אַז ער רעדט יאָ פון איגנאַטאָוו׳ס אויפגאַבע אַנטקעגן צושטעלן אונדזער כאַאָ־טישן לעבן „דעם אידעאַל פאַר אַ ריינעם געלייטערטן מענטשן״.

דוד איגנאַטאָוו — זאָגט ניגער — „האָט געהאָלפן שאַפן פון איין זייט אַ געריייניקטן און אַ אויסגעאיידלטן אידיש און פון דער אַנדערער זייט — געפּרוּווט אַרויסברייינגען אַן אַ י ד ע אַ ל ע געשטאַלט אַ ה ע ר אָ אי ש ע פּערזענלעכקייט״. און אַז:

„איגנאַטאָוו שרייבט לירישע פּראָזע, — און דאָס איז כמעט דאָס איינגנע, וואָס לידער. ער שרייבט לידער אין פּראָזע. ער שרייבט זיי

אין אנהויב פון שיר ניט יעדן קאפיטל, ער שטעלט זיי אריין אינמיטן, ער פילט מיט זיי אן שיר ניט דאס גאנצע דריטע בוך פונ'ם ראמאן...

„איז עס שלעכט? א, ניין, מיר געפעלט איגנאטאוו'ס פאעטישע פראזע. און איך האלט ניט פאר קיין חסרון, פארקערט, ס'איז א מעלה, וואס א גרויסער טייל פונ'ם נייעם בוך איז אזוי שעהן, אזוי פאעטיש געשריבן. מיר האבן ניט קיין סך דיכטער, וואס זיינען פרום אפגעהיט אין זייער פראזע. געציילטע אידישע שרייבער ציילען זייערע ווערטער, ווענן זיי און מעסטן, ווי א ליד. איז עס א געשאנק — אט דער ווייכער, ווארימער פראזע-געזאנג פון דוד איגנאטאוו..."

IV

איגנאטאוו און זיין וועלט באנעם

איגנאטאוו איז פארוואנדט מיט די פארשיידענע קונסטן, ווי זעלטן ווער פון אונדזערע שריפטשטעלער. ער מאלט ניט, ווי א טייל פון זיי, דורך גלאט אנווארפן פארבן אף פארבן. ער מאלט מיט א מאלערישן, פאכמענישן פארשטיין די פארהעלטניש פון פארב צו פארב. ער שטעלט אויף זיינע העלדן מיט דעם זשעסט פון איינעם, וואס האט א נאטירלאכן דראנג פאר סקולפטור. ער האט די פיאיגקייט צו מאכן פלאסטיש אפילו גאנץ אבסטראקטע באגריפן.

אט נעמט כאטש בלויז דעם אויסדרוק:

„ווי מיר נוצן האלץ, כדי א פייער צו דערהאלטן אזוי נוצן מיר אונזער לעבן אף צו דערהאלטן דאס ליכט פון דער וועלט".

איך זעט אין איגנאטאוו'ס גאלדן איינגלע, א געזונטן פארשטיין פאר דער מאזאאיקע קונסט.

זיין „ווא — ווא — הו, דער שטורמשפילער", זיינע „קינדערלאד מיט בלינדע אויגן" זיינען ניט נאר אן אויסדרוק פון א מוזיק-באגריף, נאר זיינען אליין כמעט מוזיקאלישע קאמפאזיציעס, וואו בילד, ריטם און געשטאלטונג פון שפראך פארנעמען דאס ארט פון מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

איגנאטאוו נעמט זיך אויך אפט אונטער איבערצוליינן מוזיק אין צונעפאסטע אומאזשן און ריטמישן ווארט. גענוג דא צו דערמאנען זיין איבערגעבן פון בעטהאווו'ס לבנה נאכט סאנאטע, וועלכער ער פארענדיקט מיט:

און ערגעץ זיינען פעלדער פול באדעקט מיט ליכט.
און ערגעץ יאגן וועלף זיך נאך א ווילדער ציג.

און ערגעץ יאָגן פּערד זיך, געטריבן פֿון געניטע הענט.
און ערגעץ שווימט אַ יונגער פֿישער צו זיין פֿישעריין אויף נאַכט...
און אָט צעפֿלוידערן זיך און אַנטהאַלט געליבטע ערגעץ אין אַ פּאַרק.
און ווער איז אָט־דער שוואַרצער בעטלער? וואָס טוט ער אויפֿן באַרג?
און וואָס וויינט אַזוי דאָרט איצט אַ מוטער ביי איר שטאַרבנדיקן קינד?
און ווי שיין עס שפּילט זיך וואו אַ קעצל מיט אַ קנויל פּאַפּיר!
און אָט איז אַ בית־עולם,
טויטע זיינען טויט.
צו וואָס־זשע אָט־די שטעגלאַך אינמיטן פֿון דער נאַכט?
און דאָרטן אָט־די וועלף, זיי יאָגן נאָך די ציג.
און צו לויפֿן ווילדע וועלף דען שנעלער ווי ביי אַ מענטשן זיין
נאָגנדיק האַרץ?
און ווי געניט עס יאָגט דאָרט ווער אַלץ די שנעלע פּערד
אויף דעם ברייטן וועג!
און ווי רייך עס קילנגען אין דער נאַכט אָט
די גלעקלאַך פֿון דעם האַסטיקן געשפּאַן!
ווער האָט אַזויפֿיל כּוח אָט־די פּערד געשײנקט?
און ווער האָט אָט־דעם טרייבער געשטאַרקט אַזוי די הענט?

און אָט ווי איגנאַטאָוו זעט און גיט איבער זיין מיינונג וועגן דער ספּעציעלער „פּיוג"־פֿאָרמע אין דער מוזיק, פֿון וועלכער באַד אין דער פֿאָטער:

„שליאַפּניקאָוו האָט אויך שטאַרק ליב געקראָגן באַכס פֿוגן. עפּעס אַן אייביקע, אומבאַרירטע געזעצלאַכקייט אין אָט־דער פֿיוג־פֿאָרמע. אָט זינגט זיך אַ גרופּע שטימען אַזוי ריין פֿאַנאַנדער אויף אַ זיכערן פּלאַנמעסיקן, אַרכיטעקטאָנישן אופֿן. זייער פֿראַזירונג, זייערע פֿאָרמען בויגן און בינדן זיך. שטעלן זיך צעגויף און פֿאַרגאַנצן זיך אַזוי קלאָר, אַזוי פֿאַרשטענדלאַך. אָט — און זיי ווערן שוין, דאַכט זיך, באַלד פֿאַרטיק מיט זייער סטרוקטור, אָבער, נאָך איידער זיי ווערן פֿאַרטיק, קומט־אונטער אַנאַנדער גרופּע שטימען און הויבט די גאַנצע זאַך אָן פֿונדאַסניי. די פֿריערדיקע שטימען קוקן זיך אום, דאַכט זיך, הערן און זעען ווי מען נעמט פֿון זיי איבער זייער טעמע, אָבער מיט גאָר אַנאַנדער גראַד הויכקייט. די פֿריערדיקע שטימען האַלטן אָבער אָן און העלפֿן־מיט די ניי־געקומענע פֿאַר אַ צייט, ביז זיי שטילן זיך ביסלאַכוויי איין. און ווען די נייערע דערגרייכן שוין כּמעט זייער געפּלאַנטע הויך, שפּרינגען ווידער אַרויס נייע און הויבן ווידער אָן. עס ווערט דאַכט זיך, אַ געיעג פֿון די אָפּגעזונגענע און די נייע זינגער. עס דאַכט זיך, מען אַנטלויפֿט

איינע פון די אנדערע, אדער מען יאָגט זיך נאָך איינע די אנדערע. אזוי דאכט זיך, יאָגט זיך איין דור נאָכן צווייטן; אזוי דאכט זיך, נעמט איין דור איבער און טראָגט ווייטער די דערגרייכונגען פון א פריער־דיקן דור".

איגנאַטאָוו גיט זיך טאַקע אויך אָפּ מיט קונסט, לעבט און טראכט אין קונסט טערמינען. עס איז אויך זיין גלויבן, אַז דער מענטשלאכער קונסט־אינסטינקט איז פאראנטוואָרטלאך פארן מענטשלאכן פראָגרעס. און אַז קונסט איז דאָס, וואָס פירט די מענטשהייט אפן וועג צו דער־לייזונג.

אין זיין אריינפיר צו דער מאנאגראַפיע וועגן דעם מאָלער ב. קאָפּ־מאַן, וואָס איז ארויס אויך אין ענגליש, אין דעם קונסט פארלאָג ע. ווייהי, נ. י., 1930, זאָגט איגנאַטאָוו:

„פון זינט דער מענטש האָט אָנגעהויבן זען א בוים, א באַרג, א חיה, ניט גראָד ווייל ער איז געשטאַנען פאר דעם בוים, דעם באַרג אדער דער חיה, נאָר ווייל זיי זיינען אויפגעגאנגען פאר זיינע אויגן איבער, פאר אים גאַנץ אומבאוואוסטע סיבות, פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנ־געהויבן די געשיכטע פון קונסט, די געשיכטע פון יענעם גרויסן ליכט, וואָס האָט זיך אָפּ אייביק אויפגעהויבן ווי א ליכט־קרייז איבער דעם מענטשן". און ער פרעגט:

„וואָס זיינען מיר און וואָס וואָלטן מיר געווען אָן אָט דעם גרויסן ליכט?

„אין דער פארהיסטאָרישער צייט, ווען דער מענטש האָט נאָר געוואוסט ווי אזוי צו באַקומען פאר זיך שפייז, אַן אָרט צום שלאָפן און שוץ פאר זיך און זיינע קינדער, איז דער מענטש נאָך אַלץ געווען בלויז א חיה. ערשט ווען דער מענטש האָט פּלוצלונג געגומען זען דאָס וואָס חיות זעען ניט, האָבן זיך פאר אים צעעפנט נייע האָריזאָנטן.

אין דעם עפּאָקאַליפּטישן צושטאַנד האָט דער מענטש גענומען זען חיות און זאכן, וואָס זיינען נאָר טיילווייז געווען באַגרינדעט אָפּ דער ווירקלאכקייט.

פון דער געשטאַלט פון א שלאַנג, וואָס דער מענטש האָט געזען אין לעבן, איז בא אים אויסגעוואַקסן די פארשטעלונג פון א דראַקאָן. א שלאַנג האָט איין קאָפּ, זיין פאַנטאַסטישע מאַנסטער שלאַנג האָט שוין געקאָנט האָבן עטלאכע קעפּ. א שלאַנג איז פארביק און גלאַנצט, א שלאַנג גיט זיך אמאָל א הויב און א שפּרונג אין דער לופטן, זיין וואונדער שלאַנג פליעגט שוין דערפאר האָבן פאַנטאַסטישע פליגלען און

פלעגט שוין קאנען פליען, פלעגט זיך קאנען אנדיגנען און אפילו ברע־נען ווי די זון.

„אבער אט דעם ניי צוגעקומענעם חוש, האט אפילו דער טייך, וואס איז פאר דעם מענטשן, ווי פאר אלע אנדערע חיות, בלויז געווען וואסער אף צו שטילן דעם דורשט גענומען שטראלן מיט קאליר, מיט פארמען, מיט באוועגונג.

„אין זיין אפאקאליפטישן צושטאנד האט דער מענטש גענומען זען אין דעם טייך, אזא מין פריינטלאכע שלאנג. אט דער טייך איז דורכ דעם געווארן נים נאר א פיזישע נויטווענדיקייט, נאר אויך א לעגענדע, א סימבאל. דער טייך האט דורך דעם געבראכט דעם מענטשן א גאנץ נייע קוואליטעט. ער האט גענומען ווירקן אויך אלס א גייסטיקע באפרידיקונג. ער האט גענומען שטילן נים נאר דעם פיזישן דורשט, נאר אויך דעם מענטשנס דורשט צו פארשענערן און פארברייטערן זיין וועלט און באפרוכפערן זיין גדאנק.

„דער קונסט־חוש האט אזוי גענומען באלויכטן די פינסטערניש ארום דעם מענטשן, האט אים געהאלפן ארגאניזירן זיינע געדאנקען און אים פירן צו אלץ נייערע און גרעסערע וועלט באגריפן. קונסט איז אזוי געקומען און אף שטענדיק פארבליבן יענער פיינער הויפט עלע־מענט, וואס קאנטראלירט און באהערשט אונדזער וועלט".

און ווייטער — באשטעטיקנדיק די אומצווייפלהאפטע גרויסקייט און וויכטיקייט פון דעם מאטעריאליסטישן פאקטאר נים איגנאטאוו צו:

„דער פאקט אבער וואס דער מענטש האט זיך ארויסגעריסן פון זיין חיה'שן צושטאנד און איז געווארן א מענטשלאכע באשעפעניש, איז פונדעסטוועגן א באוויז, אז אונדזער עקזיסטענץ ווערט געפירט און איז באהערשט פון דעם פיינסטן עלעמענט אין אונדז, — פון דעם קונסט עלעמענט".

און געבויט אף אט דעם גלויבן קומט איגנאטאוו צו א גאנץ גע־וואגטן, שטויננענדיקן שלוס:

„אידן האבן זיך גענומען צו קונסט. אונזער אייגנעבוירענע גיים־טיקייט, גרוים דורך גרויסע רעליגיעזע דערפארונגען פון דורות, האט זיך א ווענד געטאן אויף די פארשיידענע קונסט פעלדער פון דער וועלט. די ריינהארטס אויפ'ן טעאטער געביט, די מאראלינס אין דער מאלעריי, די עפשטיינס אין סקולפטור, די רעוועלס אין דער מוזיק, די וואסערמאנס אין דער ליטעראטור, זיינען נים די איינציקע, וואס זיינען געקומען לייגן זייער זיגל אויף דער קונסט פון דער וועלט, אויף דער פסיכיק פון דער וועלט. די פסיכיק פון דער וועלט וועט אפשר דורך דעם מיט

דער צייט קריגן א גאנץ אנדער פנים. ווייל, נאכאמאל דאס אייגענע — די וועלט ווערט באווירקט און באהערשט פון איר אידעלסטן שיכט, פון איר שעפערישקייט, פון איר קונסט.

און ליגן אונזער זיגל אויף די קונסט פעלדער פון דער וועלט, הייסט — ליגן אונזער זיגל אויף דער פסיכיק פון דער וועלט".

וואס איז קונסט, פרעגט איגנאטאוו, און ער ענטפערט:

„קונסט — דאס איז דעם מענטשנס גייסטיקער איך, וואס הויבט זיך אויף איבער זיין פיזישן זיין".

דאס איז איינגטלאך דער גרונט פרינציפ פון איגנאטאוו'ס פילא־זאפיש־קינסטלערישער וועלט אנשויאונג.

אט דער קינסטלערישער וועלט באנעם ברייגגט איגנאטאוון צו אומ־באגרענצטן אפטימיזם. ווייל אויב קונסט איז דעם מענטשנס גייסטיקער איך, וואס רייסט זיך איבער דעם מענטשנס פיזישן זיין, איז שוין דעריבער פאר איגנאטאוון גרינג צו זען, אז דער מענטש וועבט זיך אריין דורך זיין גייסטיקן איך אין דעם שיינעם טעפיך פון אונדזער וואונדערלאכן (און אויב איר ווילט אייביקן) לעבן. און עס איז דאס, וואס מאכט פאר איגנאטאוון מעגלאך צו שרייבן (אף דעם טויט פון זיין חבר מ. ל. האלפרין), אז ווען איינער שטארבט געשעט א נס פאר אונדזערע אויגן:

„בא דעם לעבן איז דעם מענטשנס קערפער און זיין גייסט ווי איין זאך. אין דער רגע פון טויט ווערן זיי צעצווייט אף צוויי גאנץ באזונ־דערע זאכן. מיר דערזען פאר זיך אין דער רגע צוויי — א לעבעדיקן, גייסטיקן מענטשן און א טויטע נאכאמונג פון דעם לעבעדיקן מענטשן.

„מען דערציילט, אז ווען די ערשטע ווייסע זיינען געקומען קיין אמעריקע און די אינדיאנער האבן דערזען א רייטער, האבן זיי געמיינט, אז דאס פערד און דער מענטש זיינען איין באשעפעניש אזא. איינמאל אבער האט געטראפן, אז א אינדיאנער האט געצויגן זיין פייל אין א רייטער און דאס פערד איז געפאלן. דער מענטש אבער האט זיך פאר דעם אינדיאנער'ס אויגן אפגעטיילט פון דעם פערד און גענומען שיסן צוריק. דער אינדיאנער איז דא מיט אמאל דורך ביטערער דערפארונג געוואויר געווארן, אז דער מענטש און דאס פערד זיינען צוויי גאנץ באזונדערע באשעפענישן, וואס זיינען צוליב א באשטימטן צוועק געווען צונויפגעהעפט פאר א צייט.

„אט אזוי זע איך לעבן און טויט. דער לעבעדיקער מענטש טיילט זיך אפ פון דעם געפאלענעם טויטן און קומט אריין אין אונדזער אייביק ליכטיקער היים, ווערט א ניט־אפגעטיילטער טייל פון אונדז.

„מיר וואָלט זיך געוואָלט, אַז איר זאָלט מיר ניט נאָר גלויבן. נאָר טאַקע אויך זען און פאַרשטיין, אַז אייער לעבן איז אַ סך לײַנגער ווי איר מיינט.

„מיר בלײַבן לעבן און לעבן אַפֿילו נאָכדעם, ווי מיר וואַרפֿן אַראָפּ פֿון זיך די פֿאַר הויפּנס ערד וואָס מיר טראָגן.

„דאָס לעבן האָט שטענדיק די בכורה.

„טויט איז ערשט מעגלאַך, ווען עס איז דאָ לעבן, און קיינמאָל ניט פֿאַרקערט.

„דאָס לעבן פֿאַרהאַלט שטענדיק דעם לעבעדיקן מענטשן פֿאַר זיך"

דאָס געבראַכטע איז בלויז צו באַשטעטיקן, אַז קונסט איז בײַ איגנאַטאָוון דער וויכטיקערער מענטשלאַכער איד, דער איד, וואָס האָט דעם מענטשן פֿאַר מענטש געמאַכט. קונסט איז אונדזער צווייטע, העכערע סטראַטע און ווען דער מענטש שטאַרבט פֿאַלט פֿון אים בלויז אַוועק די אונטערשטע סטראַטע. דאָס לעבן אַף וויפֿיל עס איז ניט בלויז חיה'ש, פֿאַרהאַלט שטענדיק דעם לעבעדיקן מענטשן פֿאַר זיך.

פֿיל מער און ברייטער ווערט אָט דער ענין — לעבן און טויט — אַרומגערעדט פֿון איגנאַטאָוון אין זײַן „דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט" (געבויט אַף אַ טייל פֿון רבי נחמן בראַסלאַווערס מעשיות).

עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלאַך פֿאַר איגנאַטאָוון ניט צו האָבן קיין דרך ארץ פֿאַר די סטאַנדאַריזירטע אידישע קריטיקער, וועמען ער אַטאַקירט בײַ יעדער געלעגנהייט. ווײַל ער ווייסט, אַז זיי האָבן ניט קיין שום קונסט באַנעם. ער ווייסט, אַז דאָס זײַנען אַלץ מענטשן, וואָס ווייסן באמת ניט פֿון ארור המן ביז ברוך מרדכי אַף דעם פֿעלד פֿון קונסט. זײַנע אַטאַקעס אַף זיי זײַנען אָפֿט גאַנץ ביטערע, אָבער זיי, פֿאַרשטייט זיך, בלײַבן אים ניט שולדיק אין חשבון.

פֿאַר דעם זייער אַקטיוון און דאַך, מאָדנע, דעם צוריקגעצויגענעם איגנאַטאָוון, איז אײַנטלאַך גאַנץ נאַטירלאַך, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זײַן קאַמף קעגן דער טעגלאַכער פּרעסע אָפּגעשטעלט. אַ דור שרײַבער, וואָס איז צום סוף פֿון דער אייגענער פּרעסע געוואָרן אײַנגעלאַדן און אויפֿגענומען געוואָרן, אַז ער זאָל זיך פֿון די אײַנלאַדונגען אָפּזאָגן, און זאָל אין דער פּרעסע ניט אַרײַן. אַלעמען אונטערגעפֿירט און אַליין, נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד פֿון די אידישע רעדאַקציעס.

ער זאָגט נאָך אַלץ, אַז מען טאָר ניט. און ווי ער האָט זיך אַמאָל אין זײַנע יוניאָן טעג צעריקגעצויגן פֿון דער יוניאָן, ציט ער זיך נאָך ביז איצט צעריק פֿון באַנקעטן און אוונטן פֿאַר אים. ווען די נויאָרקער

קולטור געזעלשאפט האט אראנזשירט אן אוונט פאר אים, צוליב דער דערשיינונג פון „אף ווייטע וועגן" איז ער אליין צום אוונט ניט געקומען. דאס אייגענע איז אויך געשען ווען דער פען קלוב האט אביסל שפעטער צענויפגערופן אן אוונט פון זיינע מיטגלידער פאר דעם צוועק.

איגנאטאוו, וואס פלעגט פריער, ווען ער האט זיך נאך ניט ארויסגעגעבן אלס שרייבער, אזוי אפט ארויסטרעטן אף עפנטלאכע פארזאמלונגען, האט זיך גלייך נאכדעם מיט אמאל דערפילט ניט באקוועם און שעמעוודיק. און אפילו ווען ער איז שוין אייגעגאנגען, אז פאר דעם „פען" קלוב, וואס האט פאר אים אראנזשירט דעם אוונט, דארף מען מאכן אן אויסנאם, און ער איז שוין מיט אפאר חברים צוגעגאנגען ביז צו דער זאל, האט ער אבער, גלייך פאר דער שוועל דערפילט, אז ער קאן ניט... און האט זיך אויסגעדרייט און אוועק איבערלאזנדיק די חברים אליין.

V

איגנאטאוו און די פראלעט-פירער

איגנאטאוו איז ניט פון די מענטשן, וואס ווילן זיך איינקויפן אין יחוס. און וויל, ווייזט אויס, אויך ניט מען זאל אים „אונטערפירן". אלס ענטפער אף א פארוואורף פון די פראלעט-מענטשן, שרייבט ער אין „פרייהייט" פון אקטאבער 16, 1933 :

„און עס האט נאך בא אייך ווייטער גענומען הייסן, אז איך האב זיך ממש אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דעם אידישן ארבעטער. — דער ארבעטער, דער ארעמער, דער אומגליקלאכער אידישער ארבעטער !

„לאזט זיך אבער אויס, אז איך גלויב לחלוטין ניט, אז דער ארבעטנדיקער מענטש איז אן אביעקט פון רחמנות און איך גלויב אויך ניט, אז ס'איז שיין צו מאכן דעם ארבעטער פאר אן אביעקט פון חניפה. ווען איך זע, אדער הער, אמאל אימיצן פון מיינע קאלעגן זיך חנפה'נען צום ברודער ארבעטער, ווער איך בייז אויפגערעגט. דער ארבעטנדיקער מענטש איז מיר רעוואלטירט. און נאך : איך גלויב, אז די, וואס טוען דאס האנדלען דא גאר ניט איין, זיי באליידיקן דא בלויז אי זיך אי דעם ארבעטער.

„פאראנען מענטשן, וואס מיינען, אז דער ארבעטער טראגט זיך ארום מיט שווערע טענות צום שרייבער. איך אבער גלויב, אז דער ארבעטער ווייסט, אדער פ י ל ט ווינציקסטנס, אז דער שרייבער טוט פאר אים לכל הדעות ניט ווייניקער ווי ער, דער ארבעטער, טוט פאר דעם שרייבער.

„איך גלויב אבער, אז אויב עס זאל זיך ארויסווייזן, אז דער ארבעטער קומט נאך דעם שרייבער ארויס, דארף דער שריפטשטעלער פונדעסטוועגן אויף דעם ארבעטער קיין רעכענונג ניט צושטעלן.

„איך קען דעם ארבעטנדיקן מענטשן ווי איך קען זיך און ווייס מיין וועג ווי אזוי צו טאן ארבעט פאר אים. עס קען, פארשטייט זיך, זיין אז איר האט גאנץ אנדערע מיינונגען און וועגן, ווי אזוי איך, דער שריפטשטעלער, וואלט געדארפט העלפן דעם ארבעטנדיקן מענטשן. עס קאן אפילו אויך זיין, אז אייערע וועגן און מיינונגען זיינען גוטע און — פאר געוויסע מענטשן — בעסערע. נאר וואס קאן איך אבער טאן, אז ביים שלום מאכן מיט די גוטע מיינונגען פון פארשיידענע מענטשן און גרופן מוז איך פריער פון אלץ און זיכערער פון אלץ זען שלום מאכן מיט זיך אליין, מיט מיינע אייגענע כחות און מעגלאכקייטן, און האב דערביי אזוי אויך א גאנץ שווערע מענטשלאכע אויפגאבע. פארא־נען דאך א געוויסער סכום כחות אין ערגעץ א געוויסע קוואליטעט פון כחות. איר וועט מיך שוין צום ארבעטער ניט פירן און וועט אויך זיין וועג צו מיר ניט פארשטעלן. איך קום צו אים ווי איך קום צו זיך אליין, מיט איינגאנצן מיין אויפגערודערטן, זוכנדיקן געמיט, ווי צו זיך אליין. און אויב דאס וועט מיר שוין צו אים ניט ברייננגען, טא ווי אזוי וועט איר מיך קאנען צו אים אריינפירן? דער וועג איז נאך דערצו אזא, אז אפט טרעפט, אז גראד די וואס מען פירט אונטער ווערן ניט אריינגעפירט און די וועמען מען פארשטעלט דעם וועג — קומען אריין.

„איך ווייס, אז פיקעטן, פירן סטרייקס, רופן מאסמיטינגען און א. וו. איז א וויכטיקע און נייטיקע מענטשלאכע ארבעט. איך האב די ארבעט אמאל אליין געטאן, און זאג, אז געבענטשט זיינען די וואס טוען דאס פאר היינט און פאר מארגן. דאס איז אבער ניט די איינציקע גוטע, נייטיקע און וויכטיקע טואונג פאר דעם מענטשן, דעם ארבעטער.

און ער פארענדיקט:

„איך פון מיין זייט וויל פונדעסטוועגן זאגן צו די שרייבער: שוסטער, האלט זיך ביי אייערע לייסטן! דער ארבעטער וואלט אפשר אמאל געקאנט געהאלפן ווערן פון אייער מאראלער וואג. נאר איר האט זיך אבער ביז איצט דא אין אמעריקע קיין מאראלע וואג אזא ניט דערוואָרבן. עס וועט נאך נעמען יארן, אפשר, דאס לעבן פון א דור א גאנצן, ביז מען וועט ביי אונדז וויסן, וואסערע באמת גרויסע שריפטשטעלער מיר האבן היינט צו טאג. אפשר וועט מען דאמאלסט אויך זאגן אז „צו זייער ווארט האט מען זיך גערעכנט און געדארפט צוהערן". דערווייל אבער, איז איך, מיט אייער טאלאנט, בלויז בא־

שערט צו העלפן בויען און צוגרייטן געזונטע בילדלאבקייט, סטימור־לירנדן געדאנק, אפדעקן דאס ברוטאלע און דאס פארפייערטע געפיל פון אייער דור, זיינע פארטיפטע געפילן צו פריער און צו שפעטער. און וועט איר אט־די וואג אייערע נעמען אויסבייטן אויף סטרייק־פירעריי, וועט מען אייך פריער אדער שפעטער מוזן זאגן, און מיט רעכט, אז עס איז אן אומגליק ווען באקן פלעצל נעמט דער שוסטער און נייען שיך דער בעקער. סטרייק־פירער, יוניאן־פירעריי — דאס איז א פאך אזא.

איגנאטאוו איז פול מיט גרויסן גלויבן. אין א בריוו אין „פרייהייט", מאי 1925, זאגט ער: „אן אוצר פון גרויסן קינסטלערישן שאפן ליגט אין דער איצטיקער יונגער אידישער ליטעראטור, און טאקע, איבערהויפט, אין דער אמעריקאנער אידישער, אן אוצר, וועלכן די וועלט וועט נאך באוואונדערן.

„פרץ, זאגט איר, האט פאר אייך דורכגעשלאגן א פענצטער קיין איראפע, און מיר, זאג איך, שלאגן פון אייך א פענצטער פאר איראפע.

און אין אן אנדער ארט:

„געוועזן אף דער וועלט אזא זאך ווי א פוילישער „ניע פאזוואליאם".

„ניע פאזוואליאם", זאגט מען פלעגט א שלאכטעץ אויסשרייען, ווייל ער האט שוין ביי זיך פון פריער אפגעמאכט אזוי צו טאן.

ווארנט אגנאטאוו און זאגט: „טאמער וועט איר שרייען „ניע פאזוואליאם" וועט איר מיט שטוינען אין א שיינעם טאג דערזען ווי מיר הייבן זיך אויף און שפאנען איבער אייערע קעפ".

א סך דיכטער און קינסטלער זיינען געפאלן אף די קני פאר די פראלעט־פירער. א סך גייען אין זייער שפאן, אבער ניט איגנאטאוו. ווען שכנא עפשטיין איז מיט יארן צוריק ארוים אף די שפאלטן פון דער „פרייהייט", אז מען דארף א „רעוויזיע", איז איגנאטאוו קעגן דער דאזיגער רעוויזיע ארויסגעטראטן אין דער „פרייהייט" און געזאגט, אז א רעוויזיע דארף מען טאקע יא, אבער אזא, וואס זאל ברייננגען די קונסט נענטער צום ארבעטער. און זיכער ניט אזא, וואס טרייבט אפ דעם ארבעטער פון דער קונסט. און ער זאגט דארט:

„איך זע קונסט און רעוואלוציע ווי צוויי גלייכע שטראמען, וואס הייבן זיך אן פון איין קוואל. דער קוואל איז: די מענטשלאכע טענדענץ צו שטענדיקער ווידערגעבורט, די מיסטעריע פון קונסט, די מיסטעריע פון רעוואלוציע —ביידע ברייננגען באנייאונג; ביידע קומען אפצור־פרישן, אנדערשן; ביידע פארזיכערן, אז אייביק יונג איז די אלטע מענטשהייט".

„... דער קינסטלער דערלויבט זיך, אויסצונוצן אלץ אין שפאן

פון דער קונסט, און דער רעוואָלוציאָנער דערלויבט זיך אויסצונוצן אַלץ אין שפּאַן פון דער רעוואָלוציע. דער קינסטלער און רעוואָלוציאָנער האָבן כמעט איין אָטעם אין זייערע נאָזלעכער, און אייפער און זיכערקייט אין זייערע בליקן; די זיכערקייט, אַז צו זיי געהער די וועלט וויל בייזע, סיי דער קינסטלער און סיי דער רעוואָלוציאָנער פילן, אַז זיי וואָרצלען אין דער וואונדערלאַכער מיסטעריע פון אייביקער מענטשלאַכער באַנייאונג. („האַמער", סעפּטעמבער, 1926).

און אין א צווייטער שטעל אין דעם אייגענעם „האַמער" שרייבט איגנאַטאָוו:

„איך פאַרשטיי, אַז כדי בלויז אַן איבעריקן מאָל פאַרנאַדערצווויקלען די פאָן פון דער רעוואָלוציע, קאָן אין מעג דער מענטש פון דער רעוואָלוציע אפילו האָבן טענות צו דער לבנה, פאַרוואָס זי האָט זיך אויפגעהאַנגען אין הימל און שווייגט ווי אַן אַריסטאָקראַטקע, פאַר וואָס צעעפנט זי ניט איר מויל און נעמט ניט רעדן איבער דער גאַנצער וועלט וועגן רעוואָלוציע".

„דאָס איז א וועג, אף וועלכן מען מאַכט נוצן פון דער לבנה פאַר דער רעוואָלוציע"—זאָגט דאָרט ווייטער איגנאַטאָוו—„מיר קאָנען אָבער אויך א טראַכט טאָן מיט ניט ווייניקער רעוואָלוציאָנערן שוואונג און זאָגן: ניין, ניט קיין רעאַקציאָנערקע איז די לבנה, זי איז אונדזער ליכטיקער אָדלער, זי לויערט איבער אונדזער רעוואָלוציאָנערע האָפנונגען ווי, א שטאָלצע מאַמע, איבער אונדז די טרעגער פון דער רעוואָלוציע" — און — אויב שוין דוקא פאַרבינדן די לבנה מיט רעוואָלוציע, טא זאָלן שוין בעסער אונדזערע רעוואָלוציאָנערע געמיטערפּלעכטן פאַר זיך קרענץ פון איר ליכט".

איגנאַטאָוו גייט שטופנווייז צו זיין ציל דורך דעם פּלאָנטער פון פּראָלעטאַרישער און בירגערלאַכער קונסט און ער זאָגט:

„מענטשן האָבן דורך זייערע קינסטלער געמאַכט רעוואָלוציעס פאַר מענטשן און דורות, און מיר זיינען די געזעצלאַכע יורשים פון דעם. א קונסטווערק איז ניט נאָר אַזוי וויכטיק, ווי א באַריקאַדע, נאָר נאָך פיל וויכטיקער. א באַריקאַדע איז ערשט דער מיטל פאַר א צוועק און א קונסטווערק איז שוין צוועק אין זיך אַליין,,.

דאָס זענען עטלאַכע פּראָבעס פון איגנאַטאָוו'ס אופן פון דיסקוסיע. אָבער איגנאַטאָוו זאָגט ווייטער:

„מען קאָן אפשר רעדן וועגן בורזשואַזער קונסט אף דעם אופן, ווי מען רעדט וועגן עגיפּטישער, גריכישער אָדער אַנדערע קונסט עפּאָכן. אָבער יעדע קונסט עפּאָכע איז און בלייבט א וויכטיקער עטאַפּ אין די

גייסטיקע, מענטשלאכע דערגרייכונגען, און רופט ארויס אונדזערע פאר־דינטע, אומבאגרענצטע באגייסטערונג ביז אף היינטיקן טאג".

אין יענעם דיסקוסיאנס אַרטיקל, ווייזט אונדז דוד איגנאַטאָוו אויך ארויס זיינע קענטעניש אין קונסט. האָט איז, ווען ער רעדט וועגן מיקעלאַנדזשעלאָ.

„... אין דער אידייע, אז אן ערדענער טאָפּ איז ווערט מער פון מיקעלאַנדזשעלאָ'ס א סטאטוע, גלויבן מיר שוין ניט מער. מיר ווייסן שוין איצט, אז אן ערדענער טאָפּ איז ווערט אן ערדענעם טאָפּ און אז מיקעלאַנדזשעלאָ'ס א סטאטוע איז ווערט כל הון דעלמא. עס ווערט ליכטיק אין די אויגן פון דעם באַפאַנצערטן ריטער פון מעדיטשי; פון דעם גרויסן פאַרנעם פון דער פּאָזע, פול מיט נאַכדענקענדיקער און הערשנדיקער אַקטיוויטעט. ווי ליכטיק עס ווערט פון אַט דעם זשעסט פון דער האַנט אף דער קני, אזוי פלוצלונג, אומדערוואַרטעט! מיקעלאַנ־דזשעלאָ האָט געוואלט און דער מירמלשטיינערנער ריטער האָט געפאָלגט און א בויג געטאָן זיין האַנט מיט א לייכטער שמייכלדיקער שפּילעוו־דיקייט און אויפגעהויבן די צוויי טע. דער פאַרפּאַנצערטער מירמל־שטיינערנער ריטער האָט זיך דאָס, דוכט זיך, נאָר וואָס אוועקגעזעצט, גרייט צו דינען דעם גוטן, דעם פאַראייביקט גרויסן און ליבן מיקעל־אַנדזשעלאָ. און מיקעלאַנדזשעלאָ געפינט זיך דאָ ניט ווייט ארום, מאָדעלירט, אַרבעט פּיבערהאַפט אף דער פיגור, וואָס ער וויל אויס־האַקן פון אַט דעם הערשעריש באַוואוסטזיניקן ריטער. די לופט ארום איז פול מיט דינאַמיק, מיט שאַפן".

און איגנאַטאָוו ווענדט זיך צו די לינקע פּירער:

„... נאָר, האָט מען מיר אָבער נאָכדעם געזאָגט, אז איך האָב אייך ניט גוט פאַרשטאַנען, אז „אדרבה, גיט אונדז היינט נביאים, גיט אונדז היינט אן איליאַדע, אן איליאַדע פון דער רוסישער רעוואָלוציע".

„איך ענטפער דערויף, זאָגט ווייטער איגנאַטאָוו, אז די איליאַדע איז ניט געשריבן געוואָרן דורך דעם, וואָס אימיצער האָט געגעבן אן עצה דעם בלינדן האָמער, אז ער זאָל זיך אין דער צייט פון שלאַכט אוועקזעצן ביי די ווענט פון טראָי, אַנשטעלן זיין לירע און עס וועט זיך ארויסזינגען אן איליאַדע. עס האָט גענומען א צייט פון דורות ביז אז איליאַדע און א „קריג און פרידן" זענען געשאַפן געוואָרן. און די רוסישע רעוואָלוציע וועט נאָך זיכער האָבן אירע איליאַדעס, איר „קריג און פרידנס" און נביאים ווילט איר. נו, פּרוּוונט, נביאים גיבן מיר אייך, נאָר נביאים האָבן שוין אזא מזל — מען פאַרוואַרפט זיי מיט שטיינער. ניט די נאַדסאָנס און ניט געוועזענע און היינטיקע עדעל־

שטאטס זענען קונסט, אדער רעוואלוציע, נאר די פושקינס, די פעטס און מאני לייבס. זיי זיינען קונסט. קונסט, נים קיין פראקלאמאציע נאר שאפנדיקער גייסט". — דאס איז מער ווי געוואגט!

וויניק קינסטלער האבן געהאט דעם קעמפערישן מוט, ארויסצוטרעטן קעגן די פראקלאמאציע פאהערער, ווי דוד איגנאטאוו. און דאס איז דערפאר, ווייל איגנאטאוו ווייסט וואס קונסט איז און וואס איז די באשטימונג פון דעם קינסטלער. אין דעם זינען טרעפט זיך איגנאטאוו צוזאמען אף איין פונקט מיט לאנדויערן (און אויך מיט אנדערע). וואס איז קונסט? די באשטימונג פון קינסטלער? די אויפגאבן פון קינסטלער? מיר וועלן ענטפערן דורך גוסטאוו לאנדויער, דער טראגיש אומגעקומענער אין דער באיערישער ראטן רעפובליק:

„דער פאעט פירט אן מיט דעם גאנצן ארקעסטער. ער איז דער גרויסער איינזאמער, פונקט ווי יענער סאלא־טענאר אין דער ניינטער סימפאניע, וועלכער פליט, פליט, און וויל נים אויפגעבן זיין הימנע, און וויפיל די מאסע זאל נים שרייען און בעטן בא אים — ער קאן זיך שטעלן קעגן דער מאסע. ער קאן באשטיין. ער איז דער אייביקער רעוואלוציאנער. אין די צייטן פון א רעוואלוציע קאן ער זיין דער ערשטער, דער ערשטער קעמפער פאר דעם נייעם, פאר דעם נייגעבוירענעם, ער קאן אפהיטן דאס אייביקע. וואו עס הויבט זיך אן צו צופוילן און דער גייסט פארשווינדט — קומט דער פאעט און באפרייט. מיר מוזן האבן פרילינג, מיר מוזן האבן רעוואלוציע, מיר מוזן האבן דעם פאעט".

„לעבנס פאעזיע און לעבנס־קאמף איז אלץ איינס. מען קעמפט, כדי מען זאל קאנען זאגן שירה; מען זאגט שירה, כדי מען זאל קאנען ווייטער קעמפן. דער מענטש מוז האבן א נייע שירה, א שירה פון א ניי לעבן, פון א נייעם גייסט".

„מיר זענען דיכטער, ווייל דיכטונג איז ווילן; ווילן איז פרייהייט, לעבן. די נייע וועלט וועט געבוים ווערן דורך דיכטונג, געזאנג, שירה — נים דורך חשבונות, צאלן, ביודזשעטן, דעקרעטן. דער נייער מענטש וועט שטענדיק זאגן שירה".

„איך גיי צו צו שעקספירן און באטראכט אים נים דורך ליטעראטור־היסטארישעברילן, נאר איך קום צו אים, כדי צו לערנען בא אים די עקאנאמישע, סאציאלע, פילאזאפישע פראבלעמען פון אונדזער דור. איך זוך דארט אונדזער נשמה און דאס אינערלאכע קערנדל פון אונדזער לעבן".

פארגלייכן מיר די איגנאטאווושע מיט די לאנדויערשע אויספירונגען, אזוי זעען מיר, אז ביידע טרעפן זיך אויף איין פונקט — די שטענדיקע

ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט איז די קונסט — און דער קינסטלער, — דער באגייסטערטער, דער רעוואָלוציאָנער, דער שאַפער. אַלטע וועלטן ווערן באַנייט; איין דור טייטשט אויס דעם צווייטן — דאָס איז דער המשך אויף אַלע געביטן. איגנאַטאָוו וואָרנט דערפאַר מען זאָל ניט פאַרגעסן, אַז „פאַר אונדז האָבן אויך געלעבט ליכטיקע דורות".

איגנאַטאָוו זאָגט ווייטער:

„מיר דאַרפן צו דעם נאָך אָננעמען, אַז אַ קונסטווערק איז אַזאַ מיסטעריעזע דערשיינונג, וואָס לאָזט זיך בכלל ניט אַרומנעמען אײַנגאַנצן אַף איינמאָל. אַלץ, וואָס מיר זאָגן וועגן אַ קונסטווערק, איז סיי ווי בלויז אַן אָפּטייטשונג אַזאַ. מיר באַמיען זיך אַזוי אָבער אַנדערש פאַנאַנדערוויגן דאָס ווערק פון אונדזער אייגענער טובה וועגן (אָפּט פון אונדזער אייגענער רעה וועגן) פון די אַלע פאַנאַנדערוויגענישן בלייבט זיך דאָס געשאַפענע ווערק גאַנץ אָפּט אַפילו פון אָרט ניט גערירט, וואָרים דאָס ווערק איז כמעט שטענדיק עפּעס נאָך אַ גאַנץ אַנדער זאַך ווי דאָס וואָס מען זאָגט וועגן דעם. (ווי די לבנה אין דער געבראָכטער אָפּטייטשונג).

איגנאַטאָוו זאָגט אין דעם דערמאָנטן „האַמער":

„איך האַלט דעם ווערטער שפּיל וועגן בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער קונסט פאַר אַ געפּערלאַכע שפּיל. דאָס צעמישט און פאַרפּלאָכט דעם באַגריף פון קונסט.

„פאַר וואָס טוט מען דאָס?" און ער ענטפערט — „מען טוט דאָס דערפאַר, וואָס עס פעלט אויס פאַרשטעלונג אָדער דערפאַר וואָס עס פעלט אויס צייט אַף צו טראַכטן" — און — „אַזאַ מעטאָדע דעפינירט שנעלער, מאַכט קורצער די ליניע" און א. וו."

לאַנדויער זאָגט:

„אין די צייטן פון דער רעוואָלוציע איז דאָס לעבן אַזוי אינהאַלטספול און רייך, אַז יעדער חודש זעט אויס ווי צענדליקער יאָרן. אויך די מענטשן זענען אַנדערש. באַשיידענע מענטשן, באַהאַלטענע און צוריקגעצויגענע, ווערן עזות פּנימער, קאָנען ניט מער קיין גרעניצן. נאָר ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דער רייכקייט און טיפקייט פון יעדן מאָמענט, קאָנען מיך ריכטיק באַגרייפן דאָס ווען פון יענע מענטשן, פון די מענטשן — פון רעוואָלוציאָנערע צייטן — וועלכע האָבן ניט קיין מורא פאַר דעם טויט, וועלכע הרגענען און זענען גרייט אַליין צו שטאַרבן מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן און מיט דער אַבסאָלוטער זעלישער רואיקייט".

און איגנאַטאָוו זאָגט:

„מיר לעבן אין אַ וואונדערלאַכער צייט און אויב די גרויסע רעדער פון דער גרויסער צייט זאָלן זיך פאַרנעמען אַריבערצופאָרן אַפילו איבער אונדזערע אייגענע רוקנס דאַרפן מיר נאָך אַלץ אַפילו מיט אונדזער לעצטן אָטעם זאָגן צו אָט דער צייט — זיי געבענטשט. אויב די אַדער יענע קונסט וועט ליידן פון דער איצטיקער צייט, איז דאָס נאָך אָבער אַלץ די צייט פון באַנייאונג". דער הונגעריקער לייב — די צייט — האָט דאָס גרויסע לייבן רעכט אָף צו פאַרצוקן דעם שיינעם, העם ליכטיקן הירש". „ליכטיק ביזטו צייט, נאָר איך וויל אַז דו זאָלסט נאָך ליכטיקער ווערן". — „צייט, האָב ניט נאָר דעם אינסטינקט פונאַ לייב, האָב אויך די פלינקייט פון דעם הירש און אויך די וואונדערלאַכע פליגלען פון דעם פייגעם מענטשלאַכן באַוואוסטזיין".

לאַנדאַוער זאָגט.

„... אין די איבערגאַנגס יאָרהונדערטן צווישן איין רעוואָלוציע און דער אַנדערער, איז די אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציע, צו זיין פאַר די מענטשן אַ „ריינגונגס באָד" פון גייסט אין פייער, אין באַגייסטערונג, אין דער ברידערשאַפט, וועלכע ליגן אין דער אָפּענסיוו באַוועגונג, וועלכע לעבט שטענדיק ווידער אויף די אייניקייט צווישן מענטש און מענטש; אין דער ליבע, וואָס איז אויך די קראַפט; אָן דער דאָזיקער באַנייאונג וואָלטן מיר גאַרניט געקאָנט עקזיסטירן, וואָלטן מיר שוין לאַנג ניט אָף דער וועלט געווען".

פאַרגלייכט מען די אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען פון לאַנדאַוער, און די ציטירטע פון איגנאַטאָוון, אַזוי קומען זיי זיך צו זאַמען אין דעם אופן דענקען, אַז רעוואָלוציע איז שאַפן, אַז רעוואָלוציע איז באַנייאונג.

אונדזערע יוניאָן סקווערער און איסט בראָדווייער אידן איז אַזאַ צוגאַנג זאַלאַגיש פרעמד.

VI

איגנאַטאָוו וועגן פּאַרטייען און פּאַרטייאישקייט

דוד איגנאַטאָוו וויל, אַז דער קינסטלער זאָל ניט באַלאַנגען צו קיין פּאַרטיי, כאָטש ער לייקנט ניט די נויטיקייט פון פּאַרטייען. פּאַרטייען קומען און פאַרלאַנגען, אַז די שריפטשטעלער זאָלן זיך שטעלן אין זייער דינסט.

און ווען יונגערע שריפטשטעלער זיינען לעצטנס אַרויס מיט בטול קעגן די עקזיסטירנדע פּאַרטייען און — „לאָמיר גרינדן אַ נייע פּאַרטיי", — איז איגנאַטאָוו אויפגעטראָטן און האָט צווישן אַנדערס אויף דעם געזאָגט:

„דער אמת, אבער זאגט איגנאטאוו, איז אינגאנצן קעגן אייך. — פארטייען, די פארשיידענע, די אלע פארטייען טויגן יא, ווי עס טויגן די אלע פארשיידענע רעגונגען, וואס ראנגלען זיך אין יעדן לעבעדיקן מענטשן.

„עס איז אבער די עובדה פון דעם מענטשן, און נאך מער איז עס די עובדה פון דעם שאפנדיקן מענטשן, צו וואכן איבער דעם געראנגל פון זיינע פארשיידענערליי עמאציעס און העלפן זיי, און דורך זיי — אויך זיך צו קומען צו גרעסערער לייטערונג, צו גרעסערער שלימות. דער מענטש איז דעמאלט אי אין אי אויסער זיינע אלע קעגנגעזעצטע רעגונגען; דער מענטש איז דעמאלט אף זיין אמת'ן אף זיין גאנצן מענטש־לעבן וועג.

„און ווי עס איז מיט דעם יחיד לגבי זיך אליין, אזוי איז מיט א געוויסן טייל פון דער מענטשהייט לגבי דער גאנצער, אין פארשיידענע פארטייען פונאנדערגעטיילטער מענטשהייט. און אזוי ווי א פוס דארף ניט וועלן טאן די ארבעט פון דער האנט און זיי ביידע דארפן ניט וועלן טאן די ארבעט פון די אויגן, אזוי דארפן די מענטשן וואס זיינען בארופן צו זיין אומפארטייאיש, ניט ווערן פארטייאיש.

„באציען זיך מיט בטול צו פארטייען, איז ניט קינסטלעריש, ניט אומפארטייאיש און ניט מענטשלאך־עכט. עס טוט דעריבער וויי אז דער אביסל צו נאקעטער בטול־טאן פון שריפטשטעלער.

און איגנאטאוו זאגט ווייטער:

„די וועלט איז איין גאנצער, גרויסער קערפער, וואס טראגט מיט זיך זיין גיפט און זיין היילונג. (גיפט איז אגב אמאל א גאנץ גוט הייל־מיטל”)

„די וועלט רייסט און ראנגלט זיך דורך איר גוטס און שלעכטס, דורך אירע פארשיידענע פינצטערע און ליכטיקע פארטייען און גייט אויף איר וועג צו לייטערונג. און פונקט ווי א רופא מוז ניט אליין ווערן א חולה כדי צו היילן דעם חולה, און פונקט ווי א ריכטער מוז ניט אליין ווערן דער באשולדיקטער, כדי ארויסצוגעבן א גערעכטן משפט, אזוי מוז ניט דעה, וואס איז בארופן צו זיין אומפארטייאיש, ווערן פארטייאיש.

„געדענקען דארף מען נאר, אז אומפארטייאישקייט איז א פריוויר־לעגיע, וואס ניט יעדערער איז בארופן צו טראגן. אומפארטייאישקייט

לייגט ארויף גרויסע שווערע פליכטן. ניט יעדער איז ראוי און ניט יעדער האט געגוג גרויסן גייסטיקן כוח פאר דעם. בלויז געציילטע מענטשן קאנען זיך לייטערן און דערהייבן צו דער גרויסער מדרגה צו דער גרויסער פאראנטווארטלאכקייט.

„עס איז זיכער א טייל פון דעם קינסטלערס באַרוף צו העלפן אוועקשטעלן און באַפעסטיקן אַט דעם באַגריף, זיך אנהעפטן און ווערן א טייל פון אים.

„— פאר וואס זאל מען אַט די אומפּארטייאישע ניט אָרגאַניזירן?

„— ווייל זיי וואלטן מיטאמאל געווארן אַן אנדער מין. און ——— טאקע אויך דערפאר, וואס די אומפארטייאישע זיינען ערגעץ אויף זייער אופן אַרגאַניזירט.

„פונקט ווי עס זיינען אויסער די געזעצן, וואס זיינען פארשריבן אין ביכער, אויך פאראנען ניט געשריבענע געזעצן, וואס הערשן און ווירקן אין לעבן פון מענטשן און פעלקער, אזוי איז צווישן די פילע אָרגאַניזירטע פּארטייען פאראנען אויך אַט די ניט פּארטייאישע פּארטיי. און עס איז גראד אַט די אומפּארטייאישע פּארטיי, צו וועלכער עס קומען זיך משפּט'ן אַט די אַלע פּארטייען, צי זיי ווילן דאָס צי ניט.

„ווען די אומפארטייאישע זאלן אויף דעם אַרט פון „ניט געשריבן געזעץ" ווערן געשריבן געזעץ, ווען אייער ווילן זאל געשען און פון דער אומפּארטייאישער פּארטיי זאל ווערן א פּארטיי מיט אלע פּרטים ודקדוקים פון די עקזיסטירנדיקע אַרגאַניזירטע פּארטייען, וואלט חלילה צעמישט און פּארטונקלט געווארן דאָס געוויסן פון דער וועלט.

אינגאַטאַוו ווייסט:

„אין דער איצטיקער צייט איז אפשר אביסל נאַאיוו און אביסל געפערלאַך צו רעדן אַזעלכע רייד; רייד וועגן דעם, אַז א טייל פון דער מענטשהייט דארף באלאַנגען צו דער ניט געגרידענער אומפּארטייאישער, אָדער אפשר גאר איבערפּארטייאישער פּארטיי און אז דאָס איז א פּאַסטן, וואָס דער מענטש, דער קינסטלער טאר ניט פארלאָזן. און דערצו נאך — גלאַט רייד וועגן דעם, אַז יעדער פּארטיי איז נייטיק און באַרעכטיקט".

און ער זאָגט:

„אַט קאַן מען דאך מיר שטעלן אַזא פּשוט'ע שאלה:

„און וואָס איז וועגן היטלעריזם? איז אַט דער פינצטערער היטלעריזם אויך גערעכט און באַרעכטיקט?

„און איך ענטפער: יאָ, אויך דער היטלעריזם איז גערעכט און באַרעכטיקט.

„אפילו אין זיין סאמע ביטערסטן געשריי, אַז אידן זיינען. . . אזוי

ווייטער און ווייטער... איז דער היטלעריזם גערעכט און בארעכטיקט ווי ס'איז גערעכט און בארעכטיקט דאָס בייזע אויפשפרינגען פון א שלאַנג, ווען מען טרעט איר אַן אויפן עק; ווי עס איז גערעכט א רויבער באַנדע, וואָס וויל ניט האָבן צווישן זיך איינעם, וואָס איז ניט קיין הונדערט פּראָצענטיקער רויבער.

„דאָס אידישע פאָלק איז צווישן פעלקער, וואָס די ניט אָרגאַניזירטע אוכּ־פּאַרטייאישע פּאַרטיי צווישן די די אַלע מענטשלאַכע פּאַרטייען.

„די אָרגאַניזירטע פעלקער פון דער וועלט האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט ווי רויבערבאַנדעס אויף די וועגן פון דער וועלט, און מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק צווישן זיי, וועמענס בליקן קוקן אָוזעען גאַנץ אַנדערש פון זיי. אַפילו די פון אונדז, וואָס העלפן זיי מיט אין זייער רויבערישע אַרבעט, טוען דאָס צוליב גאַנץ אַנדערע מאָטיוון. דער ריינער שלאַנגען־גיפט אין אונדז איז אין זיין אמת'ן תוך לאַנג אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין אונדז. די געשיכטע האָט דאָס געטאָן מיט אונדז און די געשיכטע העלפט אונדז אויפצושטעלן און געפינען מענטשן צווישן די פעלקער, וואָס נעמען קוקן ווי מיר מיט בליקן, וואָס ברענען דורך די גרעניצן וואָס צאַמען אָפּ לאַנד פון לאַנד. די געשיכטע, די אומשטענדן, דער נאַטירלאַכער מענטשלאַכער דראַנג, זיינען מיט אונדז. מענטשן זיינען ניט געשאַפן צו פאַרבלייבן אייביקע שלאַנגנעסטן (זאָל מיר שפּענגלער מוחל זיין. א מענטש איז טאַקע פון דערהיים ארויס א חיה, נאָר ער איז פון א חיה פאַרט מענטש געוואָרן און ער איז לויט זיין מענטשלאַכער נאַטור געשטעלט געוואָרן צו ווערן אַלץ מענטשלאַכער) אָבער אויף וויפיל דער שלאַנגען אינסטינקט לעבט נאָך פאַרט אין די פעלקער, אויף אַזויפיל שרייען זיי אויף, ווען זיי דערפילן, אַז מיר זיינען געשטעלט געוואָרן צו טרעטן אויף זייערע שלאַנגען עקן.

„ניט שפּענגלער, וואָס נוצט ערנסטן מענטשלאַכן געדאַנק, כדי אָפּצורייקענען דאָס אמת מענטשלאַכע, נאָר די היטלערס, די מאַזלים זיינען גערעכט, א רחמנות נאָר אָף זיי — זיי קעמפן א פאַרלוירענעם קאַמף.

„פאָול פון טאַרשיש האָט ביטער געקעמפט קעגן קריסטוסן. געטראָפן אָבער האָט, אַז אין דעם סאַמע מיטן פון זיין וועג פאַר א נייעם ביטערן קאַמף קעגן, האָבן זיך בא פּאָולן גענומען בויגן די קני און ער איז געפאַלן אָף זיין פּנים, זיך געבוקט און מיט אייפער אויסגערופן:

„— דו האָסט געזיגט, יעזוס, דו האָסט געזיגט.

„און ווי דער איד פאָול פון יענע יאָרן האָט זיך געפונען געצוואונגען צו קניען פאַר קריסטוסן, אַזוי וועלן די פעלקער פון דער וועלט פריער אָדער שפּעטער זיך מוזן בויגן פאַרן אידישן גייסט און זאָגן צו אונדז:

„— איר האָט געזיגט, אידן, איר האָט געזיגט".

מען דארף האָבן דעם גלויבן פון א איגנאַטאָוו צו קאָנען אין דער איצטיקער ביטערער צייט פון היטלעריזם קומען מיט אזא גלויביקן טרייסט וואָרט. עס קלינגט ווי א נייער: „נחמו, נחמו עמי".

און איגנאַטאָוו פרעגט בא זיך אליין: — הייסט דאָס, אז איך בין פּאַרטייאיש אין דעם אויבנגעבראַכטן פאַל?

און ער ענטפערט:

„— ניין. ווייל — זאָגט ער — איך רעד דערביי ניט ווי איינער, וואָס באַלאַנגט צו אַן אָפּגעצאַמט, אָפּגעלאַנדט פאָלק, נאָר ווי איינער, וואָס באַלאַנגט צו דעם צווישן פעלקערלאַכן פאָלק.

„און דער קינסטלער?

„ער איז סוף כל סוף אַ מענטש; ער מעג האָבן אַזוינע אָדער אַנ־דערע פּאַרטיי נייגונגען; אַזוי לאַנג אָבער ווי ער שליסט זיך ניט אויס פון דער ניט פאַקטיש געגרינדעטער, נאָר אף דער אמת עקזיסטירנדיקער אומפּאַרטייאישער פּאַרטיי, טראָגט ער מיט זיך יענע אַנגעהעריקייט, יענע גרויסע מענטשלאַכע אחריות, וואָס גרעניצט זיך מיט דעם גרויסן מענטש־לאַכן געוויסן פון דער וועלט".

די יאַנאָווסק'ס פון אונדזער אידישער וועלט, זיינען ניט געוויינט צו אַזוינע געדאַנקען און ניט צו אַזא קינסטלערישע באַציאונג. עס איז ניט זייער וועלט. זיי באַדאַרפן אין אַלץ א קרעמערישע באַציאונג, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו זייער געטאָ וועלט. די געטאָ באַציאונג הייבט זיך בא זיי איינגנטלאַך אַן פון דעם, וואָס פריער פון אַלץ לייקענען זיי ערגעץ אין זיך אליין, זיי גלויבן ניט אין זייערע אייגענע כחות. עס איז א מין אינפעריאָטי קאָמפּלעקס. און אויב זיי דערקלערן שוין עפּעס פאַר גרויס, איז דאָס ביי זיי טאַקע מערסטנס איבער דעם „וואָס פלאַכקייט איז די מאָס פון זייער גרויס". „אימיטאַציע איז פאַר זיי פלאַך גענוג, אַז זיי זאָלן אין איר טיפקייט דערזען". איגנאַטאָוו לייקנט אָפּ די געטאָ. דאָס אידישע פּאָלק איז פאַר אים ניט קיין געטאָ פּאָלק, נאָר א גרויס וועלט פּאָלק, וואָס דאַרף אייגנטלאַך ערשט פון דאָס ניי נסגלה ווערן פאַר דער גרויסער וועלט. אָט דאָס ניט אָפּגעשאַצט פּאָלק פון איגנאַ־טאָוו איז איינגאַנצן ניט דאָס פּאָלק פון אונדזערע געטאָ מענטשן און זיי ווילן מיט אים אַזוי גיך שלום ניט מאַכן. אָבער דאַרף באמת איגנאַ־טאָוו זייער שלום?

גענוג צו דערמאָנען די דייטשע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן בייזוויליק באַהאַנדלט, אָדער גאָר איינגאַנצן פאַרשוויגן שאָפּענהויערן, ווייל ער פלעגט זיי ביטער אַרונטעררייסן. שאָפּענהויערס אייגענע מוטער, וועלכע איז אליין געווען א שריפטשטעלערין, האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אַן זיינע

קריטיקער און געשטראָפט איר זון, פאַר זיינע אידייען און זיין אויפ־פירונג, האָט שאָפּענהויער איר געענטפערט: „ווען דיינע ביכער וועלן ליגן פאַרשטויבט אין די ביבליאָטעקן, וועט מען מיך ערשט אָנ־הייבן לייענען".

ניין, איגנאַטאָוו דאַרף מיט די געטאָ־מוטערס פון דער אידישער ליטעראַטור קיין שלום ניט מאַכן. ער קאָן זיי שוין איצט מיט שטאָלץ זאָגן דאָס, וואָס שאָפּענהוימער האָט געזאָגט צו זיין מוטער. און ער זאָגט דאָס זיי אויך אויף זיין אופן:

„א טרייסט נאָר איז פאַראַן בא מיר פאַר אייך אזא — צו איר ווילט צו ניט — מיטגיין וועט איר מיט מיר ביסלאַכווייז, טאָקע קרום אזוי און הינקעדיק, מיט מיר אף ווייטע וועגן".

און א גרויסן וועג איז ביז זיינע פופציק יאָר דורכגעגאַנגען דאָס ברוסילאָווער איגגל, דוד, אָדער דודעס איגנאַטאָווסקי, דער איצטיקער דוד איגנאַטאָוו, וואָס האָט נאָך צו דרייצן יאָר שרייבן ניט געקאָנט.

דר. י. ראָזענפעלד.

מ א נ י ל י י ב

א י ג נ א ט א ו ו ן

ווי אין א מעשה

חברים ווערן אלט. זיי שטארבן אוים. דער טויט האט ניט פאראטן.
און טעג — זיי בייטן זיך אויף טעג ווי ביים ציגיינער פערד.
דו האסט אליין די ערד געשאטן אויפן קבר פון דיין טאטן
און שוין — געדענקסטו ניט דעם ריח מער פון יענער ערד.

אזוי, אזוי. נאר אונטער אונזער זון איז נאך ביי דיר פארבליבן
א חבר, זיין געעלטערט פנים, טייער, ליב און גוט;
און זיסער ציטער פון א ליד פון דיר אן תכלית ניט געשריבן,
נאר אויפגעשריבן שלאגט עס אין דיין קלוג באראיקט בלוט.

אך ליד! געדיינקסט נאך יענעם נאר, ווי פון א מעשה פון פארצייטן,
וואס האט זיך דא מיט אונז אין אונזער שאטן אפגעשטעלט.
א נאר — ער איז צו אונז געקומען פון די אלדי ווילדע וויטן
מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות אויסלייזן די וועלט.

און וואונדער,—ער האט אויסגעלייזט די וועלט. און קינדער אין די אויגן
אן מעשיות שלאפן איין, און וואקסן פונם שלאף ארוים. . . .
און זיינע אלע מעשיות — אין די שיינע מעשה־ביכלאך ליגן
ווי אין דער מעשה פון א מיל — אמאל — וועלט איין — וועלט אוים.

נאר אין איין מעשה זיינער,—פריי זיך הארץ!—דארט אויף א וויטן שטערן
א שטיבל שטייט נאך היינט מיט גרינעם ווינשאק ביז צום דאך.
און אויף דער טיר פון שטיבל רופט אין אוונט פריינטלאך א לאמטערן,
און אין דעם שטיבל שפילט פאר פריינט דער אלטער פרומער באך.

די טראגעדיע פון
א רויטער בלום

דר. ח. זשיטלאָווסקי

די טראַגעדיע פון א רויטער בלום

(דוד איגנאַטאָוון צו זיין פופציק־יאָריקן יובילעי)

דוד איגנאַטאָווס לעצטער ראָמאַן אין דריי בענדער: „אויף ווייטע וועגן” איז שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר א ס י מ ב אָ ל י ש ווערק, ד. ה., אזא, וואו די לעבעדיקע פיגורן, די סיטואַציעס פון דעם לעבן, די געשפּרעכן און די האַנדלונגען זיינען ניט ג ע מ י י נ ט, ווי לעבעדיקע פיגורן מיט זייערע געדאַנקען, געפילן, שטרעבונגען און האַנדלונגען אין אזוינע אָדער אַנדערע אומשטענדן, נאָר ווי אַנצוהערענישן אויף א פאַרבאָרגענעם תוך. גריילעך מעגלעך, אז איגנאַטאָוו'ס שאַפן געהערט ד ע ר י ב ע ר צו אַט דעם מין, און עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פּרואוון דורכצודרינגען דורך די קינסטלערישע שילדערונגען פון איגנאַטאָוו'ס לעצטן ווערק צו די טיפער ליגנדיקע געדאַנקען, וואָס נויטיקן זיך אין אן אויסטייטש.

איך מיין אָבער, אז אויך ביי סימבאָלישע ווערק דאַרף מען אָנ־האַלטן דעמזעלביקן כלל, וועלכן די אַלט־אידישע דענקער האָבן אויפ־געשטעלט פאַר דער אויסטייטשונג פון דער ביבל. אויך יעדער פּסוק פון תנ"ך קאָן גענומען ווערן אי אין זיין פּשוט'ען פּשט, אי ווי א רמז (אן אַנצוהערעניש אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך), אי ווי א דרש (א חקירה, אן אויספאָרשונג, ווי א טייל פון א גרעסערן איינהייטלאַכן געדאַנקען־בנין) אי ווי א סוד, א געהיימניש, וואָס דאַרף נאָך אויפגעדעקט ווערן. „פּרדס”, איז דער שיינער ראשי־תיבות פאַר אַט די מינים אויסטייטש. איז אָבער דער הויפּט־כלל דערביי, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו”. קיין פּסוק ווערט ניט אַרויסגעשטופּט פון זיין „פּראָסטן פּשט”, וויפיל רמזים און דרשות און סודות ער זאָל ניט טראָגן פאַרבאָרגן אין זיך. און אַלץ איינס, צי די שילדרונג באַנוצט זיך מיט ריין רעאַלע עלעמענטן פון דער ווירק־לעכקייט, — ווי דער וואונדערלעכער עפּאָס פון דער „מכירת יוסף” געשיכטע, — צי די שילדערונג איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַנטאַסטישע עלעמענטן, ווי דאָס רוב וואונדער־געשיכטן פון דעם תנ"ך, בלייבט דער כלל א כלל. אויך די וואונדער־געשיכטן דאַרפן גענומען ווערן, ווי שיל־דערונגען פון פ א ק ט י ש ע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען א ז ו י ווי זיי ווערן געשילדערט.

דעם איינענעם כלל דאַרף מען אויך אָנווענדן, ווען מען האָט צו

טאָן מיט סימבאָלישע ווערק. דער קינסטלער דערצעלט אונז א מ ע ש ה. גראָד אין אידיש האָט דאָס וואָרט „מעשה" דעם דאָפּלטן באַדייט אַי פון א פאַקט, פון א ווירקלעכער געשעעניש („א מעשה א ביסל!", „א מעשה וואָס פּ א ר ל ו י פ ט ניט!") אי פון אַן אויסגעטראַכטן. („דערציייל מיר ניט קיין מעשות!"). דער קינסטלער דערציילט אונז א מעשה, ס'איז, ווי ער וואָלט אונז דערביי געזאָגט: „ס'איז א "מעשה'לע" פון מיר אויסגעטראַכט, אָבער איך וויל איר זאָלט זי נעמען, ווי א „מעשה שהיה", א פאַקט, וואָס האָט זיך באמת „פאַרלאָפן". וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט זי אויף איך, ווי א שילדערונג פון ממשות'דיקע פאַקטן. אָלץ איינס צו די עלעמענטן זיינען פון דער רעאַלער וועלט, אָדער פון מיין אייגענעם כוח הדמיון?"

„און דער ערשטער פרעג וועגן דעם איינדרוק איז א ריין קינסטלערישער. האָב איך מיט מיין טאַלאַנט געמאַכט איך גלויבן, אויפגעוועקט אין איך די אילוזיע, אַז פאַר איך שטייט א לעבעדיקע ווירקלעכקייט,— אָלץ איינס, צי זי איז אָנגעפילט מיט זינגענדיקע שטערן און טאַנצנדיקע בלומען, אָדער מיט אמת'ע בשר ודם'ס?"

אויב אָט די א י ל ו ז י ע ווערט אויפגעוועקט און מיט קיין זאַך אין דער שילדערונג ניט געשטערט, האָבן מיר דערמאָלט צו טאָן מיט א קינסטלערישן טאַלאַנט. ערשט דערנאָך קומען די פראַגן וועגן דער גרויס, דער אַרט און די גרעניצן פון דעם טאַלאַנט, וועגן די א נ ד ע ר ע געפילן און געדאַנקען, — מאָראַלישע, סאָציאַלע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און וויים איך וועלכע — וואָס די שולדערונגען וועקן אין אונז אויף און וואָס קאָנען זיין פאַרשיידן ביי פאַרשיידענע לייענער. דער קינסטלער קאָן דורך די גרויס און די אַרט פון זיין טאַלאַנט אונז לאָזן דורכפילן און דורכטראַכטן גראָד יענע געדאַנקען און געפילן, וואָס דער קינסטלער האָט דורכגעלעבט און געפּרואווט אַרויסזאָגן דורך זיינע שילדערונגען. מיר קאָנען אויך זיי דורכלעבן, און פאַרט ניט אָפּשאַצן זיי מיט דערזעלביקער מאָס, מיט וועלכער דער קינסטלער שאַצט זיי אָפּ. דאַרויף זיינען מ י ר, די לייענער, די באַלעבאַטים. אָבער פאַרגלייכן אונזער אָפּשאַץ־מאָס מיט דעם קינסטלערס האָט פאַר אונז א זין נאָר דערמאָלט, ווען „אין מקרא יוצא מידי פשוטו", ווען די „מעשה", וואָס ווערט אונז דערצעלט, ווערט פאַר אונז א לעבעדיקע געשעעניש.

„איש היה בארץ אמעריקע; בערמאַן — שמו". „געווען א מאַן אין דעם לאַנד אמעריקע; זיין נאָמען איז — בערמאַן". אָט דאָס איז די מעשה, וואָס איגנאַטאָוו דערצעלט אונז. בערמאַן, זיינע פריינד און באַקאַנטע, זיין גייסטיקע סביבה און דורכלעבענישן,— אָט דאָס איז דער

הויפּט אינהאַלט פון זיין ראָמאַן. פון אַלע עפּיזאָדן נעם איך אַרויס נאָר אַ פּאָר, אַט די וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין טראַגישן סוף: זיין אַנטלויפן פון דער ראַדיקאַלער סביבה; זיינע דורכלעבענישן אין אַ נאַכט אין הער פּרעיריע; זיין פאַזוך ביי די שליאַפּניקאָוו׳ס אויף דער פאַרם; זיין צוריקקער צו דעם מענטשלעכן ישוב, זיין וואַנדערונג צו דער פ ר ו ם־א י ד י ש ע ר וועלט מיט אַ נייעם, סאָציאַליסטישן אויסטייטש פון דער אידישער רעליגיע און זיין פאַרשטייניקט ווערן פון די דערצאָרנטע אידן.

אַלע אַט די עפּיזאָדן זיינען געשילדערט מיט אַזאַ שטאַרקן קינסטלערישן אימפּעט, זיינען אַזוי לעבעדיק, אַזוי רעאַל, אַז מען פאַרגעסט אינגאַנצן אַן מחבר. איז שוין ניט אונזער באַבעס דאגה, וואָס ע ר האָט געוואָלט דערמיט זאָגן. מיך אינטערעסירט קודם די שילדערונג, ווי אַ קינסטלערישע דערגרייכונג, און דערנאָך — דורכאויס באַפרידיקט פון דער קינסטלערישער דערגרייכונג — פּרואוו איך מיר קלאָר מאַכן, וואָס דאָס געשילדערטע שטיק לעבן דערציילט מ י ר.

בערמאַן, אַ ראַדיקאַלער סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון יעדער אַרט אידישקייט, איז אויף אייגענע וועגן ווידער געקומען צו אַן אייגנאַרטיקן א י ד י ש־רעליגיעזן גלויבן, ווי אויך צו אַן אַנדער בליק אויף געוויסע יסודות פון דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם. אין אונזער ראַדיקאַלער וועלט זיינען שוין פאַראַן אַ היבש ביסל פאַרטרעטער פון דערמיעלביקן מין. איניקע פון זיי שפּילן אויך אַ חשובע ראָליע אין אונזער ראַדיקאַלער ליטעראַטור. איך דערמאָן די נעמען פון די ברידער א. און י. שטיינבערג, וויליאַם נאַטאַנסאָן און ב. ריווקין.

דאָס ר ו ב זייערע, ווי פאַרשיידן און אָריגינעל יעדער איינער פון זיי זאָל ניט זיין, האָבן אָבער אַ געמיינשאַפטלאַכן שטריך. דער תוך פון זייער שטרעבן קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט דעם אַלט־קאַבאַליסטישן „לשם יחוד־נוסח. ס׳איז אָדער: „לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה סאָציאַליזם‟ אָדער: „לשם יחוד סאָציאַליזם ושכינתיה קודשא בריך הוא‟. דער פּסיכאָלאָגישער גרונד־טאָן באַשטייט דעריז, וואָס דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, ווי זיי פאַרשטייען אים, און דער רעליגיעזער גלויבן אין זייער אויסטייטש, וואַקסן זיך אָרגאַניש אַזוי צענויף, אַז זיי, די וואָס גלויבן אין דעם „לשם יחוד‟, דוכט זיך, זיי שטאַמען ביידע פון איין־איינציקער וואָרצל. פון זייער איינענער נשמה־בענקעניש נאָך הייליקייט און גאַנציקייט. העריבער מוזן זיי זיך פילן פאַרפרעמדט סאַי אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס וויל דאָס רוב ניט וויסן פון רעליגיע, סאַי אין דער פרום־רעליגיעזער וועלט, וואָס וויל כמעט דורכאויס ניט וויסן פון סאָציאַליזם. פאַר זיי אָבער איז „סאָציאַליזם‟ און „רעליגיע‟ איין און דיזעלביקע זאַך. מוזן זיי פירן אַ קאַמף אויף ביידע פראָנטן.

דער אפאסטל פאול, וואס האט געקעמפט אויף די דעמלטיקע צוויי פראנטן, — דער אידישער און דער העלענישער וועלט, — האט זיך אמאל אויסגעדריקט: „מיר פרעדיקן דעם געקרייציגטן, — א שפאט פאר די העלענען און אן ערגערניש פאר די אידן". די רעליגיעז־אידישע סאציאליסטן וואלטן דאס אייגענע געקאנט פאראפראזירן אזוי: „מיר פרעדיקן דעם יחוד פון רעליגיע און סאציאליזם, — א שפאט פאר די סאציאליסטן, און ערגערניש פאר די פרומע אידן".

ווי מענטשן מיט א נייעם ווארט פאר בײדע, אלץ נאך פיטרלעכע וועלטן האבן זיי זיכער א ר ע כ ט, צו פרעדיקן זייער נייעם גלויבן און זיין גרייט אויף דעם סוף פון דעם הייליקן פאול, ארויסגעשטויסן צו ווערן פון איין צד און פארפייניקט צו ווערן פון דעם אנדער צד. אויב זיי זאל זיך אבער איינגעבן, צו באשאפן א באדייטענדיקע באוועגונג, וועט די געשיכטע דערנאך ארויסטראגן איר משפט אויף איר. איגנאטאוו'ס בערמאן געהערט זיכער צו אט דעם „לשם יחוד"־טיפ.

„יא", טראכט בערמאן, „די מענטשהייט דארף גויטיק א רעוואלוציע א ג א נ צ ע, א גייסטיקע און מאטעריעלע... די רעוואלוציע וועט אבער קיינמאל ניט זיין קיין גאנצע, אויב מען וועט ניט אויפשטעלן קיין נייעם גייסטיקן אבעליסק פאר דער מענטשהייט. מע דארף צעברעכן אלע רעליגיעזע הייזער. דער הימל ליגט איצט אויסגעשפרייט ווי א טעפיך אונטער אונזערע פיס. די אידייע פון א מאראלן צענטער, די אידייע פון „דעם אמתן ליכט פון דער וועלט", איז א גרויסע אידייע, נאר פארוואקסן איז זי ביז איצט געווען מיט א גראבער שאלעכץ. מען דארף אויפברעכן די שאלעכץ און באפרייען די ריינע אידייע פון איר. מען דארף מאכן נייע יום־טובים, יום־טובים, וואס זאלן אפלייקענען הייזער, וואס זאלן אפלייקענען גרעניצן. סוכות דארף ווערן א גרויסער וויכטיקער אינטערנאציאנאלער יום־טוב אויף דער וועלט... מען דארף פאר זיי צעברעכן דעם הימל..." („אף ווייטע וועגן", דריטער באנד, ז. 250־251).

דאס מעג זיך זיין אמת. דאס מעג זיך זיין פאלש. דער עיקר איז, אז ביי בערמאנען זיינען די באגריפן: „רעליגיע" און „סאציאליזם" אזוי ארגאניש צונויפגעוואקסן אין איינעם ווי די באגריפן: „רויט" און „בלום" זיינען ארגאניש צענויפגעגאסן אין א רויטער בלום. אין יעדן טיילכעלע פון דער בלום'ס בלעטעלעך איז זי אי רויט, אי א בלום. אזעלכע „רויטע בלומען",— רעליגיעזע סאציאליסטן, וואו „רויט" און „בלום" זיינען געווען ארגאניש צענויפגעוואקסן אין איינס, — האבן מיר געהאט א היבש ביסל אין דער געשיכטע פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. איך דערמאן דא נאר די אידישע „איסיים" און די קריסטלעכע „אנאבאפטיסטן".

בײַ דעם אַפּשאַץ פֿון דעם ענין: „רויטע בלומען'' דאַרף מען אָבער האָבן צוויי וויכטיקע שטאַנדפּונקטן אין אויג: אײנעם א ריין לאָגישן און דעם אַנדערן א היסטאָרישן. לאָגיש זײַנען די באַגריפֿן: „רויט'' און ''בלום'', ווי די באַגריפֿן: „רעליגיע'' און ''סאָציאַליזם'' גיט אידענטיש, עס זײַנען פֿאַראַן א סך „רויטע זאַכן'', וואָס זײַנען ניט „בלום''. סאָציאַ־ליזם איז א סך ברייטער, אײדער רעליגיעזער סאָציאַליזם, און קאָן שטיין אויף זײַנע אײגענע פֿיס אָן א ברעקל רעליגיעזן גלויבן. וואָס האָט דען געפֿעלט קראָפּאָטקינען אָדער מאַרקסן צו זײַן גוטע סאָציאַליסטן און אין דערזועלביקער צײַט זײַן אַטעאיסטישע מאַטעריאַליסטן?

פֿון דער אַנדערער זײַט מוז ניט יעדע „בלום'', וואָס מיר געברויכן דאָ פֿאַר א סימבאָל פֿון רעליגיע, זײַן דווקא רויט. אויך די ריינע רע־ליגיע קאָן שטיין אויף אירע אײגענע פֿיס. אַזעלכע ריין רעליגיעז־פֿרומע מענטשן פֿון דעם „ביטול היש''־טיפּ זײַנען אַנטלאָפֿן, פּאַקטיש אָדער גייסטיק, פֿון דער וועלט מיט אירע וועלטלעכע דאגות, שטרעבנדיק נאָר צענויפֿצוגיסן זיך גייסטיק, אין ריינקייט און הייליקייט, מיט דעם גייסטיקן יסוד פֿון דער וועלט. וואָס טרעט שוין טויזנטער יאָרן אַרום אונטער דעם נאָמען „גאָט'', און זאָל דאָס זײַן, אַזוי צו זאָגן, זײַן ''וועלטלעכער פּסעוודאָנים''.

און עס איז פֿאַראַן נאָך א דריטע קאָמבינאַציע פֿון „רעליגיע'' און „סאָציאַליזם'', וואָס איז איצטער פֿאַרהערשנדיק בײַ די רעליגיעזע סאָצ־ציאַל־דעמאָקראַטן, קאַטוילישע, ווי פּראָטעסטאַנטישע. דאָס זײַנען די דואַליסטן אין אונזער ענין. פֿאַר זיי זײַנען „רעליגיע'' און „סאָציאַליזם'' צוויי גאַנץ פֿאַרשידענע זאַכן, וואָס זײַנען אָבער בײדע אַבסאָלוט נויטיק פֿאַר זייער נשמה־לעבן, זאָגן מיר, ווי ''ברויט'' (סאָציאַליזם) און ''ריינע לופֿט'' (רעליגיעזער גלויבן). פֿון דער ריינסטער לופֿט קאָן מען ניט באַקן קיין לעבלאַך ברויט. און מיט די בעסטע „כרעמזלאַך'', קאָן מען ניט עטעמען, ניט אָנפֿילן מיט זיי די לונגען. בײַ יעדן ביס „כרעמזל'' דאַרף מען אויך אײַנאָטעמען ריינע „לופֿט'', אָבער קיין אינווייניקסטע לאָגישע שייכות צווישן די בײדע איז ניטאָ.

אָט די ריין לאָגישע זײַט פֿון די ענינים „סאָציאַליזם'' און רעליגי־יע'', לאָזן די „רויטע בלומען'' אַרויס פֿון זייער אויג. פֿירנדיק דעם קאַמף אויף צוויי פֿראָנטן, שטרעבן זיי אויסצוויעטן א ל ע „בלומען'', וואָס זײַנען ניט „רויט'', און צו פֿאַרטיליקן אַלע „רויטע זאַכן'', וואָס זײַנען ניט „בלום''. לאָגיש איז דאָס א קאָלאָסאַלער פֿעלער. זייער קאַמף „לשם יחוד'' פֿון סאָציאַליזם און רעליגיע דאַרף טאַקע געפֿירט ווערן אויף צוויי פֿראָנטן. עס האָט אָבער קיין זין ניט אַרויפֿצוצווינגען אויף דעם

סאָציאַליזם דווקא די אָדער יענע אַרט גלויבן. דאָ איז געגנג, ווען עס ניט זיך איין צו צעשטערן דעם אָבערגלויבן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, אַז „רעליגיע" און „סאָציאַליזם", שליסן איינס דאָס אַנדערע אויס. און עס האָט אויך קיין זין ניט צו קעמפן אַנטקעגן דעם אָדער יענעם רעליגיעזן גלויבן דווקא אין דעם נאָמען פון אַ וועלכן עס איז נ י י־רעליגיעזן וועלט־באַנעם. די רעליגיעזע וועלט קאָן געוואונען ווערן — און ווערט פּאַקטיש געוואונען ביי דער רעליגיעזער אַרבעטערשאַפט — אין דעם נאָמען פון יענע, ריין־ו ו ע ל ט ל ע כ ע לעבנס־נויטן, וואָס קאָנען פאַר דער אַרבעטערשאַפט פול באַפרידיקט ווערן נאָר אין דעם סאָציאַליזם.

און זאָלן דערביי די אַלט־מאָדיש גלויבנדיקע, פרום־רעליגיעזע סאָציאַליסטן, זיך איינשמועסן, אַז דער סאָציאַליזם ז אָ ל און מ ו ז מקוים ווערן ד ו ק אַ דערפאַר, ווייל יעזוס איז געבוירן געוואָרן פון אַ בתולה, אָדער ווייל גאָט האָט געשפּאָלטן דעם ים־סוף פאַר אידן.

— הייסט עס, אַז אַט די אַלע „זאַבאַבאָנעס" דאַרף מען לאָזן צורוה? ניין! דאָס הייסט גאָר ניט. חס וחלילה! דער פרייער געדאַנק האָט אַ רעכט און אַ חוב פון טרייקיים צו זיך אַליין, צו פירן אַ קאַמף מיט אַלע יענע געדאַנקען, וועלכע ער באַטראַכט פאַר אָפּגעלעבטע און פאַלשע, סאַי אין דער וויסנשאַפט, סאַי אין דער פילאָסאָפיע, סאַי אין דער אָדער יענער רעליגיע. אָבער אַט ד ע ם קאַמף דאַרף דער פרייער געדאַנק פירן אונטער זיין אייגענעם פלאַג, אַז אַ ברעקל שייכות צו די פּראָבלעמען פון דעם סאָציאַלן לעבן. וואָס איז פאַר דעם סאָציאַליזם דער חילוק, צי איינער גלויבט אין דער קאָפּערניקאַנישער שיטה, צי אין דער פּטאָלאָמייאישער, צי גאָר אין דער מאָדערנער, איינשטייניאַנישער? צי איינער גלויבט אין „מאַטעריע", אָדער אין „הרוחניות"? צי איינער גלויבט אין אַ פּערזענלעכן גאָט אָדער אין בערמאַן'ס גייסטיקן קוואַל, וואָס רופט זיך „דאָס אמת'ע ליכט פון דער וועלט"? אַלע פאַרבינדונגען פון אַזעלכע אידייען מיט דעם סאָציאַליזם זיינען אָדער היסטאָרישע אידייען־פאַרבינ־דונגען, אָדער אינדיווידועלע אידייען־פאַרבינדונגען, על־כל־פנים ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיקע, וואָס דאַרפן זיין אַ חוב פאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן.

דאָס איז די ריין ל אָ ג י ש ע זייט פון דעם ענין. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ היסטאָרישע. היסטאָריש האָט דער איצטיקער סאָציאַליזם צו טאָן ניט מיט אַלע מעגלעכע רעליגיעס, נאָר מיט צוויי גאַנץ באַשטימטע היסטאָריש געוואָרענע אמונות אין דעם אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז; די אידישע און די קריסטלעכע. ביידע רעליגיעס זיינען פאַקטיש געקומען אויף דער וועלט, ווי „רויטע בלומען". ביי די גרעסטע

נביאים, וואס מיט זיי הויבט זיך אן אין דער געשיכטע דער שטראם פון דעם סאציאליסטישן געדאנק ווי אויך דער גלויבן אין איין־איינציקן גאט פון צדק, רחמים און אמת, זיינע זיינען די ערשטע קערנדלעך פון סאציא־ליזם געווען איינס מיט דעם שארקסטן סאציאל־עטישן מאנאטעאיזם. נאך איינער האט זיך דער סאציאליזם פאראייניקט מיט רעליגיע ביי די קאמוניסטישע איסיים: זיי זיינען געווען די ערשטע געראטענע „רויטע בלומען". דאס איינענע איז אמת בנוגע ישון, די אפאסטאלן, די ערשטע אידן־קריסטן (די „אביונים") ביי א סך „קירכנפאטערס" און ביי א סך קריסטלעכע סעקטאנטן.

סאי איהנטום, סאי קריסטנטום האבן ארויסגעגעבן דער וועלט וועקסלען, וואס דארפן געצאלט ווערן מיט סאציאליזם. (זאל מיך גאט ניט שטראפן פאר אט דעם מקח וממכר׳דיקן אויסדרוק!) די שפעטערדיקע סאי די אידישע רבנים, סאי די קריסטלעכע גלחים, האבן יענע וועקסלען געפעלשט, אפגעגוארט די וועלט צו מיט א שלעכטער כונה, צו אונטער דעם דרוק פון עקאנאמישע אומשטענדן און איינענער גייסטיקער פאר־בלענדעניש. דער סאציאליזם האט א ר ע כ ט אויפצומאנען אליץ, וואס אים קומט, פון אט די רעליגיעס. און קומען — קומט אים אליץ, וואס ער, ווי א סאציאליזם, האט צו מאנען פון יעדן מענטשן. די רעליג־יעס האבן אבער גארנישט ניט וואס צו מאנען ביי דעם סאציאליזם. ער האט זיי גארנישט ניט צוגעזאגט.

לפי דעם דארפן די רעליגיעזע סאציאליסטן קודם כל זיך ווענדן מיט זייער פראפאגאנדע צו דער רעליגיעז־גלויביקער וועלט. איבערלאזנ־דיק די רעליגיעזע זייט אירע, מיט אלע אירע פארשיידענע דאגמען און רעליגיעזע צערעמאניעס, פאר איר איינענעם פריוואט געברויך, — אויב זי הארף דאס נאך האבן, — און אויפמאנענדיק די ריין־סאציאליסטישע זייט זייערע פאר א ל ע מענטשן, גלויביקע ווי אומגלויביקע, מאטעריא־ליסטן ווי אידעאליסטן.

בערמאן האט זיך לפי דעם געווענדט צו דעם ריכטיקן אדרעס, צו דער רעליגיעז־גלויביקער וועלט, דער אידישער. אבער ער האט באגאנגען סאי א לאגישן, סאי א היסטארישן, סאי א פסיכאלאגישן פעלער, וואס ער איז געקומען אויסקעמפן ביי איר דעם סאציאליזם אונטער זיין, בערמאנס, איינענער פאהן פון א פרייען רעליגיעז־סאציאליסטישן געדאנק. און ער האט דערביי אנגעגריפן דאס סאמע הייליקסטע פארן רעליגיעז־גלויביקן אידן פון אונזער צייט,—די אידייע פון א פערזענלעכער רעכט. אבער די פון אונזער צייט, — די אידייע פון א פערזענלעכן גאט, דעם גלויבן אין אים. דאס איז זיכער געווען בערמאנ׳ס פערזענלעכער רעכט. אבער די

אידיש־רעליגיעזע וועלט האט אים ניט ג ע ק א נ ט פארשטיין. זי האט ג ע מ ו ז ט זען אין אים א נייעם מין „מיסיאנער", וואס קומט אפצור רייסן זי פון איר הייליקסטן גלויבן. האט זי אים פארשטייניגט. דאס איז זיכער א טראגעדיע, וואס פאלט אפט אויס אין דער געשיכטע אויף א סך אזוינע „רויטע בלומען", וועלכע פאדערן, אז אלע בלומען זאלן זיין רויט און אז קיין אנדערע רויטע זאכן זאלן אויף דער וועלט ניט זיין, ווי נאר בלומען, און דוקא נאר אזעלכע רויטע בלומען, פון דערזעלביקער פארם, פון דערזעלביקער צאל בלעטלעך, ווי זיי אליין זיינען.

דאס איז א טראגעדיע פון א גאנצן מין. אבער אין דערזעלביקער צייט—אן אינדיווידועלע, ריין פערזענלעכע טראגעדיע פון אט דער ספעציעלער אינדיווידועלער און אריגינעלער רויטער בלום, וואס רופט זיך בערמאן. אט די טראגעדיע קאן און זאל פארמיטן ווערן מיט א ביסל מער טאלעראנץ צו בײדע צדדים, מיט א ביסל מער איינזען אין די לאגישע, היסטארישע און פסיכאלאגישע זייטן פון אט דעם זייער אנגעוויי־טיקטן און העכסט פארוויקלטן פראבלעם...

דאס איז דער מוסר השכל, וואס איך האב ארויסגעטראגן פון בערמאן'ס טראגעדיע.

יצחק בערלינער

דוד אינגאַטאָוו

א דור נאָך א דור איז פאַר וועלטן פאַרלוירן געגאַנגען,
א דור נאָך א דור, אָבער דו האָסט די דורות געקליבן —
פאַרבונדן מיט פעדים פון אַלטע צו נייע געזאַנגען —
ס'האָט צייט אַלע פיינען אין האַרץ דיר מיט בלוט אַנגעשריבן.

א, דוד אינגאַטאָוו, דו ברענגסט אונז דאָס ליכט פון די אור־אַלטע וועגן.
וואו האָסטו גענומען אין פינצטערניש ליכט צו באַהעלן ?
און ווי, ווען א דור, וואָס וועט קומען און וועט ביי דיר פרעגן: —
דו ציהסט אונז מיט קרוינען, פאַר וואָס אויך מיט בלוטיקע קרעלן ?...

נאָר וועלט האָט געעפנט איר קוואַל, אירע אוצרות, זאַלסט טיילן
מיט הויפנס מיט פולע פאַר אונז פון דעם לעבן די ליכטער.
און ליכטיק פאַר דיר זיינען אויך אַלע פינצטערע היילן,
ווייל פינצטערניש ליכטיקט, ווען ס'צינט זיך דאָס אויג פונם דיכטער.

פאַר דיר גייען דורות — קאַפּעליעס פון ליכט איבער תהום'ען,
אויך מיר זיינען ליכט דיר מיט אונזערע פריידן און זאָרגן.
דו האָסט אונזער אייביקן ליכט אויך געגעבן א נאָמען,
ווייל אויך דאָס פאַרבאָרגענע ליכט איז פאַר דיר נישט פאַרבאָרגן.

מעקסיקע, 1935

דוד איגנאטאוו'ס
ווייסער פויגל

א. שטיינבערג

דוד אײנהאָרנ׳ס װײסער פױגל

דוד אײנהאָרן געהערט אין דער אידישער ליטעראַטור צו דעם קלײנעם הײפל ערלאַד־אײנגעשפּאַרטע, האַרעפּאַשנע, אידעאַליסטיש־טרײהאַרציקע „גאָטזוכער”.

אַזױ האָט מען גערופן אין רוסלאַנד אין דער צײט צװישן דער ערשטער רעװאָלוציע און דער ערשטער װעלט מלחמה די, װאָס האָבן זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, כּדי גובר צו זײן דעם אײגענעם אומגלױבן. זײ האָבן אים געװאָלט גובר זײן, מחמת זײ האָבן געגלױבט, אַז אָן גלױבן, אָן גאָט אין האַרצן, װעט די װעלט — די פּאָליטישע, די סאָציאַלע, די היסטאָרישע בכלל — קײנמאָל ניט זוכה זײן צו קײן שום ישועה. גאָט האָבן זײ געזוכט, װײל זײ האָבן אים ניט געהאַט. ניט האָבן צו ניט האָבן איז אָבער ניט גלײך. די צװישן זײ, װאָס האָבן לכתחילה געװאָוסט װאָס זײ זײנען אױסן צו געפינען, װײל זײ האָבן געזוכט דאָס, װאָס זײ אַלײן האָבן געהאַט אָנגעװאָרן: דעם אַלט־נײ־ירשנ׳טן קריסטלאַכן גלױבן, האָבן זײ שױן באַלד געפונען דעם װעג אױף צוריק, צום קלױסטער און צלם. אַנדערש און שװערער איז געװאָרן דער גײסטיקער גורל פון יענע, װאָס האָבן ערשט בשעת׳ן זוכן געדאַרפט אַרױסגעפינען, נאָך װאָס פאַר אַ גלױבן און װאָס פאַר אַ גאָט זײער האַרץ בענקט. די זײנען געבליבן, אױף װי װײט זײ האָבן זיך אײנגאַנצן ניט מיאש געװען, בײ זײערע זוכענישן. האָט עס צװישן די אידן, װאָס זײנען אַרײנגעצױגן געװאָרן אין אַט די זוכענישן און די ראַנגלענישן פון פאַר אַ האַלבן־יובל בעצם געדאַרפט זײן ניט אַנדערש, װי בײ קריסטן. ס׳איז דעריבער העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַרן אידישן דור, װעמעס גײסטיקע װאַרצלען װײזן נאָך אַלץ כּסדר אַהין, צו דער דעמאָלטיקער רוסישער ערד און דעם דעמאָלטיקן רוסישן הימל, װאָס צװישן זײנע שאַפנדיקע פאַרטרעטער טרעפן מיר עד־היום „גאָט־זוכער” בלױז און נאָר פון צװײיטן מין, אַזעלכע בלױז, װאָס פאַרענדיקן שטענדיק ניט מיט אַ קול, װאָס רופט, ניט מיט אַ אױסרוף־צײכן, נאָר דװקא און גראַד מיט... דרײ פּינטעלאַך.

ווי אזוי דער דאזיקער זייער וויכטיקער ענין איז צו פארשטיין און וואס פאר א טיפערן באדייט ער האט דער דאזיקער סימפטאמאטישער שטריך אין אונזער גייסטיקער אנטוויקלונג, דערויף גיט א ברייט פאנאנדערגעשפרייטן ענטפער דאס גאנצע קינסטלערישע שאפן פון דוד איגנאטאוו'ן, גאנץ באזונדערס אבער זיין לעצטער דרייבענדיקער ראמאן „אף וויטע וועגן".

די דייטשע ראמאנטיקער פון פאר הונדערט יארן האבן גע'חלום'ט פון א מאגישע „בלויער בלום"; ביי מאטערלינק'ן, דעם דעקאדענטיש־פעסימיסטישן ראמאנטיקער פון צוואנציקסטן יארהונדערט, איז די „בלויער בלום", מגולגל געווארן אין א „בלויען פויגל"; דער אידישער ראמאנטיקער און גאט־זוכער, דוד איגנאטאוו וויל דעם בלוי פארפוצטן פויגל ווידער מאכן ווייס — ווייל ווייס איז דאס ניט־געבראכענע, ניט־איינגעצאמטע פון וועג ניט אראפגעפירטע ליכט און ווייס ווי שניי, ווי דער שניי פון רוסישן מדבר, מוז זיין דעריבער דער ליכטיקער אמת, וואס דארף ווי א פויגל אויסשפרייטן זיינע פליגל איבער אונזערע קעפ. א לויב־געזאנג צו אט דעם „ווייסן פויגל" איז אייגנטלאך געווען דוד איגנאטאוו'ס רייד שוין פון אנהויב אן, שוין פון דער „קעסל־גרוב", ארוים, און „דאס פארבארגענע ליכט", וואס האט זיך אים אנטפלעקט אין די אלטע אידישע „וואונדער מעשה'ס", האט אים באגלייט אויף אלע זיינע וועגן, די נאהענטערע און די וויטערע; אבער ערשט אין דער לעצטער טרילאגיע האט ער זיך פארמאסטן צונויפצונעמען אלע אוצרות פון זיין זכרון, פון זיין וויסן, זען און קענען, כדי מיט זייער הילף איבערבויען די וועלט, וואס אין איר האט ער ביז איצט אפגעלעבט, אויף אזא מין אופן, אז ס'זאל זיך דא קענען א הויב טאן און ארויפ־שוועבן אין דער העכסטער הויך זיין שניי־ווייסע טויב פון אמת'ן ליכט, פון דעם ליכטיקן אמת. דער ראמאן איז אזוי ארום א אונטערשטע שורה און דערוויל דוד איגנאטאוו'ס סך־הכל. זאל עס דערביי בלייבן? איז דער פרואוו געלונגען?

**
*

„כ'נעם א גרוי, שמוציק שטיק לעבן און שאף דערפון א לעגענדע"

— דאס איז דער עיקר פון סימבאליזם אין דער ליטעראטור, ווי ער איז פארמולירט געווארן בשעת פון פיאדאר סאלאגובן, א פירער פון דעם עלטערן דור רוסישע סימבאליסטן. פאר דוד איגנאטאוו'ן איז ער דער הויפט־פרינציפ אינם אויפבוי פון זיין גאנצער טרילאגיע.

אין פלוג קען מען מיינען, אז מיר האבן דא פאר אונז א רעאליס־

טישן, געניער נאך — א היסטאָרישן ראָמאַן: אויסגעטראַכטע מעשה וועגן אויסגעטראַכטע מענטשן אפשר, אָבער אין דער ראַם פון א רע־אַלער וועלט אין א היסטאָריש שאַרף אָפּגעגרענעצטער צייט און דערציילט דערהויפּט מיט דעם צוועק אין דעם מזל פון יחידים, וואָס באַלאַנגען צו צוויי איינס אין אַנדערער אָנגעקייטלטע דורות, איבערצוגעבן דעם מזל טאַקע פון אָט די צוויי דורות גופא. שוין דער פּירוש צום נאָמען פון בוך אויפן פאָדער־בלאַט לאָזט עס אונז כלומרשט צו הערן: „פון ווייטע וועגן זיינען אַנטלאָפענע מענטשן פון מזרח מיט מזרח־ווינט און מזרח־דראַנג געקומען אריבער דעם ים". באַלד באַקענען מיר זיך מיט די „אַנטלאָפענע" גאָר נאָענט: עס זיינען רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, ס'רוב אידן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין אמעריקע מיט א יאָר פופציק צוריק, וואָס פּרוּוון גיין אין ניו־יאָרק, הגם זיי זיינען שוין „אָפּגעריסענע בלעטער", ווייטער מיטן אַלטן דרך, פירן דאָ פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַ־ליזם, גיבן ארויס א צייטונג, גרינדן ארבעטער־יוניאָנס, קעמפן קעגן קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, ווערן צום טייל ביסלעכווייז אַליין קאַפּיטאַליסטן. האָדעווען אויס בשעת מעשה קינדער, דעם צווייטן, דעם יונגן דור, ביז זיי דערלעבן טאַקע סוף כל סוף די פאַרווירקלעכונג פון זייער הייסעסטן באַגער — די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע. ווער עס וועט אָבער לייענען דאָס בוך אַזוי — ווי א בעלעטריסטישע געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער עמיגראַציע אין אמעריקע אָנ'ערך אין דער תקופה פון די אכציקער יאָרן ביז 1917 — וועט זייער באַלד און זייער שווער אַנטוישט ווערן.

געוויס זיינען דאָ פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען ארויסגעכאַפּט פון דער וועלט ווי זי איז, און אויך זייער ביאָגראַפיע, די באַשרייבונג פון זייער גאַנצן לעבנסוועג, לאָזט זיך כמעט אָן צוואַנג ארייננצייכענען אין די אונז שוין פון פריער באַקאַנטע היסטאָרישע צייט־קאַרטע. אָט איז דאָ צ. ב. פּרענקל, די אייגנטלעכע נשמה פון איגנאַטאָוו'ס עמיגראַנטן־קיבוץ. ער איז דער לעקטאָר, דער רעדאַקטאָר, דער אָרגאַניזירער, דער דעבאַטירער. זיין רעוואָלוציאָנערער „מזרח־דראַנג" רוהט ניט פון אָנהויב ביזן סוף. זיין אידעאַליסטישער אימפּעט (ס'שאַדט ניט, וואָס שוין מיט א גרויען קאָפּ, פּלאָנטערט ער זיך אין מ'שטיינס געזאַגט „מאַרקסיסטישע" אַרגומענטן) טראָגט אים פון איין מפּלה צו דער אַנדערער. זיינע נאָענסטע פריינט פּלאַפּלען נאָך זיינע אידעאַליסטישע רייד און מאַכן דערביי א לעבן — דווקא אויף גאָר א מגושמדיקן אופן. — די ארבעטער, וואָס ער אַליין האָט זיי געעפנט די אויגן, ברעכן שויבן אין זיין קדש־קדשים, דער רעדאַקציע פון זיין בלאַט „דאָס ליכט". ער האָט יאָרן נאָכאַנאַנד נעפּרעדיקט „פרייע ליבע", ווערט זיין אייגענע טאָכטער א קרבן פון אָט

דער פרייהייט. און ער, וועמען סיבירער זאווערוכעס האבן פארטראגן אזש קיין אמעריקע, וועט פונדעסטוועגן ניט מאט און ניט מיד. בלינד, דאכט זיך, ווייכער ווי וואקס, מיט קוים אונטערדריקטע ספקות, און פארוועלקט — טאקע בפועל ממש אן אפגעריסן בלעטל — קלעפט ער זיך אן אזוי פעסט אן דעם ניו־יארקער אספאלט, אז אפילו די רוסישע רעוואלוציע קען אים שוין פון דאנען מער ניט אפרייסן. א לעבעדיקער לעבן פון א רעאלן מענטשן אין א רעאלער צייט.

ניט אזוי שארף אפגעטאקט זיינען פארשידענע אנדערע פיגורן, וואס דרייען זיך ארום פרענקל'ען פון די ערשטע זייטן אן. און דאך זייען אפילו זייערע בלאסערע פנים'ער נאך אלץ בלאם מיט רעאלער בלאסקייט. למשל בערנשטיין און קאלמאנאוויטש, וואס האבן דארטן אין דער אלטער היים געוואלט בויען א נייעם גערעכטן לעבן אויף „ביבלישע" יסודות און זיינען אין אמעריקע זייער גיך געווארן הונדערט פראצענטיקע אל־רייטניקעס, בלוטזויגער, כלומרשט מיטן אלטן אמת, הייסט עס מיט א פריש־לאקירטן שקר אויף די צעפרידן־שמייכלענדיקע ליפן. אדער דער דאקטאר מינדלין, א אנארכיסט, וואס קומט פון דעם כלל: וואס ערגער, אלץ בעסער, באלד צו דעם אויספיר, אז עס איז א אנארכיסטישע מצוה אפצוצאפן ביי זיינע ארעמע פאציענטן דעם לעצטן דאלאר. אדער ווידער די פרוי פיינמאן מיט אירע רוסישע לידער אויף די סאציאליסטישע „אונטערנעמונגען" און מיט איר לאנגער סעריע ניט־רוסישע און ניט־אידישע ליבעס. און ווייטער — דער שטודענט בראווערמאן, א סאציאל־קאריעריסט שוין פון דעם אינגערן דור, און נאך און נאך — א גע־פאקטער מנין.

איז עס, הייסט עס, פארט א ראמאן „פון לעבן"? א מין גענעאלאגיע פון דעם פאר־הארטעוועטן, אמעריקאניזירטן רוסיש־אידישן סאצאליזם? אפשר די געשיכטע פון זיין דעגענעראציע? — ווען ס'וואלט געווען אזוי, וואלט דער נאמען פון פארפאסער ניט געווען דוד איגנאטאוו. פאר אים איז דאס „שטיק לעבן" בלויז א מיטל צום צוועק, ניט מער ווי דער חומר אויף צו שאפן דערפון א „לעגענדע". פאר אונזערע אויגן קנעט ער און קנעט דעם ליים אזוי לאנג, ביז דער גאר ניט געניטער לייענער ווערט פון זיך אליין געוואר, אז ער האט דא צו טאן מיט א לחלוטין ניט קיין רעאליסטישער טעכניק. ווי אזוי ווערט עס דערגרייכט? קורץ געענטפערט: דורך די ארט ווי דער אויטאר באגייט זיך מיט היסטארישע פאקטן; דורך צוגעשפיצטער סטיליזירונג פון דעם לאנדשאפט־לעבן הינטערגרונט; דורך פארוואנדלען מענטשן אין לעבעדיקע קאריקאטורן און קודם־כל דורך זיין ארט שרייבן, דורכן סטיל אין ענגערן שפראכלעכן זינען.

**
*

אז איגנאַטאָוו באַנוצט זיך מיט היסטאָרישע פאַקטן ניט כדי צו דער־נענטערן זיין מעשה צו דער ווירקלעכקייט, נאָר כדי זי פון דער ווירק־לעכקייט נאָך מרחיק צו זיין, איז צו זען פון דער ראָלע, וואָס עס שפּילט ביי אים די רוסישע רעוואָלוציע. א ראָלע שפּילט זי כסדר. אומזיסט וועט מען אָבער זוכן ביי אים עפּעס א שטיקל איינעוויניקסטע פאַר־בונדנקייט צווישן איר אמת'ער געשיכטע און דער אויסגעטראַכטער גע־שיכטע פון זיינע באַשעפענישן. צווישן די אַכציקער יאָרן און 1917 איז דאָך געווען די צייט אַרום 1905. ניטאָ דערפון קיין זכר, הגם, „על פּי טבע" האָט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, אגב די צייט פון דוד איג־נאַטאָוו'ס אייגענעם אָנקומען קיין אַמעריקע, ניט געקאָנט פאַרבייגיין אויך פאַר זיינע העלדן אַזוי זיך גלאַט. ווען זיי דערוויסן זיך שוין, אַז דער וואונדער, נאָך וועלכן זי האָבן יאַרצענדליקער אויסגעקוקט די אויגן, איז געשען, איז אַפילו ניט צו זען, אַז דאָס האָט זיך געטראָפן אינם סאַמע ברען פון דער וועלט־מלחמה. פאַר איר האָט דאָס גאָר ברייטלאַך גע־שריבענע בוך סך־הכל צוויי־דריי שורות, א רמז ווי איבערגעוואָלט. דאָס איז איין משל פאַר הונדערט. די „רוסישע רעוואָלוציע" איז דאָ און איז ניטאָ: די, וואָס איז דאָ אין בוך, איז ניט די רעאַלע, און די רעאַלע איז אפשר ערגעץ וואו דאָ, אָבער ניט אין דער וועלט פון אָט דעם בוך. אַנאַכראָניזמען און סתירות צו גוט באַקאַנטע פאַקטן אונטערשטרייכן נאָך בולט'ער, אַז די צייט פון בוך איז א צייט פאַר זיך, א ראַם, כדי אַריינצושטעלן דערין א בילד און בשום אופן ניט עפּעס אַנדערש.

דאָס אייגענע מיטן רוימלעכן הינטערגרונט. דער פּרט ווייזט בע־שיינפּערלאַך ווי שטאַרק דוד איגנאַטאָוו'ס וואָרט־קונסט איז פאַרבונדן מיט די אַנטירעאַליסטישע שטרעמונגען אין דער מאָלעריי פון די לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר. אָט נעמט, למשל, דאָס בילד פון ניו־יאָרק אין סאַמע אָנפאַנג אָדער דעם „גרויסן טורעם" (באַנד 1, קאַפּ. 33), ס'זיינען ניט שילדערונגען פון דער שטאָט ווי זי איז, נאָר די דערציילונג וועגן א א נייציטיקער, קוביסטיש סטיליזירטער צייכנונג, וואָס איז עפּעס ווי אַרויסגעריסן פון אן אַלבום קינסטלערישער גראַפיק. אַלע פּייזאַזשן זיינען אין בוך אָט אַזוי אַריינגעשטעלט, ווי ווען זיי וואָלטן געדאַרפט פאַרבייטן קינסטלערישע אילוסטראַציעס. די אַמעריקאַנישע לאַנדשאַפט, וואָס ציט זיך פאַרביי דעם פענסטער פון א באַן־וואַגאָן (אין אָנהייב פון דריטן באַנד), איז ווי א שטיק פילם־באַנד, קאָמפּאָנירט פאַרן עקראַן פון א מאָדערניסטישן רעזשיסאָר. אָט אַזוי דערציילט איגנאַטאָוו אין אַנאַנדער אָרט וועגן דעם געמעל אָף א כינעזישן טעפּיך אָדער וועגן דעם פּלאַן פון א וואָלקן־קראַצער, וואָס זיין רום שליאָפּניקאָוו וואָלט געוואָלט אויפשטעלן אין מיטן ניו־יאָרק. עס זיינען ווערטער וועגן בילדער און

ניט בילדער פון זאכן. דערמיט ווערט דערהגרייכט, אז דאס געשילדערטע לעבן שפילט זיך אפ ניט בלויז אין א ניט־עקזיסטירנדיקער, סוביעקטיווער צייט, נאר אויך אין א ניט־עקזיסטירנדיקן,, סוביעקטיוון רוים, אין א אויסגעטראכטן ניו־יארק, אין א פאנטאסטישער אמעריקע, ווי אנ׳ערד אויף א בינע, וואס איז ארומגעצאמט מיט געמאלטע דעקאראציעס. דוד איגנאטאוו וויל, אז אזוי באלד ווי מען טרעט אריבער איבערן שוועל פון זיין בוד, זאל מען שוין אריין איגנאנצן אויך אין זיין אייגענער וועלט.

און טאקע דעריבער, ווייזט אויס, שטעלט ער אוועק אויף זיין בינע באשעפנישן, וואס זיינען בלויז צום טייל לעבעדיקע מענטשן, אין א היבשער מאס אבער ארומשפרייזנדיקע, ריידנדיקע און אפילו טראכטנדיקע קאריקאטורן. דא האט איר, צ. ב., זיין „גרויסן" גאבריעל, א קליין מענטשעלע, כמעט צו א דריט־חלק קאפ, פון אט דעם קאפ ביז צו די פיסלעך כולו ציניקער, וואס איז אזוי „גרוים" ביי דער חברה „אפגעריסענע בלעטער" און אפילו ביי דעם „ריינעם" פרענקל ניט בלויז ווייל ער קען פיין זינגען, נאר די הויפטזאך ווייל ער שטאלצירט מיט זיין ציניזם און שעמט זיך ניט צו ווארפן אויף יעדע פרוי, וואס קומט אין זיינע ד׳ אמות, אלץ איינס צו זי איז רייפער ווי רייף אדער נאך האלב קינד, שטאלץ און שיין אדער מיאוסלאך און אויף הפקר. מיט עראטישע „געשעענישן" ארום אט דעם גראטעסק פון א מענטשן איז אנגעפילט כמעט דער גאנצער ערשטער באנד פון דער טרילאגיע, און ס׳וואלט אפשר ניט געווען וועגן וואס צו ריידן ווען דער באנד איז דער לעצטער און ניט דער ערשטער. אין אים ווערט אבער נאך אלץ געקנאטן דער ליים. דאס „גרויע, שמוציקע שטיק לעבן", כדי עס זאל באשאפן ווערן דערפון די לעגענדע. דעריבער זיינען דא אפילו די מענטשן וואס וועלן באקומען צום סוף א מענטשלעכן פרצוף, דערווייליע האלבע קאריקאטורן. אזוי אויך דער „טיפישער רוס" פיאדאר שליאפניקאוו, א רעוואלוציאנער, וואס האט שטילינקערהייט דעם חשד, אז דער ציניקער גאבריעל („דערלייזט" וועט ער ערשט ווערן דורכן באלשעוויזם) איז א פארשטעלטער שד און באוואיקט זיין פארבענקט רוסיש געמיט מיט דעקלאמירן פון א׳ ביז ת׳ פושקין׳ס פאעמע „מאזעפא", א זאך וואס איז גאר ניט בנמצא, ווייל דער העטמאן מאזעפא איז, ווי מען ווייס, אין דער אמת׳ן א העלד אין דער פאעמע „פאלטאווא". ס׳איז דא, אנדערש געזאגט, אלץ בבחינת גראטעסק, בבחינת סאטירע און דעריבער אנ׳אפשטויס פון דער ווירקלעכקייט אוועק.

וועמעס חוש הריח פאר דעם אונטערשייד צווישן רעאל און ניט־רעאל איז ניט אזוי שארף עס גלייך צו דערזען, מוז עס לפחות דערהערן אין איגנאטאווס שפראך. זיין אידיש איז זייער אפגעהיט. קוים וואס

מען באַגעגנט דאַ אַמעריקאַניזם, רוסיציזם אָדער גערמאַניזם (צו זאָגן וועגן אַ זקן אויף אידיש, אַז ער איז אַ „גרייז" איז, פאַרשטייט זיך אַ גרייז; אַזעלכע גרייזן קען מען אָבער געפינען אין דער טרילאָגיע אפשר איינמאָל אין פופציק זייטן). טאָקע דערפאַר טרעט באַזונדערס קלאָר ארויס אין דער דאַזיקער שפּראַך איר געהויבנקייט, איר לירישער טראָפּ, בכלל איר אָפּגעהיטקייט פון דער נייצייטיקער געגראַמטער און ניט־געגראַמטער אידישער פּאָעזיע. דוד איגנאַטאָוו האָט זייער ליב צו שטעלן דאָס אייגנשאַפט־וואָרט נאָכן שם־עצם. ער זאָגט ניט „אַ פרישער ווינט" נאָר „אַ ווינט אַ פרישער"; ניט אַ „שאַרפער שטיין", נאָר אַ „אַ שטיין אַ שאַרפער", ניט „אַ ווייסער פויגל, נאָר „אַ פויגל אַ ווייסער". מיט אָט דעם קליינעם איבערבייט פון דעם געוויינטלעכן פּראָזאַאישן סדר ווערט אַ סך אויפגעטאָן: דער ווינט און דער שטיין און דער פויגל ווערן אַזוי ווי בלויז סימבאָלן פון זייער פרישקייט, שאַרפקייט אָדער ווייסקייט. די סובסטאַנץ צעגייט זיך אין אירע אַקצידענצן. האַרטע זאַכן ווערן פליסיק, געפּלדיק, הויבן אָן צו שמעלצן און צו בילדן אַ נייע פאַראיידלטע מאַטעריע. דאָס וואָרט באַקומט די פונקציע פון אַ מוזיקאַלישן טאָן, און גאַנצע פראַזן, וואָס שווימען אין בוך אַרויף, כדי צו פאַרשווינדן און פּלוצים זיך ווידער צו באַווייזן, אַמאָל אַזוי ווי זיי זיינען געווען, אַמאָל אַ ביסל פאַרענדערט, אָט די דורך ווערטער אויסגעדריקטע לייט־מאָטיוון, גיבן צו איגנאַטאָוו׳ס שפּראַך־געוועב נאָך מער דעם כאַראַקטער פון געוועלטער לירישער מוזיקאַלישקייט. דאָס אַלץ אינאיינעם הויבט אינגאַנצן אַרויס זיין מאָלעריש־פּאָעטישע וועלט פון דער רעאַלער ספערע. דער פורעם פאַר דער לעגענדע איז גרייט; פרעגט זיך — וואָס איז מיט דער לעגענדע אַליין?

כמעט ניט צו באַמערקן ווי זי ווערט פּאַוואָלינקע אויסגעקנעט פון דעם „גרויען, שמוציקן" ליים.

ביי דעם פאַרפאַלק פיינמאַן, אַ פּאָר פון די „אָפּגעריסענע בלעטער", האָדעוועט זיך אויס אין ניו־יאָרק אַ טאָכטער גערטרוד. די מאַמע די זינגערקע באָדט זיך אין שמוץ; דער טאַטע, אַ שטילער ווירטואָז, געהערט צו די ריינע. גערטרוד, דעם טאַטנס אַ קינד און אַ פּאַרקערפּערט שטיק מוזיק, קען ניט אָנזען די מאַמען און טראָגט אין דעם נעסט פון איר האַרצן דעם חלום וועגן אַ ווייסער טויב: „ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט פונאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ. ווי אַ ווייסער פויגל איז דער אמת". אָט די ווערטער האָט גערטרוד געהערט עפּעס פון אַ רוסישן פּריידיקער אין אַ טונקעלער גאַס ביים שיין פון אַ פּאַקל, און אויף איביק האָבן זיך די ווערטער אַריינגעפּרעסט אין איר נשמה.

די וועלט ארום איר איז ברודיק, די כלומרשטע סאציאליסטן פירן א קליינבירגערלעכן, אומערלעכן, פאר'שקר'טן לעבן — וויל זי ריינקייט, אמת'דיקייט, וויסקייט. אין דעם פילמיליאניקן ניו־יארק זוכט זי — א מענטשן. דער מענטש האט זיך אין איגנאטאוו'ס ניו־יארק, וואס איז אויפגעבויט מיט דער הילף פון א האלב־טוצנט פעדער־צייכנונגען, באוויזן שוין א ביסל פריער. ס'איז בערמאן, „דעם מגיד'ס אינגל".

לכתחילה קען זיך אויסדוכטן, אז בערמאן איז ניט דער המשך פון עלטערן דור „אפגעריסענע בלעטער". יעדער פון די עלטערע דער־קענט אין אים זיך אין דער גוטער „ריינער" צייט. ווי זיי, איז ער א „אנטלאפענער", אמת פון א נייערער כיתה; ווי זיי, שרייבט ער פונ־דעסטוועגן פארן סאציאליסטישן בלאט, ארבעט אין א שאפ, ארגאניזירט א שטרייק, רעדט אויף „מאס־מיטינגען". גלייכצייטיק איז ער אבער דער המשך פון זיין טאטן דעם מגיד, דעם חסיד און בעל־מקובל, דעם למדן און ערלאכן אידן — ניט פון אפגעריסענעם בלאט, הייסט עס, נאר פון א טיף פארצוויגטן בוים. שוין דעריבער אליין איז ער ניט ווי די אנדערע. און גערטרוד דערקענט אים אויפן ערשטן בליק: דאס איז ער! אין זיין בוזעם, אין זיין הארצן איז פארבאהאלטן דער „ווייסער פויגל", דער אמת.

אז דער מענטש איז בטבע „א נעסט", א פארם פאר א גייסטיקן אינהאלט פאר א אמת, וואס גראבט זיך אמאל דורות און דורות דורך פינסטערניש און בלאטע, כדי זיך סוף כל סוף אויסצופיקן ווי א ווייסע טויב און ארויסצופלאטערן איבער די קעפ פון די מענטשן — דאס ווייס אויך בערמאן, פון זיך אליין. מוז אויך ער דערקענען די, וואס האט זיך אויף איר אייגענעם שטייגער דערפון דערוואוסט. דערקענען זיי זיך. הויבט אן א שיר־השירים, פריי און דאך אידישלאך, לגבי דער פאר־פיאטשקעטער עראטיק פון עלטערן דור מיט דער קאריקאטור אויף א דאן־זשואן, דעם „גרויסן" גאבריעל'ן בראש, כמעט צניעות'דיק. פון דעם זיווג דארף ארויסשפראצן דער ווייסער, ליכטיקער אמת. בפרט, אז בערמאן זעט איבער גערטרוד'ס קאפ שטענדיק א ליכט־קרייז, פון „צפון־ליכט". ס'איז אבער ניט באשערט.

***

וואס פאר א אמת האט בערמאן ארויסצוברייגען? דורכן גאנצן בוך ציט זיך דער מאטיוו פון... סוכה. דער אלטער סאציאליסט פרענקל איז אמאל ארייגעפאלן טאקע ממש ווי א יון אין סוכה. ער איז אריין אין א ניו־יארקער קלויז און איז נשתומם געווארן, אז אידן

קענען זיך נאך היינט גאנץ ערנסט פארנעמען מיט די דינים וועגן אויפ־שטעלן עפּעס אביידל אויף יום־טוב. בערמאן האלט אבער, אז עס ליגט דערין א טיפער סוד. מענטשן דארפן זיך באפרייען פון „הייזער", פון זייער אפּגעצאמט לעבן הינטער שטיינערנע מויערן, פון אייגנטום, פון דעם פארפונדעוועט־זיין אין באדן און אין דער וועלט פון זאכן בכלל. ווער עס קען א ביסל די געשיכטע פון חסידות, האט אוודאי גע־הערט פון דעם כאפשיצער, דעם רבי'ן נפתלי צבי הורוויץ, וועגן וועמען עס ווערט דערציילט, אז „זיין גאנצע נשמה איז געווען אנ'אויסגעפלוס פון דער מצות סוכה און אז עס פלעגט דעריבער ניט אוועקגיין א טאג, וואס ער זאל וויניקסטנס ניט ארויסריידן דאס ווארט סוכה". האט אפשר דער כאפשיצער ז"ל אויסגעבראכן א וועג פאר בערמאנען און אינאיינעם מיט אים פאר איגנאטאוו'ן. אזוי צי ניט אזוי — חסידות, קבלה, תורה זיינען פאר בערמאנען שטענדיק דער וועג צום פארטיפן זיין סאציאליזם און זיין באגריף פון דער רעוואלוציע, וואס דארף לויט אים זיין א „גאנצע", אי א מאטעריעלע, אי א גייסטיקע, מער נאך א גייסטיקע ווי א מאטעריעלע. בויט ער א „גאנצע" קאבאליסטיש־בערגסאניאנישע פילאסאפיע, וואס זאל „צונויפבינדן די מאטעריאליס־טישע און אידעאליסטישע וועלט־אויפפאסונגען". קלאר, אז פון דער דאזיקער פילאסאפיע קען אונז איגנאטאוו אפילו אין א דרייבענדיקן ראמאן געבן ניט מער ווי ראשי־פרקים. איר תוך איז, אז די וועלט און די מענטשהייט און יעטווידער איינצעלנער מענטש זיינען איינגעטונקט אין א גרויסער „מיסטעריע", זיינען אזויצוזאגן בבחינת פון דעם סוד, וואס ליגט אין דער „מצות סוכה". ביז בערמאן דערגייט דערצו דויערט עס אבער א היבשע ווילע און ביים פילאסאפירן אליין בלייבט ער אויך נישט.

בערמאן האט א אויג פאר דעם „צפון־ליכט" ארום גערטרודס קאפּ; ער איז אבער צו קורצזיכטיק, כדי צו זען וואס עס טוט זיך ביי איר אין הארצן. ווערט ער לייכט אייפערזיכטיק. ער פארלאזט ניו־יארק און „אין דער פרערי", אין א נאכט פון שרעק און פיין אנטפּלעקט זיך פאר אים „גאט". גאט? — יא! „איבער דעם אפּגעדעקטן האלבן־הימל, וואס אנטקעגן אים, האט זיך באוויזן אן אויפגעלויכטן־געשטאלט פון א געוואלדיקער גרויס... עס האבן געלויכטן ניט נאר דאס פּנים פון אט דעם געשטאלט, נאר אויך די בלויע ליכטיקייט פון זיין דרוסינדיק קלייד און די ווייסקייט פון זיינע אויסגעשאטנטע ברעמען און פון זיין גרויסער, ווייסער בארד... אזוי האט בערמאן זיך, אין זיין קינד־הייט, פארגעשטעלט דאס געשטאלט פון גאט, און אזוי האט ער אים איצט פאר זיך דערזען איבער דער פרערי אינדערנאכט. גאט איז א ליכ־

טיקער געקומען! ער האט זיך באוויזן אף זיין רוף! ער איז געקומען משפטן!!!.... וועמען משפטן? די פעלקער פון דער וועלט אין דעם טאל פון גהינם? וועלן מיר דעם לעצטן גערעכטן משפט נאך דערלעבן? וועט אונז דער, וואס האט געהאט דעם חזיון, דעם פסק־דין איבערגעבן?

דער דריטער באנד האט זיך נאר אט וואס אנגעהויבן. די לעגענדע איז אויסגעוואקסן ביז צום הימל ארויף. דער גאט־זוכער בערמאן האט ווידער געפונען דעם גאט פון זיינע קינדער־יארן. איצט, איצט מוז עפּעס געשען. ס'וועט אפשר ווידער אויפגעשטעלט ווערן דוד'ס איינגע־פאלענע סוכה. ס'וועלן אפשר קענטיק ווערן משיח'ס שפורן. געדולד, בלויז נאך א ביסל געדולד... אבער דעם זעערס „זעאונג" פירט ניט מער ווי פון פריערדיקע חזיונית צו נייע חזיוניות, פון פריערדיקע מיסטיש־פילאזאפישע געדאנקען צו ענלעכע, ברייטער ארומגערעדטע רעיונות — אלא וואס דען, דער פילאסאפירנדיקער נביא בערמאן, „א ווייסע ראב צי א ווייסע טויב", מיט א אידייע „טאקע ווידער א ווי א פויגל" (א פויגל, הייסט עס, אין א פויגל), גייט ארום צום פאלק און קומט אנזאגן די ניו־יארקער אידן, אז ס'איז — הערט און וואונ־דערט זיך! — ניטא קיין גאט אויף דער וועלט....

„אונזער געטלאכער געדאנק — אזוי לאזט וויסן דער נביא די אידן פון ניו־יארק — האט שוין לאנג דעם הימל אין שטיקער צעבראכן און אים אויסגעשפרייט ווי א טעפּיך אונטער אונזערע פיס. מיר גייען איצט אלע אום אין הימל מיט גאט ביי אונזער זייט, און קוקט א מענטש אף א מענטשן — קוקט גאט אף גאט. קלויסטערס און בתי־מדרשים מאכן צאמען צווישן גאט און גאט, ווייל עס איז ניטא מער ווי איין גאט אף דער וועלט, אדער ריכטיקער, ניטא מער ווי איין געטלאכקייט אף דער וועלט.... ניט זאגן זאלן מיר „גאט", לאמיר פון היינט אן זאגן, „דאס אמת'ע ליכט פון דער וועלט"..." פאנטעאיסטישע מיסטיק — איצט ערשט דערוויסן מיר זיך פאר וואס פאר א „ווייסן פויגל" בערמאן איז א ווייספויגלדיקער נעסט. ער וויל גאט „פארריכטן"; ניט גאט זאל עס זיין, נאר „ריכטיקער" — געטלאכקייט. אגב אורחא פארריכט ער אויך דעם תהילים: „ווי עס ציט דעם דורשטיקן הירש צו דעם פרישן וואסער־קוואל, אזוי ציט זיך מיין נשמה צו דעם אמת'ן ליכט פון דער וועלט" — דאס זאל זיין דער טייטש פון דעם פסוק: „כאיל תערג על אפיקי־מים, כן נפשי תערג אליך ה'" (מ"ב, ב.). די אידן, וואס האבן געהערט דעם נביא'ס רייד, האבן אים ניט געלאזט אויסריידן. מען האט אים געשלאגן, מען האט אים געפּייניקט, ער שטארבט. „ווי א ווייסער פויגל, טייערער, ווי א ווייסער פויגל..." —

דאס זיינען געטרטרודם לעצטע ווערטער איבער בערמאַן׳ס טויטן־בעט, און די לעגענדע איז אויס..

מוז מען פרעגן מיטן גאַנצן ערנסט: צוליב וואָס האָט איגנאַטאָוו דערלאָזן בערמאַנען שטאַרבן? צוליב וואָס האָט ער געשאַפן פון דאָס ניי די אַלטע לעגענדע ווענן דעם ליידנדיקן און פאַרשטייניקטן נביא? און צוליב וואָס האָט ער גענומען פאַר אַט דער פיגור זיין נויי־יאָרקער ליים?

***

די פראַגע מוז מען שוין שטעלן דערפאַר, ווייל דוד איגנאַטאָוו אליין פאַרלאַנגט עס. ער דערציילט אונז, אז בעתמאַן איז דער מחבר פון א בוך: „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט", געבויט אויף מעשה׳ס פון ר׳ נחמן ברעסלאַווער. גראַד אַזאַ ספר׳ל האָט אָבער אויך אָנגע־שריבן דוד איגנאַטאָוו אליין. געהערט דאַך, הייסט עס, בערמאַן צו זיינע נאָענטע קרובים, איז אפשר זיין אייגענעם פאַטערס א זון. עס איז דער אַלטער ראָמאַנטישער דרך אויפצובויען צוערשט א ניט־עקזיסטירנדיקע וועלט און דערנאָך פּלוצים א עפן טאָן פון אַט דער וועלט ארויס א פאַרטקע צו „יענער וועלט", ד. ה. צו דער, וואָס אין איר לעבן מיר אַלע. דערגרייכט ווערט עס דערמיט וואָס דער דיכטער מישט זיך אליין אריין אין דעם גאַנג פון דער מעשה. מיט דער הילף פון זיין „פאַר־באָרגענעם" שליסל טוט עס אויף זיינע ווייטע דרכים אויך אונזער דיכטער. ווערט זיין וועלט דורך דעם אויס וועלט און פאַרוואַנדלט זיך אין א „בוך", אין א מעשה, אין א משל. ראָמאַנטיק און סימבאָליזם זיינען אין דער ליטעראַטור אין זייער לעצטן תוך — היינו הך. אַזוי ארום ווערט די ראָמאַנטישע דערוויטערונג פון רעאַלן לעבן בלויז א מיטל מיט אַנטקעגנצושטעלן א סימבאָלישן משל, א אידייע, אַן׳עפּעס, וואָס הגם עס עקזיסטירט ניט, זאָל עס עקזיסטירן. די קונסט איז מותר אויפן רעאַליזם, כדי צו קענען די רעאַליטעט „משפטן", כדי צו ווערן קאָנקרעטע עמיק.

אַזוי געזען, איז די שייכות צווישן לעבן און לעגענדע אין אונזער טרילאָגיע א שאַרפע אַנטיטעזע: אַזוי גייט עס, אַזוי טאָר עס ווייטער ניט גיין. דעם אידישן סאָציאַליזם אַן וואָרצלען אין אידישן גייסט ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם פון א אידן, וואָס לעבט אין דער וועלט ווי אין א קאָסמישער סוכה. איז דאָס גע־זעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע לעבן פון אונזערע „אַפּגעריסענע בלעטער" פינסטער, האַמש זיי אליין רופן זייער בלאַט „דאָס ליכט" — קען עס

ניט ווערן באמת ליכטיק, סיידן זיי לאזן זיך אוועק אויף בערמאן־איגנאטאוו'ס וועגן. דערמיט איז אינגאנצן אפגעשלאסן דאס קאפיטל קונסט און עס עפנט זיך דאס בלאט הלכה למעשה.

עס איז זייער א וויכטיקע דערשיינונג אין אונזער ליטעראטור, וואס די בערמאן'ס שטעלן זיך אויף ביי איר מזרח־וואנט. זיי ברענגען מיט זיך אוצרות, אן וועלכע מיר קענען ניט אויסקומען. בלייבן זיי אבער ווייטער אזוי ווי זיי זיינען איצט, יעדער מיט זיין „צעפאלטער" פילאזאפיע („מיר לעבן אלע אין אן אויסגעטראכטע וועלט" — זאגט בערמאן), יעדער מיט זיינע אייגענע אויסגעקליגלטע מנהגים, יעדער אזויצוזאגן א סנהדרין פאר זיך, דאן קענען זיי זיך ניט מצרף זיין צו א מנין, דאן וועט יעדער פון זיי בלייבן וואו ער איז, ביי זיין אינדיווידואליסטישער „מיסטעריע". קיינער פון זיי האט נאך דערווייל ניט דעם מוט ארויסצורעדן דאס ווארט גאט און איז בעסער גרייט זיך אליין צו פארגעטערן און נאכצוגיין די אייגענע פאנטאזיעס איידער צוצולייגן א אויער צו דעם סוד פון דורות. דערפאר שאקלען זיי זיך ביז אין זייער טיפסטן יסוד אריין. בערמאן שטארבט פאר דער צייט, ווייל ער רופט די אידן חרוב צו מאכן דעם בית־מדרש. אין זיין צוואה אויפן טויטנבעט לערנט ער אונז אבער, אז „יעדער איר איז וויכטיק... אט שוין מיט דעם, וואס אלם פאלק לייקענען זיי, מיט זייער זיין, די נויטיקייט פון גרעניצן אף דער וועלט, איז דער איד גרויס און וויכטיק". און טאקע! ווער וועט זיצן אין סוכה אויב ניט א איד? און וואו וועט מען אויפשטעלן סוכות אויב ניט אויפן שול־הויף? טא פארוואס לאזט איגנאטאוו בערמאנען שטארבן? פארוואס האט ער אים ניט פארגונען חופה און קדושין? פארוואס ניט א קידוש־בעכער אין האנט אונטער גרינעם שכך? דער קינסטלער, וואס זאל קאנען דערציילן און באווייזן, ווי א בערמאן, א איד, וואס איז פארבונדן מיטן היינט און מארגן פון גאר דער וועלט, מאכט קידוש, האט זיך אין דער אידישער ליטעראטור נאך ניט באוויזן. ווער קען זאגן, וואס דאס קומענדיקע בוך פון איגנאטאוו'ן וועט ברענגען? דערווייל פלאנטערן מיר זיך נאך, דערווייל בלאנדזשענען מיר, דערווייל „זוכן" מיר און דווקא עפעס נייעס, בשעת דער אמת'ער אמת, קען גאר קיין נייעס ניט זיין, ווייל ער איז ניט אלט און ניט ניי, נאר אייביק.

די בערמאן־לעגענדע האט געדארפט עפענען א טויער צו א נייעם לעבן און האט דערפירט בלויז צום בית־הקברות. דערפון איז געדרונגען, אז ביי בערמאן'ס וועג ווייזער, ביי דוד איגנאטאוו'ס ווייסן פויגל, זיינען די פליגען געפענטעט, אפשר אונטערגעהאקט. דאס אייגענע ביים רוב פון אונזערע ראמאנטישע „גאט־זוכער". אין דעם ניט־פארריכטן

ישעיה שטייט געשריבן: „דרשו ה׳ בהמצאו, קראהו בהיותו קרוב״ — „זוכט גאט, ווען ער איז דא; רופט צו אים, ווען ער איז נאענט״. אויף „ווייטע״ וועגן קען מען אים זוכן, אבער ניט געפינען: „כי — ווי עס שטייט דארטן ווייטער — לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי״ — „ווייל ניט מיינע געדאנקען זיינען אייערע געדאנקען און ניט אייערע וועגן זיינען מיינע וועגן״. אלע אונזערע גאט־זוכער, וואס וואנדערן אויף ווייטע סאציאליסטישע דרכים, כדי צו מאכן פון סאציאליזם א רעליגיע קומען צו זייער ציל ניט נעענטער, נאר דערווייטערן זיך פון אים. רעליגיעזער סאציאליזם איז א נויטווענדיקייט — פארן גלויבן, פאר דער רעליגיע גופא און פאר דער מענטשהייט; סאציאליסטישע רעליגיע, איז א איבעריקע זאך סיי פאר דער רעליגיע, סיי פארן סאציאליזם. ס׳וועט ניט העלפן קיין שום ראמאנטיק, און אלע אירע ווייסע ראבן, טויבן צי אלבאטראסן מוזן ווערן א קרבן, איידער זיי האבן נאך צייט אויסצושפרייטן זייערע פליגלען.

יונגע טעג

פרץ הירשביין

יונגע טעג

1.

מיט פיר און צוואנציק יאָר צוריק, אין א הארבסטיק־פאררעגנטן פרייטיק אין דערפרי, בין איך אָנגעקומען צום לאנד פון יעמאָלטדיקע אידישע האָפענונגען און מיט א פּאָר שעה שפּעטער בין איך אומגעגאנגען אין הארלעמער גאסן. גאס־איין, גאס־אויס — אידיש פאָלק; אידן אין די פענסטער, אידן אויף די טראָטוארן, אידן קוקן פון די געוועלבן ארויס. בין אריין אין א שמאָל מילכיק קרעמל, צוגעזעצט זיך בא א שמאָל, קאלט מירמלשטיינערנעם טישל, און געבעטן עפּעס צום עסן.

זעצט זיך צו קעגנאיבער מיר א יונגערמאַן אין ברילן און מיט א שמאָל פארשוירן רויטלעך בערדל, קוקט מיך אָן נייגעריק און טיפזיניק,

— א גרינער?

— גרין־גראָז.

— שוין לאנג אין לאנד?

— פיר שעה.

— כא־כא־כא . . .

— וואָס לאכט איר?

— איך לאך פון זיך. בין שוין דריי יאָר אין לאנד. מעג איך וויסן וואָס אייער פאך איז?

— א זייגערמייסטער פון דער היים.

אזוי גאָר, א זייגערמייסטער; ניט קיין שלעכטער פאך. ווען איך בין א זייגערמייסטער, בלייב איך אין ווארשע. אגב, מוזט איר דאָך האָבן א פּינקטלעכן זייגער. וויפל איז ביינ'אייך דער זייגער?

— מיין זייגער איז נאָך דער אייראָפּאישער צייט.

— כא־כא־כא, מסתמא קלערט איר אויך נאָך פאָרן צוריק . . . יאָ, אלע בענקען צוריק . . . אלע . . .

איז מיר שפּעטער ניט איינגעגאנגען מיין ברויט מיט פּוטער און דאָס ביסל קאווע אין דער קלעפּעדיקער גלאָז.

איך האָב ארויסגענומען מיין זילבערן זייגערל און איבערגעדרייט די צייט צוריק אויף עטלעכע שעה, אויסגעגלייכט מיין צייט מיט דעם זייגער, וואָס קאָנטראָלירט דעם גאנג פון די אלע מיינע נאָענטע, און פּאָרט פרעמדע, וואָס בענקען צוריק" . . .

2.

און ווי וואָלט טאַקע געווען, ווען איך בין א זייגערמייסטער? . . . האָב נאָך אין ווארשע געהערט, אז די אידישע שרייבער אין אמעריקע פאַרדינען זייער ברויט אין שאָפּ: שניידער, שוסטער, מעבלסטאָלער, היטלמאַכער און . . . קיינער פון די שרייבער האָט מיר באַם שיף ניט באַגעגענט. האָבן ניט געוואוסט ווען איך קום. כ'ווייס, דאָ, אין דער פרעמדער פאַר מיר וועלט, כאָטש א אידישער וועלט, וואו מע רעדט געשמאַק אידיש, אז איך וויל גיין פון טיר צו טיר און דערציילן אז איך בין א „אידישער שרייבער", צי א „אידישער זייגערמייסטער" — וועט מסתמא אין איינער פון די טירן זיך באַווייזן א מענטש מיט א באַלויכטענעם פּנים פאַר גוטסקייט, „גרין צו גרין וועט זיך א צי טון, ווי אין אָוונט בויגן זיך גרינע גראָזן איינס צום אַנדערן". איך ווייס, ס'איז מיין אייגענע שולד געווען, וואָס באַם אָנקומען האָט מיך קיינער פון דער גרויסער שרייבער־משפּחה ניט באַגעגנט. ס'איז א קינדערשער געפיל אמאָל, זיך אויסבאַהאַלטן פון די גרויסע, און ס'איז גוט אמאָל זיך צו פילן קליין און „פאַרלאָרן".

— כאָטש איין מעת־לעת בלייבן מיט זיך. דאָס לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען. אַלע ווערן יונג, און יונגע — קליינע קינדער!

ערשט אויף מאָרגן, שבת בייטאָג, בין איך אראָפּ צופוס פון האַרלעם, געשפּאַנט מיט אויגן אָפן און אויערן אויפגעמאַכטע, צוגעהערט זיך צום אָפּהילך פון מיינע אייגענע טריט אויפן אספאַלט. שוין געווען נאָכט, ווען איך בין אָנגעקומען צום ווינקל דיוויזשן און בראָדוויי, וואו אויף א צווייטן שמאָלן שטאָק איז געווען די רעדאקציע פון דער „צוקונפט".

3.

— שלום־עליכם!

— עליכם־שלום.

— אָט, א גרינער!

— נעכטן געקומען, און זיך אויסבאַהאַלטן!

— שלום־עליכם.

— עליכם־שלום!

א שרייבער־וועלט אין דער ענגער רעדאקציע. דער רעדאַקטאָר זאַקס, ער שטראַלט אויך מיט פריינדלעכקייט. אין א סך פון די „שלום־עליכמס" שפּיר איך מאָזאָליסטישע הענט, שווערע הענט, בעלמלאכהשע הענט. אין די אויגן — יונגער פייער אויפן שטערן עקשנות; ארום מויל — צומאָל איראָניע און ביטערער שמייכל. פּראָזע־שרייבער — גייסטיקע בריקן־בויער.

— אהא, א בריק איבערן אַטלאַנטיק! זיי בויען פון דאָרטן, און מיר — פון דאַנען . . .

אייך וועט דאָ זיין גוט בא אונדז! — קלאַפּט מיר איינער א מיטל־וואוקסיקער, קרעפּטיקער און מיט אינגלשער פאַררויסנקייט אין פּנים, גוטברידעריש אין פּלייצע — איר זאָלט זיך נאָר צו גיך ניט אויסגרינען, אייך וועט זיין גוט בא אונדז . . .

דוד איגנאַטאָוו איז דאָס געווען.

מיט געזונטער וואַרימקייט האָט געשלאָגן פון זיינע ווערטער און זיין האַנטדרוק — א פעסטער, א זיכערער, א גלויביקער.

4.

זונטיק גאַנץ פרי איז ער שוין געווען בא מיר אין מיין האָרלעמער אכסניה. איצטער האָט ער מיר אויסגעזען א ביסעלע עלטער. ס'איז געווען זיין פרייער טאָג פון שאַפּ; אָבער א טאָג פון גרויסע פּלענער, ליטעראַרישע פּלענער: „שריפטן" האָבן יעמאָלט די „יונגע" ארויסגעגעבן. שווערע, מיט ניילעבן אָנגעפּיקעוועטע זאַמלביכער. אלע יונגע שפּרודלדיקע טאַלאַנטן האָבן זייער גייסט געטראָגן אין די „שריפטן" אריין, ווי מע טראָגט שמעקעדיקע בינט היי אין גראַמען שייער אריין. א קאַמף האָט מען געפירט מיט די „אלטע"; א קאַמף, און א צולהכעיס די צייטונגען, וואָס האָבן פאַרלייקנט די יונגע טאַלאַנטן; ס'וואָרט פון די יונגע האָט פאַר יעמאָלדיקע רעדאַקטאָרן ניט וואויל געקלונגען. דוד איגנאַטאָוו איז געווען דער רעדאַקטאָר פון די „שריפטן", דער געלטזוכער, און דער מפונק, וואָס האָט כוחות אוועקגעלייגט, אז די אויסערלעכקייט פון די „שריפטן" זאָל האַרמאָנירן מיטן תוכן . . . דעריבער האָט דוד איגנאַטאָוו געהאַט צייכנס פון זאָרג אויפן יונגן שטערן.

א סך, גאָר א סך האָט ער מיר אין יענעם פרימאָרגן אָנגעדערציילט פון די אלע יונגע דיכטער און דערציילער. מיט מוטערלעכער ליבע, און מיט מעלות פון א גוטן שדכן, האָט פאַר מיר איגנאַטאָוו געמאָלן די אייגנשאַפטן פון יעדן טאַלאַנט באַזונדער. אָן קיין שום שנאה, אָן קיין שום קנאה, האָט ער פאַר מיר דורכגעפירט יעדן איינעם פון די אנטיילנעמער אין די שריפטן. פאַר יעדן איינעם האָט ער געזוכט געראָטענע ווערטער צו מאָלן פאַר מיר זייער טאַלאַנט. כ'בין נאָך גאָר ניט לאַנג פון גרויסן י. ל. פּרץ, בא וועמען אין שטוב כ'האָב יעמאָלט געהאַט געוווילט, און פּונקט אזוי האָט י. ל. פּרץ מיט א פריידיקן פּנים אויפגענומען יעדן יונגן טאַלאַנט.

— וואויל צו וויסן, — האָב איך בא זיך געטראַכט, — אז דאָ האָבן די יונגע דיכטער אזא לויטערן שטרעבן; אוודאי צווישן יונגע איז גוט יונג צו זיין . . .

מיטאַמאָל רייסט דוד איגנאַטאָוו איבער דעם ליטעראַרישן שמועס, און טוט מיר וואוילעריש א פרעג:

— איר פֿאָרט אפשר אויף א בייסיקל?
— וואָס מיינט איר?
— כ'מיין, צי איר קאָנט פֿאָרן אויף א וועלאָסיפּעד.
— יאָ, איך פֿאָר ניט שלעכט.
— איז גוט!

כ'האָב תחילת ניט פֿארשטאַנען מיט וואָס דאָס איז אזוי גוט. אבער דוד איגנאַטאָוו האָט מיר אָנגעהויבן צו מסרן אויף אונדזעריקע, וואָס האָבן זיך פֿארקליבן אויף דער איסטסייד; לעבן דאָרטן אָפּ זייערע טעג, בשעת ארום ניו־יאָרק איז פֿאראַן אזא פרייער, שיינער דרויסן.

און אזוי האָט מיך דוד איגנאַטאָוו אין די שפּעטעדיקע שיינע טעג ארויסגעפירט ווייזן ניו־יאָרקס שיינעם דרויסן ווייט אין בראָנקס, וואָס איז נאָך דעמאָלט ווילד געווען. ביידע אויף וועליסאָפּעדן, זייט־ביי־זייט, פליט מען דורך גאַס און הינטערגאַסן, ביז מען איז ארויסגעקומען צום ווייטן קאָנקורס, צום שטיבל, וואו ערגאַר פּאָו האָט געלעבט און גע־שריבן; דאָס שטיבל איז נאָך יעמאָלט אליין באַם זייט וועג געשטאַנען, מיט א קראָה אויפגעמאָלן איבערן טיר.

זייט־ביי־זייט אויפן „בייסיקל", און די שמועסן זיינען געווען יונגע, פֿארשייטע לעטעראַטור און לעבן; לעבן און ליבע, און די גרויסע צו־קונפט פון אידן אין לאַנד פון גילדערנע האָפענונגען. יעמאָלט האָט יונג געאָטעמט די אויפגעהויבענע אידישע ברוסט.

אידן האָבן דעמאָלט אין אמעריקע געארבעט. אוי, האָט מען גע־ארבעט; געארבעט און מיט געזאַנג פול געמאַכט די שעפּער! אידן האָבן גענייט און באַנייט גאַנץ אמעריקע. אידן זיינען שוין געווען זייער „ביזי"; אָבער די אידישע יונגע דיכטער האָבן צו מיר א יונג געזאַנג געבראַכט הינטער די פענצטער.

א מחנה יונגע טרובאדורן האָבן זיך באַוויזן אין דער אידישער גאַס, און דוד איגנאַטאָוו איז געווען זייער דערמוטיקער.

א יונגער טרובאַדור איז דוד איגנאַטאָוו געבליבן אין זיין אייגענעם שאַפן; זיינע פּראָזאאישע ווערק זיינען לידער אין פּראָזע, וואו די שטאָט ניו־יאָרק פֿארבענקט זיך אָפּט צו איר „פרייען דרויסן"; וואו אונדזער אידיש לעבן בענקט צומאָל צו לויטערן „דרויסן"; וואו „משה חבינו'ס קיעלע" שטייט אויף א שפּיץ גראָז און קוקט ווי די זון האָט דעם האלבן טאָג אזוי ליבטיק אָנגעצונדן.

דוד איגנאַטאָוו איז דער אייביק־יונגער געבליבן צו זיינע פופציק יאָר; מחמת מיט יוגנטלעכן פייער אין די אויגן קוקט ער צו דער פאָר־שייטער צייט, וואָס ווייזט אויך אָן דעם אויפגאַנג פון אנדערע אידישע האָפענונגען.

בערמאן — דער
נביא סאציאליסט

ב. ריווקין

בערמאַן — דער נביא סאָציאַליסט

1. ליכט — דאָס שליסל־וואָרט

דער שליסל צו דוד איגנאַטאָווס ראָמאַן „אַף ווייטע וועגן," ווי אויך צו זיין גאַנצן שאַפן נאָכן פאַרעפנטלאָכן „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט" — אַ ווערק, געבויט אויף רב נחמן בראַצלאַווערס מעשיות, זייער איבער־דיכטונג אין אַ געבונדענער, געקייטלטער פאָרם — דער שליסל איז ליכט.

ליכט — וואָס אויפן היימישן לשון רופט מען דאָס „נשמה"; אויפן וויסנשאַפטלאַך־פּסיכאָלאָגישן לשון איז דאָס „פּסיכישע ענערגיע."

ליכט איז אַ טייער וואָרט; אַ צווישן־וואָרט — צווישן „נשמה" און פּסיכישער ענערגיע; עס קאָן באַפרידיקן סיי די איבער־שכורע מיס־טיקער און סיי די איבערניכטערע וויסנשאַפטלער; דער „זוהר" פינקלט מיט ליכט פון יעדער פינפטער שורה. און זוהר אליין איז ניט ליכטיקייט? נחמן בראַצלאַווער האָט זיין גאַנצן בנין פון חסידות אויפגעשטעלט אויף ליכט — און גלייכצייטיק, אין דער מאָדערנער פיזיקאַלישער וויסנ־שאַפט איז יעדע פאָרמע פון ענערגיע, צוזאַמען מיט דער מאַטעריע, אויפ־געבויט פון וויבראַציעס, וואָס זיינען זייער נאָענט פאַרוואַנדט צו ליכט־שטראַלן; אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז סיי מאַטעריע און סיי ענערגיע איז ליכט, אין פאַרשיידענע מדרגות.

איז עס זייער מיסטיש און זייער וויסנשאַפטלאַך, ווען מיר ווילן זאָגן צוזאַמען מיט איגנאַטאָוון, אַז דער מענטש, ווען ער לעבט, פּראָ־דוצירט ער אין זיך און פון זיך — ליכט.

„דאָס פאַרבאָרגענע ליכט" הויבט זיך טאַקע ביי אים אָן מיט די ווערטער:

„ווי מיר נוצן האָלץ כדי אַ פייער צו דערהאַלטן, אַזוי נוצן מיר אונזער לעבן, כדי צו דערהאַלטן דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט."

מיר לעבן, הייסט דאָס ניט גלאַט אַזוי אָן אַ פאַרוואָס, נאָר דאָס איז אַ מין ציינדן זיך און ברענען כדי צו דערהאַלטן דאָס אמת'ע ליכט פון דער וועלט.

אָבער איגנאַטאָוו שטעלט זיך דאָ ניט אָפּ; ער באַנוגנט זיך ניט מיט דעם זאָג אַליין; ער גייט ווייטער און זאָגט ווייטער: — „עס איז אמת, אַז דער מענטש לעבט, פּראָדוצירט ער ליכט — אָבער ניט אַלץ הייסט געלעבט. לעבן צו לעבן איז ניט גלייך".

אמת־לעבן הייסט הארעוועז מיט דער נשמה, מאכן אנשטריינגונג, פארברויכן ווילן; מקריב זיין, זיך מוסר נפש זיין; איינשטעלן, רי־זיקירן — יעמאלט ערשט קומט פאר אין אונדז א פארמערונג פון נשמה־ליכטיקייט.

און דער מענטש שפירט עס, ווען ליכט פארמערט זיך אין אים — ער שפירט עס ווי גלויבן; ער ווערט אנגעלאפן מיט גלויבן; ניט גלויבן, וואס איז אנגעהאנגען אן עפעס אויסער אים, אויף א נאגל אין וואנט, אדער א טשוואק אין הימל, נאר גלויבן, ווי א געפיל: זעלבסט־צוטרויען, זיכערקייט, בטחון אין נצחון.

און מענטשן אונטערשיידן זיך ביי איינגאטאוון לויט זייער גראד גלויבן — לויט דער מאס נשמה־ליכטיקייט, וואס זיי האבן אנגעהארעוועט אין זיך, וואס זיי האבן זיך אנפארדינט דורך קרבן.

צעפאלן ביי אים די העלדן זיינע אין פולגלויביקע, האלב־גלויביקע און ציניקער. די גלויביקע האבן כוח און וואג. די ציניקער — מעגן אויסערלאך ווי גלאנצן, אין לעצטן חשבון ווען זיי זיך ארויסשטעלן אן כוח און אן וואג; נישטיקע, מאכטלאזע, פלאכע, אוממשות׳דיקע באשעפענישן — ווי פון לופט געמאכט. אדער אפשר גאר פון א האלץ אזא, וואס ברענט ניט, כאטש עס טשאדעט.

און דאס איז נאך ניט אלץ: דעם מענטשנס גורל ווערט באַ־שטימט לויט דער ליכט־וואג פון זיין נשמה, לויט איר מאס ליכטיקייט. מיט א מענטשן האט וואס פאסירט. דאס אויסערלאכע אויג זעט אפשר ניט, פארוואס האט אזוי פאסירט; אדער זעט א ריין־מאטעריעלע סיבה הינטער דער פאסירונג. אבער דאס האט די געהיימע „מאס און וואג" אין אים געמאכט, אז עס זאל אזוי פאסירן.

וואלט זיך געפאדערט א לענגערע הערקלערונג, כדי עס מקרב צו זיין צום לאגישן דיינקען, אבער פאר קורציקייט וועגן, וועל איך עס בעסער אילוסטרירן מיט א בילד:

ווי יעדער מענטש וואלט געהאט איבער זיך אן אומזיכטבארן שר, וואס פירט דעם חשבון פון זיינע נשמה־דערגרייכונגען, און דער שר מאכט עס, זאכן זאלן פאסירן צו דעם מענטשן, זיין לעבן זאל זיך פאנאנדערוויקלען אין פאסירונגען — רעאלע פאסירונגען, אבער דאך כמעט ווי צוגעגרייטע, ווי זיי וואלטן געווארט אויף אים. דאס אויסער־לאכע אויג זעט א לויף פון פאסירונגען, וואס זיינען געקייטלט דורך מאטעריעלע סיבות; אין דער אמתן איז דאס א געהיימע, אבער א רעאלע מעשה, וואס האט זיך אפגעשפילט אין זיין נשמה, וואס דער שר זיינער דערציילט עס צו די מלאכים אין הימל, און צו די פאעטן אויף דער ערד.

איגנאַטאָוו וואָלט געזאָגט: יעדער מענטש דערציילט זיין מעשה פאַר דעם „אייביקן ליכט פון דער וועלט".
איבער יעדן מענטשן לאָזט זיך אַזאַ מעשה דערציילן. יעדער מענטש איז אַ מעשה.
מיט אַ דור און מיט אַ פאָלק איז ווי מיט אַ יחיד — וויפיל די נשמה פון דור, פון פאָלק האָט וואָג, מהות, „ליכט", אַזויפיל אויפטו איז זיי באַשערט. און פונקט ווי ביים יחיד, געווינט די נשמה פון אַ פאָלק וואָג, מהות, „ליכט" — דורך גלויבן, דורך האַנדלונגען אין גלויבן, דורך קרבן, דורך גרייטקייט צו קרבן, דורך מסירת נפש. און דאָס איז עס, וואָס באַשטימט דעם פאָלקס גורל, דעם פאַרלויף פון זיין געשיכטע. אַ באַרג אַרויף פון פאַסירונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ די שטייגנדיקע מעשה אין דער נשמה — אין דעם גייסט פון פאָלק.
איגנאַטאָוו לאָזט דעם הויפּט־העלד פון „אויף נייע וועגן" — בער־מאַנען — עס זאָגן אויף זיין מיסטישן לשון: „די מעשיות פון אַ פאָלק זיינען דעם פאָלקס טרעפּ צו ריינער געטלאַכקייט."
דאָס איז איגנאַטאָווס זוהרדיקע מעשה־פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט זיך צורעכט געמאַכט, איבערדערציילנדיק רב נחמן בראַצלאַווערס מעשיות אין זיין „פאַרבאָרגענעם ליכט."
און אַז מען וויל קאָן מען די דאָזיקע מעשה־פילאָזאָפיע, נאָך אַביסל מי, אויך איבערזאָגן אויף ריין־מאַטעריאַליסטישער שפּראַך, און זי זאָל זיך לייגן אויפן ניכטערן שכל — „ליכט" איז ביי איגנאַטאָוון דאָס צווישן־וואָרט, וואָס פאַרבינדט דאָס מיסטעריעזע מיט דעם רעאַלן. דאָס מיסטעריעזע איז דער אונטערשלאַק פון רעאַלן, און דאָס רעאַלע דער אויבערשלאַק פון מיסטעריעזן. אָדער ווי עס הייסט ביי אים אַליין: דאָס רעאַלע זיינען די ציגל פון דער געביידע, און דאָס מיסטעריעזע דער צעמענט, וואָס האַלט די ציגל צוזאַמען.
כאַראַקטעריסטיש פאַר איגנאַטאָווס איגנאַרטיקער מעשה־פילאָזאָ־פיע איז דאָס, וואָס ליכט און מיסטעריע זיינען ביי אים זאַכן, וואָס מען קאָן כמעט אָנטאַפּן מיט די הענט:
„דאָס איינזאַמע בייגקען פון דעם מענטשן שאַטנט זיך אַריין אין דער ליכטיקער גרויס פון דער נאַכט און ווערט דורכדעם דורכזיכטיק. און די ליכטיקייט ווערט דורכדעם אַזאַ, אַז מען קאָן זי איצט אָננעמען מיט דער האַנט און דריקן צום האַרצן".
אָדער:
„אַ גאַסט מאַגנעטיזירט כמעט שטענדיק אַרום זיך דאָס ליכט פון הויז. אויסער דעם ליכט פון הויז קריגט ער נאָך צו דאָס ליכט פון די אויגן פון די שטוביקע; יעדערער טיילט אים צו אַ טייל פון זיין ליכט.

„איז בערמאַן אַזוי געזעסן ווי אין אַ ליכט־קרייז און אַזוי ווי אויפֿגעלויכטן פֿאַר אַלעמען. עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי ניט נאָר אַלעמענס אויגן, נאָר אויך, אַז דאָס ליכט פֿון דעם לאָמפּ וואָלט זיך געצויגן צו אים.״

דאָס איז וועגן ליכט. און מיסטעריע איז ווי מאַטעריע. — עס האָט געזאָלט זיין אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, לויט אַ צייטונגס־מעלדונג, און עס איז ניט געווען.

דער רוס שליאַפּניקאָוו קאָן דאָס ניט אַראָפּשלינגען:

„אַ שווערע ביטערקייט אויף דעם אייגענעם פֿאָלק האָט זיך געגנ־מען הויבן אין שליאַפּניקאָוון. דאָס פֿאָלק, זיין פֿאָלק, איז אַ קריכנ־דיקער וואָרעם, איז געבראַכט געוואָרן צו דער מדרגה פֿון אַ וואָרעם. און ער רופֿט זיך אָן צו בערמאַנען:

— און דו זאָגסט פֿונדעסטוועגן, אַז די רעוואָלוציע וועט קומען. ווי אַזוי פֿאָרט וועט זי קומען, אויב דאָס פֿאָלק איז פֿויל און שווער־מוטיק, ווי אַ קריכנדיקער וואָרעם?

— אין דער מיסטעריע פֿון רעוואָלוציע איז שוין פֿאַראַנען אַט־יענער כוח, וואָס — ווען זי שלאָגט אין נאַבאַט, גיט דאָס פֿאָלק, אַט־דער לאַנגזאַם־קריכנדיקער וואָרעם, זיך פּלוצלונג אַ הויב און אַ שפּרונג און דער קריכנדיקער וואָרעם ווערט ממש פֿאַר די אויגן פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿליענדיקער וואונדער־שלאַנג — ענטפֿערט בערמאַן.״

און ווייטער:

„— ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן פֿאַר דער מיסטעריע פֿון זאַכן. די מיסטעריע איז ממש די ערד אונטער אונזערע פֿיס.

— די מיסטעריע איז דאָך עפּעס אַ מין ווייכע זאַך, און די ערד אונטער אונזערע פֿיס איז און דאַרף זיין האַרט?

— די מיסטעריע קאָן אויך זיין האַרט און שאַרף ווי די שאַרף פֿון אַ שווערד.״

און נאָך אַ שטאַרקערע פֿאַרמאַטעריאַליזירונג פֿון דער מיסטעריע:

„— אַ געביידעטע דאַרף אָבער געבויט ווערן אויף רעאַלן באָדן —

— יאָ — ענטפֿערט בערמאַן מיט זיין מאָדנער זיכערקייט און רו־איקייט — אַ געביידעטע דאַרף געבויט ווערן אויף רעאַלן באָדן, אויף דעם רעאַלסטן באָדן, וואָס מיר האָבן — אויף דער מיסטעריע״.

מיט אָט דעם באַגריף וועגן מיסטעריע, וועגן דעם שליסל־וואָרט — ליכט און מיט דעם איגנאַטאָווישן באַנעם, אַז אַלץ — מענטשן, געשע־עניש, זאַכן — זיינען מעשה — קאָנען מיר עפֿענען דעם ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן״, און אַלץ אין אים זאָל אונדז ווערן קלאָר און פֿאַרשטענדלאָך.

2. די גוטע בשורה פֿון ראָמאַן „אַף נייע וועגן"

דער ראמאן איז אן אנזאג, אז דער פולגלויביקער טיפ, דער העלד פון גלויבן, איז שוין דא מיט אונז; ער גייט, ער קומט און ער וועט באלד אפהאלטן א נצחון.

דער טיפ איז פארקערפערט אין דעם הויפט־העלד בערמאן.

בערמאן האט זיך באוויזן, ווען פרענקל האט פארשפילט; דער גאנצער פרענקל־דור האט פארשפילט. פרענקל — דאס איז דער האלב־ציניקער, האלב־גלויביקער פשרה־מאכנדיקער סאציאליסטישער פירער, וועלכער פארשטעלט מיט זיך און באשיצט גאבריעלן, דעם ציניקער, פול און גאנץ, וואס קאמאנדעוועט הינטער זיין רוקן.

איגנאטאוו דורך זיין ראמאן זאגט אונז אן די פריילאכע בשורה, אז די פרענקלס און איבערהויפט די גאבריעלס, וואס ברענען ניט, נאר טשאדן, וועלן פארהרגעט; די בערמאנס זיינען שוין געקומען זיי אפבייטן.

א דור, ווי א יחיד, ווערט אוועקגעשטעלט פאר א געוויסן סכום מאטעריעלע אויפגאבן, וואס פאדערן די פארוועגדונג פון א געוויסן סכום נשמה־כוח (נשמה־ליכט — אויף איגנאטאוו־בערמאנס זוהר־לשון) זיי ביייצוקומען.

טעארעטיש קאן א דור ווי א יחיד פראדוצירן נשמה־כוח אומבאַגרעניצט; פראקטיש אבער איז דאס אפטמאל א באגרעניצטע מאס כוח, וואס קומט ווייט ניט נאך דעם באדארף אין כוח; די מאטעריעלע מניעות, וואס מען דארף גובר זיין, שטייגן ווייט אריבער, ווייל כוח גיט זיך ניט אומזיסט. מען דארף עס פארדינען דורך נשמה־הארעוואַניע. און ווען די נשמה־הארעוואניע פון א דור איז נישטיק, איז דער דור אויסגעשפילט. און א צווייטער דור מוז קומען צו פארנעמען זיין פלאץ.

אזוי איז געשען מיט דעם פרענקל־דור.

לויט איגנאטאוו־בערמאנס זוהרדיקער מעשה־פילאזאפיע קאן עס אויך אנדערש אויסגעדריקט ווערן: אויף דער נשמה־פלעין זיינען ניטא קיין מאטעריעלע מניעות. מאטעריע, חומר איז בלויז א נאמען פאר דעם, וואס גיט ווידערשטאנד דער נשמה. און יעדע אויפגאבע, וואס דארף באצוואונגען ווערן דורך א נייעם אויפשטייג פון נשמה־ליכט, וואס פליסט זיך ערשט אז דורך א מסירת־נפשדיקער האנדלונג אין גלויבן — אזא אויפגאבע איז שוין ממילא, דורך דעם אליין חומרדיק און מאטעריעל, ווייל זי ווייזט ווידערשטאנד. אין עצם אבער, — לויט איגנאטאוו־בערמאנס מעשה־פילאזאפיע, איז מאטעריע, חומר —

בלויז אַ נידעריקערער סאָרט ליכט, וואָס דאַרף צעשמאָלצן ווערן דורך דעם פייערן, העכערן געלייטערטן סאָרט. געלייטערט איז עס נשמה; פאַרגליווערט איז עס מאַטעריע. אַזוי, אַז וואָס מען מעג זאָגן איז: עס האָט פרענקלען און זיין דור געמאַנגלט אין נשמה־ליכט. זיי זיינען צוקורץ געקומען אין נשמה כוח אויף גובר צו זיין די איינגעשטאַנענע געזעלשאַפטלאַכע מאַטעריע. אויף פרומען לשון: פרענקל האָט ניט זוכה געווען; זיין דור איז ניט ראוי געווען.

און אין דער שפּראַך פון איגנאַטאָוום הויפּט־העלד בערמאַן:

„פאַראַן דורות מיט ליכטיקע אָנהויבן, און דורות מיט גרויסע דערגרייכונגען; פאַראַן דורות, וואָס פאַלן ווי שטויב, ווי מיסט, און דינען ווי אַ נויטיקער צודעק פאַר די גוטע זאָמען פון די פריערדיקע דורות" (זייט 233, ב' 3).

וואָס דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דער פרענקל דור איז געווען דער שטויב־און־מיסט־צודעק, וואָס האָט מעגלאַך געמאַכט, אַז דער גוטער זאָמען פון די אַמאָליקע אידישע דורות זאָל אויפגיין אין דעם בערמאַן דור.

ווען בערמאַן קומט, שטעלט זיך אַרויס נאָך בולטער דער קאָמפּראָמיס, אויף וועלכן פרענקל האָט אויפגעבויט זיין לעבן; די ווידערשפּרוכן אין אים ווערן נאָך שאַרפער, און זיין דורכפאַל ווערט אומפאַרמיידלאַכער.

בערמאַן איז אַן אַ שיעור אידישער געווען פון פרענקלען אין מערערע פרטים — ספּעציעל מיט זיין אידישן וויסן און קענען. אַ זון פון אַ שטאָט־מגיד, אַן עלוי, וועלכער איז געוואַקסן אַ גאון, און וועלכער איז אַזוי באַהאַונט געווען אין לערנען, אַז נאָך אַלס קינד האָט ער געהאַלטן אין איבערשטייגן זיין פאָטער מיט זיינע דרשות. די מאַמע האָט אים ניט געוואָלט לאָזן אין שול אריין גיין, אויס מורא פאַר אַן עין־הרע. און דער פאָטער האָט מורא געהאַט זיך צוצוהערן צו זיינע דרשות, דאָס האַרץ זאָל אים ניט פּלאַצן פאַר גליק. פּלוצלונג נעמט דער געצערטלטער בן יחיד, דער עלוי, דער געהאָפטער גאון און וואַרפט דאָס אַלץ אַוועק, און ליפערט זיך אוים מיט לייב און לעבן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איז דאָס געווען אַזאַ איבערבּרוך, וואָס האָט געפאָדערט אַזאַ נשמה־העראָאיזם, אַזאַ מסירת־נפשדיקן קרבן, וואָס האָט ווייט אריבערגעשטיגן דעם קרבן פון צען יאָר קאַטאָרגע. עס איז געווען ווי אַן אַטענטאַט אויף טאַטע־מאַמע, אויף זיך אַליין.

אָבער ניט ווי אַן אַפּטריניקער האָט ער עס געטאָן; ניט ווי אַ משומד צו־להכעיס, וואָס וואַרפט אַוועק זיין אַלטן גלויבן און צעטרעט אים מיט די פים. ווייל — לויט בערמאַנס אייגענע ווערטער — פריערדיקע דורות האָבן אויך ניט געהאָרעוועט אומזיסט און —

„היינטיקע מענטשן זיינען אפשר צו פּלוצלונג אנטלאָפן פון דעם אַלטן קוואַל, ווי עס אַנטלויפן אַמאָל פּלוצלונג צעשראָקענע ווילדע ציגן פון אַ לויטערן קוואַל, וואָס זיי האָבן דערגרייכט דורך מי און דאָרשט."

בערמאַן האָט די חיצוניות אָוועקגעוואָרפן, די פּאות און דעם ארבע כנפות. אָבער דעם גאַנצן אינהאַלט, די פולע אָנגעלאָדנקייט מיט אידישן גלויבן, די גאַנצע אָנגעזאַמלטע פּסיכישע ענערגיע — דעם גאַנצן באַרג פון אידישן נשמה־ליכט, וואָס איז אָנגעלאָפן און אָנגעקוואָלן דורך די טויזנטער יאָרן — האָט ער איינגעהאַלטן און אין זיין סאָ־ציאַליזם אַריינגעטראָגן. טיפע און הייליקע אמת'ן זיינען פאַר אים פאַרזיגלט געווען אין הלכה, הגדה און קבלה; אין די משלים און מצוות מעשיות; אין שבת און סוכה. זיי האָבן בסדר געזאַפּטיקט זיין מוח, זיין האַרץ און זיינע רייד; ער איז געבליבן ווי געווען: אַ איד פון העראָאישן גלויבן, וואָס פילט, אַז אין גאַנצן אומזיסט לעבט קיין דור ניט. דער סאָציאַליזם האָט אים געגעבן אַ קאָנקרעטן, מאָדערנעם לבוש פאַר אָט דעם גלויבן, וואָס האָט אים פאַרביטן די חיצוניות, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן; אַ פּראָגראַם פון מצוות מעשיות, וואָס מען דאַרף מקיים זיין ניט אין סימבאָלן, נאָר בפועל ממש, אין לעבן גופא, אין דער סאָציאַלער מאַטעריע.

צוויי וועלט־כוחות האָבן אויף אזא אופן אין אים שלום געמאַכט — דער כוח פון אידישן נשמה־העראָאיזם און די טרייב־קראַפט פון סאָ־ציאַליזם.

זיין נשמה האָט געהאַט גאָר אַ הויכע וואָג. ווען אַפּגעוואויגן אויף ליכט־שטראַלן, האָט ער פאַרמאָגט אַ ריזיקן איבערפלוס פון נשמה־וואָג — און דאָס וועט באַשטימען זיין גורל, אויסלייגן זיין לעבן און פאַנאַנדערוויקלען אין געשעענישן די מעשה בערמאַן.

קומענדיק קיין אַמעריקע, איז ער ניט ווי פרענקל אַוועק צו די אינ־טעליגענטן, די שרייבער און רעדנער, צו וועלכע ער האָט דאָך לייכט געקאָנט צושטיין. נאָר טריי צו זיין אידעאַל פון האַרעפּאַשנעם צדיק־סאָציאַליסט, איז ער אַוועק אַרבעטן אין אַ שאַפּ, ביי דאַמען־היט. דער זון פון שטאָט־מגיד, דער עלוי, דער יורש פון נביאים און חוזים, און אַליין אין זייער בחינה — וואָס אויף זיין שטערן און אין זיינע אויגן האָבן זיך געלויכטן תורה, חכמה און אמונה — האָט באַקומען אויס־געהאָרעוועטע, פאַרמאַזאַליעטע אַרבעטער־הענט.

און גראָד איז ער אָנגעקומען אין שאַפּ פון קאַלמאַנאָוויטש און בערנשטיין, וועלכע האָבן באַלאַנגט צום פרענקל־קרייז — ניט ווייסנדיק, און ניט חושד זייענדיק, אַז זיינע באַסעס, וועלכע ער האָט געקאָנט בלויז אַלס עקספּלואַטאַטאָרס, זיינען סאָציאַליסטן, פריינט און חברים פון

פרענקלען, אונטערשטיצער פון זיין סאציאליסטישער וואכנשריפט — „ליכט". — און אזוי אויף ווייטע וועגן און אומוועגן איז אים באשערט געווען צונויפצוקומען זיך מיט דעם פרענקל־קרייז אויף אן אופן וואס האט צוגעזאגט צו ווערן אלץ פארפלאנטערטער.

מיט פרענקלען פערזענלאך האט ער זיך שוין געהאט באגעגנט פנים אל פנים — ער פלעגט אין דער רעדאקציע פון „ליכט" ברייגנען אויפרופן צו די ארבעטער פון זיין פאך, וועלכע ער האט געגרייט צו א סטרייק; פרענקל פלעגט אויך אויפטרעטן אויף די פארזאמלונגען, וואס בערמאן פלעגט רופן אין צוגרייטונג פון סטרייק.

פרענקל האט זיך דוקא געוואלט חברן מיט בערמאנען. — איר דער־מאנט מיר מיך אליין אין מיין יוגנט! — פלעגט פרענקל צו אים זאגן, פון וואס בערמאנען פלעגט ווערן זייער פריקרע. פארוואס פריקרע? בערמאן האט געשפירט אין אים א גרויס שטיק פאלשקייט. וואו? וואס? — בערמאנען האט זיך געדוכט, אז דאס איז איבער פרענקלס לעקציעס וועגן פרייער ליבע פאר יונגע אינגלאך און מיידלאך.

בערמאן איז גערעכט געווען. דעריין איז געלעגן א שטיק פאלש־קייט. פרענקל פערזענלאך איז פריי געווען פון פרייע־ליבע־גלוסטענישן, נאר ער האט דערמיט מקיים געווען א ראדיקאלע מצוה — פון אנדערע, ניט פון אים פארגעשריבן. און נאך מער פאלשקייטן זיינען געווען אין פרענקלען, וויפיל בערמאן האט געקאנט מיטן חוש אויסשפירן, וואס אבער בערמאנען קענגאיבער האט פרענקל אליין געגומען ווייטיקן מיט זיי.

אנהויבנדיק דערפון, וואס פרענקל איז גארניט געווען אזוי פרעמד פון אידישקייט, ווי עס קאן זיך דוכטן. ניט אזא למדן ווי בערמאן, אבער דאס אליין, וואס ער איז אין זיין יוגנט געווען א צוגעהעריקער צו דער „ביבלישער ברודערשאפט", וויזט אז א אידישער אדער האט געקלאפט אין אים.

נו, האט איינמאל פאסירט, אז פרענקל האט פארבלאנדזשעט אין אן איסט־סיידער שול, און האט געפונען א יונגן רב דרשנדיק פארן עולם וועגן די דינים פון סוכה. א קלוגער רב געווען, און ווי איגנאטאוו גיט אנצוהערעניש, אז דער רב אליין איז אויך א מין צווייטער פרענקל געווען. און דער רב בעל דרשן האט דערציילט פאר זיינע צוהערער וועגן דער מחלוקת פון תנור של עכנאי — די לעגענדע וועגן די תנאים, וואס האבן געהאט א וויכוח מיט דעם גרויסן תנא רבי אליעזר וועגן א דין, און די תנאים, וואס האבן דאך אליין געהארפט זיין געפעסן, איבערפילטע מיט פרומען גלויבן, האבן זיי אליין פונדעסטוועגן זיך געשטעלט קעגן גרויסן תנא, זייער העכערער אינסטאנץ, און קעגן אלע העכערע אינס־טאנצן, און האבן אויסגערופן:

— מעגן בוימער, ווינטן און טייכן און די גאנצע נאטור און אפילו א בת קול פון הימל קומען עדות זאגן פארן תנא, וועט דער דין אלץ בלייבן ווי מיר זאגן....

און בוימער, ווינטן, טייכן און א בת קול פון הימל זיינען געקומען און האבן עדות געזאגט פארן גרויסן תנא. אבער די תנאים זיינען אלץ באשטאנען דארויף, אז דער דין איז ווי זיי זאגן, ווייל — „די תורה שטייט אין הימל ניט איין, נאר ביי אונז מענטשן.”

עס איז א סטרייק געווען קעגן דער אלערהעכסטער אויטאריטעט. פרענקל זעט ניט איין אט די רעוואלוציאנערע מאניפעסטאציע. אבער פארכאפט איז ער געווארן פון דער שיינקייט פון דער לעגענדע.

ניט צום ערשטן מאל איז אזוינס געשען מיט פרענקלען. עס האט אים א פאר מאל אזוי גענומען ציען צום בית מדרש. איז ער אהין אריין, און האט זיך פון דארט אליין ארויסגעווארפן ווי אן „אחר”. בערמאן אבער איז אהין אריין און איז פון דארט ארויס א דורכגעלויכטענער. אט אהער געהערן בערמאנס אויבן־געבראכטע ווערטער וועגן דור, וואס איז שטויב און שימל. יעדער דור, האט ער זיך געזאגט, טראגט מיט זיך ליכט. ניט אלעמאל איז א דור בפרהסיא א ליכט־טרעגער. אבער אפילו ווען ער ליגט זיך אוועק ווי שטויב און שימל, איז עס פאר דעם צוועק, כדי אויף אזא אופן אפצוהיטן און באשיצן ליכטער, וואס מוזן נאך פאר א צייט בלייבן פארהוילן, ביז עס וועט קומען דער דור, וואס איז ראוי. טרייסלט ער אפ דעם שטויב, רייבט אפ דעם שימל — און זע, וואס פאר א ליכט עס איז געלעגן פארהוילן און געווארט אויף אנטפלעקונג.

פרענקל, הגם א פאקל־טרעגער פון סאציאליזם, האט פארט באלאנגט צום שטויב און שימל־דור. און איצט, ווען עס האט אים ווידער א צי געטאן און ער איז אריינגעפאלן אין בית המדרש און איז אפילו פארגאפט געווארן פון דער שיינקייט פון דער לעגענדע, וואס דער יונגער רב האט דערציילט, האט ער אבער אין דעם ענין סוכה גופא דערזען בלויז שימל און פינצטערניש. בעת בערמאן, ביי אן ענלאכער געלעגנהייט, האט אין דעם ענין סוכה דערשפירט א גרויסע וועלט־אידייע, וואס ווארט נאך ערשט אויף איר דערלייזונג.

סוכה איז פאר בערמאנען א משל אויף דעם סכך, דעם צודעק איבער דעם געהיימען ליכט, וואס איז דער תוך פון דער וועלט. סוכה איז דאס עקזיסטירנדיקע, פאקטישע, וואס דאס אויג זעט; מען טאר אין דעם פאקטישן זיך ניט פונדעווען — ניט אין הייזער, ניט אין אייגנטום — עס איז בלויז א סוכה, א צודעק, א ציטווייליקייט. נאר מען דארף זיך בויערן דורכן צודעק, ביז מען דערגרייכט דעם גרונט — דעם ליכטיקן תוך אין מענטשן, אין דער ארדנונג, אין דער וועלט. סאציאליזמס איז

פאר בערמאַנען אַזאַ גרונטעוועז זיך אין דעם ליכטיקן תוך, וואָס דער־מיט איז עס אַנדערש פון פרענקלס סאָציאַליזם, וואָס באַוועגט זיך אויף דער אויבערפלאַך, און באַנוגנט זיך מיט אויבערפלאַך. — און אַ צווייטן משל געפינט בערמאַן אויף זיין שייכות צו פרענקלען אין דער מעשה פון „ארבעה שנכנסו לפרדס" — וועגן די פיר וואָס זיינען אריין אין גאָרטן; מיט דעם אונטערשייד, וואָס די פאַרציטיקע האָבן אונטער פרדס געמיינט דעם אַלט־גריכישן קולטור־גאָרטן, בעת ביי בערמאַנען האַנדלט זיך גראָד און דוקא וועגן דעם אַלט־אידישן גאָרטן — יענע עכטע אידישקייט, וואָס אין יעדער צייט און אין יעדן דור טוט זי אָן אַן אַנדער לבוש, און פאַר היינטיקע האָט זי אָנגעטאָן דעם לבוש פון סאָציאַליזם.

פרענקל איז אַריין אין דעם אַלטאַידישן גאָרטן, און עס האָט אים פון דאָרט ווי אַרויסגעוואָרפן. בערמאַן אָבער איז פון דאָרט אַרויס מיט אַ אידישקייט, וואָס באַפליגלט און באַגייסטיקט דעם סאָציאַליזם; ניט דעם סאָציאַליזם אור־דראַנג, אור־קראַפט, אור־ליכט. אור איז ליכט.

אָבער אויך פענקל און זיין דור דערפילן אַ שליחות. זייער סאָציאַ־ליזם לייגט זיך ווי אַ באַשיצנדיקער צודעק פון שטויב און שימל אויף די גוטע ליכט־קערנער פון סאָציאַליזם — אַ צודעק, וואָס היט זיי אָפּ פאַר די בערמאַנס, וואָס פון אונטער זייערע טריט גייט אויף בליאונג און שפּריצט ליכט, און אַזוי קומט אויס, אַז דער שימל־דור האָט געוואַרט אויף דעם ליכט־דור און צוגעגרייט זיין קומען).

קערן מיר זיך אום צו פרענקלס באַזוך אין בית המדרש: פרענקל איז פאַרכאַפּט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט אים גענומען ציטערן. און וויפיל דער יונגער רב, פרענקלען צוליב, האָט ניט געזוכט מבטל צו זיין די לעגענדע, דער איינדרוק אָף פרענקלען איז געבליבן: גראָד די לעגענדע האָט אים געהאַלטן אין איר צוואַנג. — אָבער ווען ער האָט פאַרלאָזן די שול, און זיך גענומען בודק זיין, און דערטאַפּט, אַז ער איז באַהערשט פון אַ „רעליגיעזער" שטימונג, איז ער אויף זיך אין כעס געוואָרן. איז ער גלייך אַוועק און געמאַכט אַ געוואַלט אין דער באַוועגונג: סטייטש, ווי דערלאָזט מען דאָס, אַז די רעליגיעזע רעאַקציע זאָל אויפהויבן דעם קאָפּ אין מיטן פון דער פרייער אַמעריקע? — און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס „ליכט" זאָל אָנהויבן אַן אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע און די באַוועגונג זאָל פּראַוועז יום־כפור־בעלער.

מאַלט אייך, אַז דער פאַרשטאָרבענער פייגנבוים, אין זיין צייט דער כהן גדול פון אידישן אַטעאיזם, זאָל אין האַרצן אַליין האָבן געוועזן אַ פרומינקער, און געפּראַוועט אַטעאיזם כדי צו דערשטיקן די אייגענע רעליגיעזע שוואַכקייטן.

דאָס איז געוועז דער מענטש פרענקל: אַליין געכאַפּט אין דער

מעשה: צורר מחמת שוואכקייט; ווייל א האלב־גלויביקער, פאר־שטייפט ער זיך; ווייל ער שאקלט זיך, קלאמערט ער זיך אן א שטעקן; ווייל א שוואכלינג, איז ער אן עקשן; ווייל א קאמפראמיסלער, מאכט ער דעם אנשטעל פון שטארקייט און הארטקייט; א שוועכלינג, א האלבלינג, א קאמפראמיסלער, וועלכער פארהארטעוועט זיך דורך עקשנות. דאס איז דער גרונטשטריך אין זיין כאראקטער: אן עקשן־קאמפראמיס־לער — אלס סאציאליסט, אלס פרייע־ליבעניק. אלס איד, אלס אטעאיסט — א פעלשער קעגן זיך אליין.

דער בערמאן־דור וועט זיך באלד צונויפשליסן אין א קלעם מיט פרענקל דור, און דער משפט פון א דור איבער א דור וועט זיך אנהויבן.

3. דער משפט פון א דור איבער א דור.

די צייט איז קיינמאל ניט אומגערעכט, ווען זי איז משלח א דור פון דער סצענע. זי גיט אים פריער זיין פולן לוין. זי ווערט מיט אים קווית.

ווען די איבריקע מיטגלידער פון דעם קרייז איז דאך אפגערעדט. ניט פלאפל, ניט מליצות ווערן געוואויגן, נאר נשמות. און נשמות האבן זיי געהאט? נשמהקעלאך! פאר זייער פלאפל־פלאפל: רעוואלוציע! — האבן זיי געהאט זייער לוין אין די מיזערנע פריידן פון זייערע בעלער־ארגיעס. און עס איז גענוג און איבערגענוג לוין פאר זיי געוועז, ווען זיי האבן געדינט פאר א הינטערגרונט צו פרענקלען. אבער פרענקל אליין האט אויך זיין פולן און געטרייען לוין געהאט. אט דער פארשטייפטער שוועכלינג האט צוגעלאזט און שלום געמאכט מיט צופיל זאכן, קעגן וועל־כע ער האט אין הארצן פראטעסטירט. און האט ער געהאט אביסל איבער־פלוס אין נשמה־זאג קעגן די איבריקע, איז אים דערפאר געלונגען צו דערהויבן דעם סאציאליזם צו א דרשה, וואס די ארבעטער פלעגן אויס־הערן מיט פארגעניגן צו יעדער יום־טוב׳דיקער געלעגנהייט. מער האט אים ניט געקימערט, און מער האט ער ניט פארדינט. א קאמפראמיסלער געוועזן. אויף מער האט אים קיין כוח ניט געסטאיעט.

זיין לוין איז אים אפגעוואויגן געווארן אקוראט.

די צייט איז געקומען פרענקל און זיין דור זאלן אראפ פון דער סצענע.

(און דאס איז די געהיימע לאגיק, לויט וועלכער איגנאטאוום מעשה־פאנטאזיע האט אויסגעצויגן די צייטלענג צווישן בערמאנען און פרענק־לען, שאפנדיק א דיסטאנץ צווישן זיי פון 18־20 יאר, כמעט א דור, בעת פאקטיש זיינען די בערמאנס און די פרענקלס אין איין צייט געוועז, און זיינען עס נאך איצט. —

דער געהיימער מאָטיוו איז: — כדי צו געבן צייט פרענקלען און זיינע צייטגענאָסן אויסגעפּרובט און אויסגעשפּילט צו ווערן.)

* * *

עס האָט אויסגעזען, אַז בערמאַנען וועט געלינגען, וואָס פרענקלען און זיינע חברים איז קיינמאָל ניט געלונגען — ארויסצורופן אַ סטרייק אין אַ גאַנצן פאַך און צו גרינדן אַ יוניאָן — און אַן אינדוסטריעלע יוניאָן דערצו, וואָס זאָל ארומנעמען אַלע צווייגן פון פאַך. יאָ, ער וועט עס אויספירן, בערמאַן דער „נביא־סאָציאַליסט" — אָדער דער „ווילדער מענטש," ווי פרענקלס נאָכפאָלגער אין דער אַרבעטער באַוועגונג האָבן אים אַ צונאָמען געגעבן, ווייל ער האָט זיי איינמאָל צעשטערט אַ גרויס־אַרטיקן באַנקעט, וואָס זיי האָבן אַראַנזשירט פאַר די אַמעריקאַנער לייבאָר־טשיעפס.

דער „ווילדער מענטש" האָט געוויזן, וואָס פאַר אַ כוח ער פאַרמאָגט. מיט דעם ענטוזיאַזם פון אַ הונדערט־גראַד גלויביקן, שיטנדיק מיט ווערטלאַך, משלים און מעשהלאַך, ווי זיין טאַטע דער שטאָט־מגיד, און צינדנדיק די פאַנטאַזיע פון זיינע צוהערער מיט פלאַמיקע פּאַעטישע בילדער, האָט ער גערעדט ניט וועגן אַ הוספה פון צוויי סענט, נאָר וועגן דעם אמת און יושר וואָס איז איבערן מענטשן, וועגן דעם גרויסן מענטשן־יום־טוב, וואָס וועט ארויסוואַקסן פון די אַלע קאַמפן, וואָס וועלן זיך שפּרייטן פון פאַך צו פאַך, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד... איינמאָל, רעדנדיק אויף אַ גאַס־ווינקל, האָט ער אַ רעדע אַזאַ אַזוי פאַרענדיקט:

„— ווי אַ ווייסער פייגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ! — ווי אַ ווייסער פייגל איז דער אמת".

און אַ שיינע איידעלע מיידל, וואָס האָט בערמאַנען ניט געקענט, און בערמאַן האָט זי ניט געקענט, — און וועלכע איז צופעליק פאַרביי־געגאַנגען, אַ גליקלאַכע מיט דעם שאַכטל שאָקאָלאַד, וואָס זי האָט זיך אַליין געקויפט אַ מתנה — האָט די ווערטער אויפגעכאַפּט און זיך פאַר־וואונדערט: ווי קומען אַזעלכע שיינע רייד צו אַ פּראָסטן אַרבעטער, אַן אַפּגעריסענעם־אָפּגעשליסענעם, אַ צעשויבערטן? — און זי האָט לאַנג די ווערטער געדענקט, און זיי גע'חזר'ט פאַר זיך —

„ווי אַ ווייסער פייגל איז דער אמת".

און דאָס איז געווען גערטרוד, די טאָכטער פון די פיינמאַנס, פרענקלס אינטימסטע פריינט אין סאָציאַליסטישן קרייז.

דער גרויסער טאָג, ווען דער סטרייק האָט געדאַרפט דערקלערט ווערן, איז געקומען. קורץ פאַר דער דערעפענונג פון מיטינג, האָט

בראַוערמאַן, אַ יונגער סטודענט, וועלכער האָט געוואָלט זיין איינער פון די רעדנער אַלס פאַרטרעטער פון פּרענקלען, אים פאַרגעשטעלט פאַר אַ מיידל, וועלכע איז מיט אים געקומען. און אָט ווי איגנאַטאָוו באַשרייבט איר אויסזען:

„עפּעס אַזאַ מאָדנע, אַ הויכע, מיט אַזוינע שרעקלאַך גרויסע אויגן. די מיידל איז דעקאָלטירט, און האָט עפּעס אַזאַ מין ליכטיקן האַלבן שמייכל אויף די פולע ליפּן, אַ שמייכל וואָס שמייכלט זיך ווי אַ בליץ, וואָס הערט ניט אויף. זי איז אַ טונקעלע, און דאָך עפּעס ווי אַ ליכטיקע. עפּעס אַזאַ מאָדנע נאָענטע און אַזאַ שרעקליך ווייטע. — בערמאַן קאָן ניט קוקן אויף איר". — „וואָס ווילן זיי דאָ, אָט די אַריסטאָקראַטקעס ?"

און דאָס איז ווידעראַמאָל געוועזן געראַטרוד.

ווען עס איז געקומען די ריי פאַר בערמאַנען צו ריידן, איז לכתחילה אין אים אַלץ ווי שטום געוואָרן, אָבער אַז ער האָט דאָס מויל געעפנט, האָט דורך אים ווי אַ בראַך געטאָן — און אין מיטן די רייד וועגן אונטערדריקונג און קלאַסנקאַמף, האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעכאַפּט דער נאָמען פון רבא בר־בר חנא... — וואָס טוסטו ?! — שרייט ער צו זיך — רבא בר־בר חנא און קלאַסנקאַמף! רבא בר־בר חנא און רעוואָ־לוציע ! — אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן. עס איז ניט געווען אין זיין מאַכט. ער איז ניט געווען אין זיין רשות. ער איז באַוועל־טיקט געוואָרן פון אַ כוח, וואָס איז געווען שטאַרקער פון אים. זיין טאַטנס דרשה האָט זיך געריסן דורך אים. און ער האָט געמוזט דער־ציילן די גאַנצע גוזמא לעגענדע פון רבא בר־בר חנא. —

ווי ער האָט איינמאָל געליטן אַ שיף־ברוך ; ווי ער איז מיט דער מאַנשאַפט צוגעשוואומען צו אַן אינזל אין מיטן ים, באַוואַקסן מיט גראָז און ביימער. און זיי האָבן צעלייגט אַ פייער, אום אָפּצוקאָכן פאַר זיך אַ מאָלצייט. פּלוצלונג האָט דער אינזל זיך אַ טרייסל געטאָן, זיך איבער־געקערט און זיי שיעור ניט אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. זיי האָבן קוים מיטן לעבן זיך געראַטעוועט. ס'איז ניט געווען קיין אינזל — ס'איז געווען אַ לעבעדיקע ריזן־פיש, וואָס איז אָפּגעלעגן אומבאַוועג־לאַך פאַר הונדערטער יאָרן, ביז עס איז באַדעקט געוואָרן מיט ערד און איז באַוואַקסן געוואָרן מיט ביימער. דאָס פייער האָט די פיש אויפגע־וועקט....

— די פיש איז דער אַרבעטער קלאַס. זיי פּרעסן זיך מאָלצייטן אויף זיין אומבאַוועגלאַכן קערפּער. אָבער ער וועט זיך אַ טרייסל טאָן. און ווי וועט זיי זיין ! מען וועט זיי דאַרפן ראַטעווען !

זיין טאַטנס דרשה האָט זיך געריסן דורך אים, און זי האָט אַרויס־

גערופן די סטרייק־דערקלערונג. און דער טאטע אין אים — דאס איז ער אליין געווען.

(צום סוף פון בוך זאגט טאקע אין חלום דער טאטע צו בערמאנען: „זון מיינער, מען קאן פון פארגאנגענע דורות ניט אנטלויפן, זיי לויפן מיט אינאיינעם מיט אונז. אט וואלט איך אוודאי ניט וועלן צעברעכן דעם הימל, נאר אז דו קלעטערס, קלעטער איך אינאיינעם מיט דיר, און אז דו ברעכסט, ברעך איך אינאיינעם מיט דיר.)

בערמאנען איז נאכדעם שוין מער ווי איינמאל אויסגעקומען אויסצוגעפינען אז מען קאן פון פארגאנגענע דורות ניט אנטלויפן, אז זיי לויפן נאך אינאיינעם מיט אונז.

גייענדיק פון סטרייק מיטינג אהיים, דערפילט בערמאן מיטאמאל, אז ער איז ניט אליין, אז א שלאנקע פרויען־געשטאלט, מיט שטילע גרויסע אויגן, גייט מיט אים. דער געפיל איז געווען א גוטער און א טרייסטנדיקער — זי איז אים בייגעשטאנען און וועט אים ביישטיין. די מיידל־געשטאלט האט אים באגלייט ביז אין צימערל אריין — און ער האט אלץ געטראכט:

— מאדנע, ווי א מענטש, אין צייט פון גרויסער אויפרעגונג רעדט ארויס זאכן, וואס ער וואלט קיינמאל ניט געגלויבט, אז ער קאן זיי זאגן; ווי זיי וואלטן געדרעמלט אין זיינע געדערעם און געווארט אף דער אויפרעגונג כדי דורך איר ארויסגערעדט צו ווערן.

און נאך האט בערמאן, פון פריערדיקע דערפארונגען, געוואוסט, אז איינמאל ארויסגערעדט, לאזן זיי שוין נישט אפ; זיי נעמען געוועלטיקן איבער אים, — אזוי אויך איצט: שוין ביי זיך אין צימערל, אליין מיט דער שוועבענדיקער מיידל־געשטאלט, וואס האט אים באגלייט, נעמט זיך זיין טאטעס אנאנדער דרשה ווידער דרשענען דורך אים; ניין, די דרשה האט אים גע׳דרשנ׳ט — די דרשה שפילט זיך פאר אים, ווי א לעבעדיקע זעאונג, און ער איז בלויז דער צושויער־צוהערער:

— כיצד מרקדין לפני הכלה? — בית הלל זאגט, מען זאל טאנצן און זינגען: די כלה איז ווי זי איז! — און בית שמאי זאגט, מען זאל טאנצן און זינגען: לויטער צויבער איז די כלה; פיין און אומבאפלעקט....

און אט שטייען זיי לעבעדיקע אין צוויי מחנות, און פירן די מחלוקת — בית הלל מיט פנימער שטילע, פארטראכטע, מיט ברייטע, בארואיקטע גרויע בערד; און די פנימער פון בית שמאי זיינען אויסגעקנאכנטע, די בערד לאנגע, שווארצע, שארף־פארשפיצטע....

און עס עפנט זיך א פענצטער אין הימל, און עס קומט ארויס א יונגערמאן, כמעט א קינד. און גרוים און גרוי איז זיין קאפ, און

ער רייט שטייענדיק אויף א פייערדיקן לייב — מיט א טאפ אין די הענט — און זינגט א זאג, אז ער וועט שלום מאכן צווישן בית הלל און בית שמאי — אט ווי דער טאפ מאכט שלום צווישן פייער און וואסער....

עס איז געווען א טאנץ און א זמר לכבוד חתן כלה. דער חתן איז ווער? — בערמאן! — און די כלה איז ווער? — נאטירלאך די רעוואלוציע! — די רעוואלוציע אין דער געשטאלט פון דער מיידל, וואס האט אים באגלייט אהיים — שטייט זי דא, די מיידל־רעוואלוציע, זיין באשערטע כלה, זיין זיווג און פלוצלונג ער הערט:

— עס שטייט געשריבן: א זיווג קומט ניט אן לייכט. קשה זווגו של אדם כקריעת ים סוף — האט זיך ווידער גענומען דרשנען אין אים — און גלייך דערויף א צווייטע זעאונג: — פון צעעפנטן הימל קומט אראפ א מענטש — מיט א קארב אויפן קאפ, און ער זינגט און שפילט פאר אים קריעת ים סוף. דער ים האט זיך ניט געוואלט שפאלטן. און די מצרים דערגרייכן שוין. דאס פאלק איז פארצווייפלט. די עלטסטע ווילן שוין אומקערן זיך, אבי צו ראטעווען די אנגעזאמלטע רייכקייט, נאר דער אינגסטער, נחשון בן עמינדב, שרייט אוים:

— איידער קנעכטשאפט, בעסער אין ים אריין אויף גאטס בארא̈ט!

— און ער איז דער ערשטער אריין. און דאס פאלק נאך אים. און זיי זיינען אויפגעשטאנען, ווי לייבן און לעמפערטן, און האבן מיט גרוים אימפעט זיך גענומען גיין אין ים, אויף לעבן און אויף טויט — אבי קיין קנעכט ניט בלייבן!

און ווען זיי זיינען שוין געווען ביזן האלדז אין וואסער, האט דער ים ניט אויסגעהאלטן, און זיך געשפאלטן. — זייער גלויבן האט דעם ים געשפאלטן. — און ער, בערמאן, וועט דעם ים שפאלטן, און צו זיין באשערטער כלה־רעוואלוציע אריבערשפרייזן...

פאר זיך אליין איז עס איינס פון יענע איגנאטאווס גאלדענע מעשהלאך, וואס מאנכע קריטיקער מאנען פון אים, אז זיי אליין זאל ער נאר שרייבן....

אבער דאס מעשה׳לע איז גלייכצייטיק א רינגעלע אין דער מעשה־קייט „בערמאן" — לויט איגנאטאווס כלל, אז א מענטש איז א מעשה: עס איז בערמאנען אן אנזאג געווען, אז ער דארף זיין גרייט א ים צו שפאלטן, אן אנגעגורטער בלויז מיט גלויבן, און אז עס וועט אנקומען שווער, ווי קריעת ים סוף....

בערמאן איז דא אריינגעכאפט געווארן אין דעם שטראם ליכט, וואס ער האט פון דעם געהאט אזא גרויסן רעזערוו אין זיין נשמה, און וואס האט זיך איצט דורכגעבראכן און זיך גענומען באוועגן, מיטשלעפנ־דיק בערמאנען אויף זיין באשערטן לעבנס וועג. און יעדעס מאל, ביי

אזא דורכבראך פון שטראָם, פלעגט בערמאַנען אויפשפרינגען אזא סימ־באַלישע זעאונג, ווי א נבואה, וואָס וועט זיך שפעטער דורכזעצן אין זיין לעבן, און בערמאַן פלעגט דערביי פילן, אז ער איז ניט אין זיין רשות; אז ער ווערט געטראָגן פון א געהיימען כוח; אַדער ווי א געהיימע האַנט וואָלט אים א נעם געטאָן און געפירט אַן זיין ווילן און ווִסן; און ער פלעגט דערביי טראַכטן, אז עפעס איז אין אים פאַראַן, וואָס איז גרעסער פון אים, און אז בכלל איז א מענטש גרעסער פון זיין אייגענעם גרויס: — „א מענטש איז וואָס ער האָנט צו זיין". און ער פלעגט דערביי זיך וואונדערן:

„מען האָט שוין אויסגעטראַכט מאָסן אויף צו מעסטן די ימים, די ערד, די זון און די שטערן. נאָר א מאָס אויף צו מעסטן, מיט וויפיל א מענטש איז גרעסער פון זיין אייגענער גרויס — ווער וועט אזא מאָס אויסטראַכטן?"

אין פאַרלויף פון ראָמאַן האָט בערמאַן מערערע אזעלכע „דורכ־ברוכן" — פינף־זעקס אזעלכע נשמה־עקספּלאָזיאָנען, וואָס שפּריצן זיך פאַנאַנדער אין וויזיאָנען. דאָס זיינען זיי די מעשהלאַך, וואָס גיבן די מאָראַל, דעם באַהאַלטענעם זין פון דעם, וואָס געשעט; פאַרענטפערן וואָס עס איז פריער געשען, און זאָגן אָן, וואָס עס דאַרף איינגיכן, אַדער ווען עס איז — פריער אַדער שפּעטער — געשען. זיי גיבן דעם „פאַר־וואָס" פון דעם „וואָס" — וואו האָט דער מענטש זיין נשמה גענאַרט און זיין נשמה־וואָג געפעלשט און געקרימט. די מעשהלאַך שטעלן דאָס צונויף די „מעשה אין דער מעשה," אויף וועלכער דער ראָמאַן איז געבויט, און וואָס דאַרף געלייענט ווערן פּונקט אזוי ווי די רעאַליסטישע סביבה־שילדערונג, כדי דער ראָמאַן זאָל האָבן גאַנצקייט און צוזאַ־מענהאַנג.

איך, אין אָט דער אָפּהאַנדלונג, פאַרנעם זיך בלויז מיט די „דורכ־ברוך"־מאָמענטן. — ווען די זעאונג האָט זיך אויסגעשעפּט, און בערמאַן, אַן אויסגעשעפּטער, האָט מיטן שפּיי אויער נאָך אַנגעהאַלטן די לעצטע הימנע פון די פאַרשווינדנדיקע געשטאַלטן: „דאָס קול פון דער רעוואָלו־ציע אין קראַפט, אין שיינקייט; דאָס קול פון דער רעוואָלוציע ברעכט טענענבוימער, שלאָגט פלאַמען פייער, טרייסלט אויף דעם מדבר, באַ־וועגט די וועלט פון אירע יסודות, דאָס קול פון..."

— האָט ער מיט פּלוצלונדיקער קלאָרקייט דערזען, אז די גרויס־אויגיקע מיידל־געשטאַלט, וואָס איז אים די גאַנצע צייט ביי־געשטאַנען, סימבאָליזירנדיק פאַר אים זיין כלה־רעוואָלוציע, איז די זעלביקע, וואָס איר זעאונג האָט אים באַגלייט אהיים נאָכן מיטינג: די־זעלביקע אַריסטאָ־

קראטסקע מיט וועלכער דער סטודענט בראוערמאַן האָט אים באַקענט ביים אנהויב מיטינג.

„איך און די אריסטאָקראַטסקע?" — האָט בערמאַן זיך דערשראָקן. יאָ, זי. זי איז געווען זיין זעאונג; דיזעלביקע, וואָס האָט איינמאָל אונטערגעהערט דעם שלום פון זיינער אַ רעדע אויף אַ גאַסן־ווינקל: „ווי אַ ווייסער פויגל איז דער אמת" — און האָט די ווערטער באַהאַלטן אין זכרון און כסדר געחזרט. זי איז געווען גערטרוד. די אויסגעוואַקסענע טאָכטער פון די פיינמאַנס, וועלכע האָבן געהערט צו פרענקלס אינטימען קרייז.

זייט בערמאַנס באַגעגעניש מיט גערטרודן, האָט דער ליכט־שטראָם, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון זיין נשמה, גענומען פּלייצן מיט באַזונדערער גבורה, שטויסנדיק אויף בערמאַנס מאַטעריעלער סביבה, האַסטיקער אַנטרייבנדיק דעם פאַרלויף פון דער מעשה בערמאַן, אין וועלכער ער איז שוין ניט אַליין, נאָר זאַלבענאַנד — ער מיט זיין באַשערטער.

דער שפּרונג איז געוואָרפן געוואָרן. דער צירקל אַרום בערמאַנען און גערטרודן האָט זיך פאַרענגט. און די געשעענישן נעמען זיך וויקלען ווי פון אַ קנויל.

צוויי דורות האָבן זיך צונויפגעקלעמט, און דער משפט פון דור איבער דור האָט זיך אָנגעהויבן: בערמאַן משפט און פאַרמשפּט פרענקלען; און גערטרוד — „דאָס ליכט פון זיין נשמה" — משפט און פאַרמשפּט גאַבריעלן; ביידע, פרענקל און גאַבריעל — ווערן צונישט געמאַכט — פרענקל, אַ צוגעשמידטער ווי צו אַ שאַנד־סלופּ, צום קאָמפּראָמיס, אויף וועלכן ער האָט זיין לעבן אויפגעבויט; און גאַבריעל, דער מיוּול, אַן „אַנטיוועלטער" דורך דעם ווידערשטאַנד פון איין צנועהדיקער פרוי — גערטרוד; ביידע — פרענקל און גאַבריעל — שלינגענדיק זייער אייגענעם בזיון.

4. די פּרופונג פון הייליקן בערמאַן אין דער מדבר

מיט דעם שליסל־וואָרט „ליכט," וואָס עפנט אויף דעם זין פון ראָמאַן, וועט דער לייענער זיך שוין אַליין פאַנאַנדערקלייבן אין די געשילדערטע געשעענישן. קאָן איך מיר פאַרשפּאָרן איבערצוגעבן דעם פאַקטישן אינהאַלט*) נאָר אין קורצן צו דערציילן:

*) זע מיינע פריערדיקע אָפּהאַנדלונגען אין „צוקונפט" פון אַפּריל 1933, אין „שיקאַגאָ" יאַנואַר און פעברואַר 1935, אין „קעמפער", און אין „פרייע אַרבייטער שטימע" און 4־1933.

דער גענעראַל־סטרייק, וואָס בערמאַן האָט אַרויסגערופן אין דאַ־מען־היט־פּאַד, האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל: די פּיקעטס, און בערמאַן אויך בתוכם, זיינען געשלאָגן געוואָרן מכות רצח פון גענגס־טערס, געדונגענע פון קאָפּ פון דער באַסעס־אַסאָסיאיישאַן, וועלכער איז געווען נים קיין אַנדערער, ווי בערנשטיין, אַן אַרויפגעאַרבעטער סאָ־ציאַליסט, אַן אַנגעהעריקער צו פרענקלס קרייז, אַן אונטערשטיצער פון פרענקלס וואָכנשריפט, וואָס האָט, ווי אויף ליצנות, געטראָגן דעם נאָמען פון בערמאַנס כישוף־וואָרט — „ליכט."

קוים דערהאַלט זיך פון די קלעפּ, ווערט בערמאַן געלאַדן פון פרענקלען צו אים אין הויז אַריין, צו דער פייערונג פון זיין טאָכטער זינאַס געבורטסטאָג, וואו ער באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים מיט דעם־זעלביקן בערנשטיין. אַן אַנגעצונדענער לאָזט זיך בערמאַן נאָכדעם אַוועק צו דער אַרבעטערשאַפט און טרייסלט זיי פון דאַסניי אויף מיט דעם געשריי: פּטרראַט! — דער מוט פון די סטרייקער ווערט דערפרישט. דער קאַמף ווערט באַנייט. און אויפגערודערטע מיט געדעכטעניש צאָרן, קומען זיי מאַנען חשבון פון פרענקלען, וועלכער ווייסט אַליין נים, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז ער, דער ערשטער וועגווייזער פון די אַרבעטער צום סאָציאַליזם, זאָל ווערן אַ מיטשולדיקער, דורך זיין בוזים פריינט, בערנשטיין, אין פאַרגאָסענעם אַרבעטער־בלוט.

דאָס האָט די קאָמפּראָמיסלאָכקייט זיינע — זיין דולדן באַסעס אין דער באַוועגונג — טאָקי צוליב די „אינטערעסן פון דער באַוועגונג" — אים געבראַכט דערצו.

און דאָ געשעט נאָך אַ מאָדנערע זאַך: די סטרייקער, נאָר וואָס אָנגעפייערטע מיט הייליקן פּראָטעסט דורך בערמאַנס רוף, לאָזן זיך אין דער נעקסטער מינוט אויפהעצן צו בלינדן כעס דורך איינעם ווילק — אַ פאַרדעכטיקער פאַרשוין, וואָס אַ סברה, אַז ער איז גאָר געשטאַנען אין דינסט פון די באַסעס, וואָרים בערמאַן האָט געדענקט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז געווען ווילק, וואָס האָט אַנגעוויזן אויף אים די גענגסטערס, וועלכע האָבן אים אַוועקגעלייגט אַ האַלב־טויטן אויפן טראָטואַר.

די סטרייקער צעשמעטערן די רעדאַקציע פון „ליכט" — און די פירערשאַפט פון סטרייק גייט אַריבער פון בערמאַנען צום האַלב־גענגס־טער ווילק און דעם סטודענט בראַווערמאַן, פרענקלס אַ תלמיד, וואָס אין דער מהומה האָט ער זיך אַרויסגעגנב'עט פון דער רעדאַקציע כדי צו שלאָגן בלאַט מיט ווילקען. די נייע פירערשאַפט נעמט איבער די מעטאָדן פון די באַסעס — זיי דינגען גענגסטערס אויף צו שלאָגן די סקעבס — און דער סטרייק, אַרויסגערופן פון נביא־סאָציאַליסט בערמאַן פאַרענדיקט זיך מיט אַ פּראַקטישן זיג דורך דעם יד אחת פון אַ קאַריע־

ריסט מיט א האלב־גענגסטער. און די ערשטע גרויסע אידישע ארבעטער יוניאן ווערט געגרינדעט — א טיפ יוניאן, וואס פארשאפט אזויפיל שבר לב די פיינערע סאציאליסטן — א יוניאניזם, וואס געבארן אין איידלקייט, האדעוועט זיך אין גראבקייט...

איז דאס בערמאנס מפלה? אבער אפילו לײדנדיק פערזענלאך א מפלה, האלט ער אפ א נצחון: זיין קרבן, זיין בלוט, זיין הארץ, זיין צארן, זיין ענטוזיאזם זיינען איינגעקנאטן אין דעם פונדאמענט פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג; אן זיין קרבן וואלט דער פונדאמענט זיך ניט געהאלטן און די גאנצע געביידע וואלט צעגויפגעפאלן.

אפילו בערמאנס מפלות זיינען נצחונות, מאלע וואס די ווירקלאכ־קייט, מאכנדיק איר סך הכל, קנעט צונויף זיין קרבן מיט די געמיינע טאטן פון די אנדערע.

אבער פרענקלס מפלה איז אן ערגערע: עס איז מפלה מיט דער־נידריקונג. איבערוואוּרטנדיק א שטיקל צייט, נאכדעם ווי די געמיטער האבן זיך בארואיקט, לאדן אים איין דיזעלביקע פירער, וואס האבן נאר־וואס אים געהאט געשענדעט, צו טאן פאר זיי משרת־דינסט — ער זאל באפוצן זייערע פאסקודנע וואכעדיקע מעשים מיט זיינע שיינע יום־טוב'דיקע סאציאליסטישע פראזן; ער זאל שקלאפן פאר זיי אלס ערן־גאסט אויף זייערע יוניאן־פאראדן.

און טריי צו זיין אייביקן קאמפראמיס נעמט פרענקל אן די שענד־לאכע ראלע — נאטירלאך, ווידעראמאל אין די „אינטערעסן פון דער באוועגונג גופא." — ער, פרענקל, בלייבט אויף זיין „פאסטן," וואס עס זאל אים ניט קאסטן! — שלינגט ער בזיון, פארדרייסנדיק דעם קאפ און פארמאכנדיק די אויגן...

פרענקל צאלט שטראף. וואו ער האט מיט דער נשמה געקרימט, ווערט קענן אים געקרימט — און דאס איז ערשט דער אנהויב!

פרענקל בלייבט אויף זיין פאסטן, אבער בערמאן אנטלויפט פון ניו־יארק, זיינע אויגן זאלן עס ניט אנקוקן. א באזיגטער? ניין! דאס ליכט, וואס זיין נשמה האט פראדוצירט, איז ניט פארלארן געגאנגען; עס איז געבליבן דער קרן קימת פון דעם אידישן ארבעטער אין אמע־ריקע. — בערמאן לאזט זיך אוועק אין דער וועסט אנצונעמען זיך מיט נייעם „ליכט".

אזוי, אז אויפגעעפנט מיט דעם שליסל־ווארט „ליכט," געווינט דאס גאנצע געשעעניש קלארן, טייערן זין. — מער וויל איך מיט באשרייבונ־גען פון געשעענישן זיך ניט פארנעמען; דער דריי־בענדיקער ראמאן איז אנגעפראפט מיט געשעענישן — קאן איך זיי אלע נאכלויפן מיט דער פען? — איך וועל זיך באנוגענען מיט צוויי־דריי מאמענטן —

בערמאַנס „נשמה־עקספּלאָזיאָנען" — וואו דער זין פון ראָמאַן ווערט אַלץ מער פאַרטיפט און דערהויבן — ביז די גאַנצע „מעשה אין דער מעשה" וועט אַרויסקומען בולט פאַרן לייענער, און דער פולער זין פון ראָמאַן וועט זיך אים אויסלייגן אויף דער האַנט.

*   *   *

בערמאַן האָט אויפגעוואַנדערט אין די דאַקאָטאַס, אין די פּרעריס פון דער גאָלדענער וועסט — וואו די ערד איז נאָך דעמאָלט געווען פריי, און יעדער האָט זיך געקאָנט מאַכן אַ וואוינאָרט — לייגן אַ „האָמסטעד".

אויך פרענקל אין זיין צייט האָט געמאַכט אַזאַ רייזע אין דער ווייטער וועסט. אַ מידער פון דעם קאָמפּראָמיס, וואָס האָט שטענדיק זיך געקלעפּט צו אים ווי אַ פלעק — איז ער געווען אַוועקגעפאָרן אויף זעקס חדשים — אַוועקגעפאָרן נאָך אַ געזעגענונג־אָוונט פון דעם קרייז. וואוהין ער פאָרט? — דאָס האָט ער פאַרשוויגן. אפשר מיט אַן ערלאַכן מיין דערביי — האָט ער זיי געקאָנט דערציילן, וואָס עס טוט זיך ביי אים אויף דער נשמה? — ער האָט זיי קיין ליגן ניט געזאָגט, אָבער מיט זיין פאַרשווייגן האָט ער דעם אמת צו ליגן געמאַכט; ער האָט זיי געלאָזט דענקען, אַז ער איז געפאָרן מיט אַ וויכטיקער רעוואָלוציאָנערער שליחות קיין רוסלאַנד, און ווער ווייסט וואָסערע העלדישקייטן ער וועט דאָרט אויפטאָן? — און ווען ער איז פּלוצלונג צוריקגעקומען, אַ צעיוירענער, האָט ער ווידער געשוויגן, און האָט זיי געלאָזט אויסטייטשן: ווער ווייסט וואָסערע העלדישקייטן ער האָט שוין דאָרטן אויפגעטאָן? ער האָט זיך ווי „געפּוילט" צו דערציילן דעם אמת. אין די נסיעה, מיט איר ערלאַכער כונה, געוואָרן אַ פּאָזע — אַ ליגנערישע טעאַטראַלישע פּאָזע, וואָס האָט זיך אַריינגעקלעפּט ווי אַ קאָמפּראָמיס צווישן די אַנדערע קאָמפּראָמיסן פון זיין לעבן.

ווי אַנדערש אָבער מיט בערמאַנס נסיעה. מיט פרענקלען פאַר אַ פאַרגלייך, צייכנט זיך נאָך בולטער אויס בערמאַנס געשטאַלט.

בערמאַן האָט זיך געלאָזט אין דער וועסט, ווי אַ פּאַרצייטיקער נביא פלעגט גיין אין מדבר אַריין — „אַפריכטן גלות" — דורכצומאַכן אַ גרויסן נסיון — צו נעמען אויף זיך פּורעניות. עס האָט אים געקומט אַ שטראָף. אפשר האָט ער פּריציפּיעל זיך אַ כאַפּ געטאָן צו מאַכן רעוואָלוציע דאָ אין אַמעריקע? מיט וואָס פאַר אַ רעכט? דאָס איז פאַרדיסנקייט, גאוה! דער חומר קאָן נאָר אויף אַזויפיל איינשליינגען פון דער נשמה־מעשה, וויפיל ער קאָן פאַרטראָגן. קען ער דאָס לאַנד? ער דאַרף זיך באַקענען מיט אַמעריקע, אַנזויגן זיך מיט איר לופט, איינפלאַנצן זיך אין איר ערד. און ער איז געגאַנגען אַהין, וואו ערד איז געווען לרוב, צום ברעג פון אַמעריקאַנישן ישוב, וואו דער אַמעריקאַנער

איז אין זיין ערשטער אריגינעלער געשטאלט, א פיאנער, וואס גייט מנצח זיין א קאנטינענט.

מיט בערמאנס נסיעה אין דער וועסט הויבט זיך אן דאס דריטע בוך פון איגנאטאוס ראמאן.

די ערשטע קאפיטלען זיינען די פרישסטע אין ראמאן — דורכגע־לופטערטע מיט די ווינטן, וואס בלאזן איבער דער רחבות פון דער פרעירי. בערמאן זאפט זיך אן מיט דעם ריח פון לאנד — מיט דער דערוויילקייט און צייטוויילקייט, וואס איז „אמעריקעס חלק אין דער אייביקייט" — דער גרונט־שטריך, וואס האט זיך אוועקגעלייגט אויפן פנים פון איר נאטור און אויף די פנימער פון אירע מענטשן. — און אט איז ער אין שטעטל, ביים גרעניץ פון דער פרעירי. די ערשטע נאכט אין האטעל האט ער חלומות, וואו עס באגעגענען זיך די צוויי קאנטינענטן — די אלטע היים האט זיך געוויגט מיט דער נייער. און אט איז ער ביים שעריף פון שטעטל, וואס דארף אים געבן די דערלוי־בעניש צו פארנעמען א „האמסטעד" — א נעכטיקער פיאנער, היינט די „רעגירונג." אט איז ער דער אריגינעלער אמעריקאנער — יונגע פראסט־קייט, פיזישע גבורה, מיט קינדערישן מוח. מיט א קיי־טאבאק־שפיי, וואס טרעפט בערמאנען אין שוך אריין, וויזט ער אים א פינטעלע אין האריזאנט, וואו ער זאל זיך לאזן גיין דורך דער פרעירי.

ער גייט און גייט א גאנצן טאג, און קיין מענטשלאכער סימן. פלוצ־לונג א שרפה אין מיטן דער פרעירי — דאס האט א הייזקע זיך אנגע־צונדן פון דער אונטערגייענדיקער פרעירי־זון. אט דא וועט ער אנקוקן פנים אל פנים דעם פיאנער, וואס אקערט א קאנטינענט פאר דער ציוויליזאציע — און אט באווייזט זיך דער פיאנער: א ריז, אריבערגע־בויגן איבערן פארקאן, וואס צוימט די הייזקע ארום, מיט א ביקס אנ־געצילעוועט אויף אים: — דו, טרעמפ, זאלסט ניט וואגן צוקומען! —

ווייל בערמאן צוקומען, דערקלערן, שיסט דער ביקס טאקע אויס. די פארמערקע ווארפט אים צו א שטיק ברויט, ווי א הונט. לאזט ער עס ליגן אויף דר׳ערד, מאכט א שריט נאענטער אויסצוטענהן זיך מיטן פיאנער וועגן יושר און זיינע ערלאכע כונות, — ערשט דער פיאנער שפרינגט אריבער דעם פארקאן, און מיט אן אויסגעשריי פון פרומער אנטריסטונג: — סטייטש! גאטס ברויט לאזטו זיך וואלגערן אויף דער ערד! — גיט ער אים מיטן גראבן שטיוול א זעץ אין בויך. בערמאן איז אזש צונויפגעקרעמפט געווארן אין דרייען. און דער פארמער טרעט און טרעט אויף אים, און דערנאך — מיטן ביקס אנגעשטעלט אויף אים, צווינגט ער אים אוועקקריכן אויף אלע פיר אין דער פרעירי אריין.

דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואו בערמאַן האָט אַריינגעכאַפּט מוראדיקע קלעפּ אין אויספאָלגונג פון זיין שליחות.

אַ נאַכט אין יסורים, אַ נאַכט פון גרוילן, אַן אָנהאַלטנדיקער קאָשמאַר! — קעלט, הונגער, ווייטיקן אין די צעטראָטענע גדערים, האָבן געמאַטערט זיין קערפּער, בעת ער איז געקראָכן אויף אַלע פיר, אין דער שטאָק־פינצטערניש פון דער נאַכט. און אַרום אים פון אַלע זייטן, פון נאָענט און פון ווייט, אַ כאָר פון קוויטשנדיקע פרעירי־הינט; און אויף אים — פּויזנדיקע, פּישטשנדיקע באַשעפענישן, וואָס פאַלן פון דער לופט אַראָפּ, ווי פאַרהאַרטעוועטע לעבעדיקע שטיינדלאַך. דאָס זיינען געווען מחנות פויגעלאַך, וואָס זיינען פאַרנאַרט געוואָרן קיין צפון דורך די פריציייטיקע סימנים פון פרילינג — און פאַרכאַפּטע פון ביינאַכטיקן פרעירי־פראָסט, פאַרפראָרענע ביז האַלב־טויט, האָבן זיי אויסגעקליבן זיין קערפּער אויף זיך צו דערוואַרימען... זיינען זיי אים אַנגעקראָכן אונטער די אַרבל, און אונטערן האַלז, און זיך געטוליעט צו זיין ברוסט, און אַרומגעקלעפּט זיין גאַנצן לייב; און נאָך אַלץ זיך געשאָטן און זיך געשאָטן אויף אים, ביז ער האָט מורא געקראָגן פאַרשאָטן צו ווערן פון זיי.

האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כוח, און זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין טריט ביי טריט, ווי אַ לעבעדיקער פּישטשנדיקער באַרג, טרעטנדיק אויף לעבעדיקע פּישטשנדיקע קופּעס פון פייגעלאַך, וואָס האָבן זיך אָנגעשאָטן איינע אויף די אַנדערע — איז ער געגאַנגען און פאַראויס אים — זעאונגען, וואָס זיינען געשפּרונגען אים אין די אויגן, און ווי געשפּרונגען פון זיינע אויגן, און האָבן געשרפהט זיין מוח אין משוגעת אַריין; — זעאונגען פון גערטרוד און זוהר, אויף כיצד מרקדין און אויף די דינים פון סוכה; זעאונגען פון פיינלאַכער אַנטציקונג און פון פיינלאַכער שולדיקייט. און דער שטן אין דער געשטאַלט פון אַ כלב, מיט גאַבריעלס פּנים, האָט אָבער און ווידער זיך גערייצט מיט אים, ניט אָפּטרעטנדיק — און געבולן חוזק אים אין די אויגן אַריין — און גלייכצייטיק די טרייסטנדיקע גערטרוד, אַן אויפגעליכטיקטע, שיקנדיק כוואַליעס פון מילדער ליבשאַפט אים אין האַרצן אַריין — גן עדן מיט גיהנום אויסגעמישט....

און צו באַגינען איז ער געבליבן שטיין אַ טיף־עלנטער, אַ יאָמערנדיקער, בעטנדיק רחמים — און דאָ האָט זיך פּלוצים באַוויזן צו אים „גאָט" — אין דער טראַדיציאָנעלער געשטאַלט פון משה מיט אהרון, ווי ער האָט זיי געזען אַלס חדר־אינגל — וואָס ער האָט זיך אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז אַן אָנווייז און אַ מעשה־נבואה, אַז ער דאַרף ניין צוריק צום קוואַל, זיך אָנצונעמען מיט אַלט־אידישקייט, אָנצוזאַמלען

א פיל גרעסערן רעזערוו פון אידישן נשמה־ליכט, ווי ער האט עס ביז אהער פארמאגט — כדי צו געווינען רעכט און כוח צו באצווינגען דעם ריזן־קאנטינענט אמעריקע.

5. דער הייליקער בערמאַן ראַנגלט זיך מיט טייוואָלים, וואָס זעען אויס ווי מענטשן

בערמאַן האט זיך געלאזט גיין צוריק קיין ניו־יארק, און אויפן וועג שוין אין די גרעניצן פון ניו־יארק סטייט — איז ער פארגאנגען אויף דער פערמע פון שליאפניקאוו, וועגן וועלכן ער האט שוין געהערט, אז דאס איז א גוי א רעוואלוציאנער, וועלכער האט אויף דער עלטער זיך גענומען צום תהלים.

גייען מיר א שטיקל וועג מיט בערמאַנען, כדי צו צוהערן זיך צו זיינע טראכטונגען און שטימונגען נאך זיין ליטערונג אין מחבר. — דערציילט איגנאטאוו:

,,בערמאַן איז זיך געהאט געגאַנגען אף זיין וועג קיין ניו יארק איבער די אויפגעוואָרפענע בערג־געגנטן פון דעם שטאַט ניו יאָרק. ווי ווייסער שניי האט זיך איבער דער גרינער ערד געוויסט דער באַרג־און פעלדיקער וועג אין דער לבנהדיקער נאַכט; ווי אויפגעשטעלטע, ווייסע שניי־פלאַכן האבן זיך געוויסט די ווענט פון פערמע־הייזלאַך דאַ און דאָרט. שנייאיקע ווייסקייט אין דער לבנהדיקער נאַכט־לופט, פירעקיקע פרישע ווייסקייט בלאַנקט אויפגעשטעלט און פרישט דאָס אויג. כאָטש זומער, נאָך א פראָסטיקע שאַרפקייט שטייפט־אָן די באַרג־לופט אין די בערג. שטייסטו, שטייט די גאַנצע לופט מיט דיר; ווי נאָר אָבער דו נעמסט זיך באַוועגן, דאכט זיך דיר אויס, ווי א שאַרפער, קילער ווינט בלאָזט דיר איבער דיין פנים. דאָס שניידט אזוי דאָס פנים פון דעם גייער דאָס ווייס פון דער לבנה, די אָנגעצויגענע אָפגעקילטע באַרג־לופט. די נאַכטיקע באַרג־לופט ברעכט זיך כמעט אזוי ווי אויסגעטריקנטער, סקריפענדיקער פראָסט אף דעם פנים פון דעם גייער און זיך בערמאַן אזוי געגאַנגען אף זיין וועג קיין ניו יארק.

— וואָס איז א מענטש ?

— א נעסט אזא. א נעסט פאר פויגל אזוינע, צי אזוינע.

— און אויב א מענטש איז נאָך ניט אינגאַנצן צוגעפאַסט פאַר א געוויסן מין פויגל, א באַשטימטן, קומט אַמאָל דער צופאַל און נעמט דעם מענטשן אריין איז זיין קלעם, ביז ער פרעסט אים איבער. מאַכט פון אים דאָס נויטיקע, צוגעפאַסטע אָרט פאַר דעם פויגל, וואָס וואַרט אף זיין נעסט.

א מענטש מאכט אפשר אויך אליין זיינע אייגענע צופאלן. עס זיצן שוין אין אים אזוינע פויגלען, וואס טרייבן אים אויף אזוינע וועגן, וואס ברענגען אים צו די צופאלן, וואס זאלן אים אריינגעמען אין קלעם און אים צוגרייטן אף אויפצונעמען די נייע געדאנקען — די נייע פויגל.

און ווייס ווי שניי איז דער וועג און דער טראט איז גרינג און קלאר איז די נאכט, ווי א זעאונג א קלארע. פון־צייט־צו־צייט שרייט־אויף א מענטש, זינגט־אויף א מענטש.

ווי אן אויפגעבראכן שטיקל ערד, שפרינגט א האז דא און דארט; שפרינגט אויף, שפרינגענדיק פארביי דעם וועג, שטעלט זיך אמאל אפ אינמיטן וועג, א צעטומלטער פון דעם ווענס נאקעטקייט, א פארבלענדטער פון דער ווייסקייט, זעצט זיך צו א צעשראקענער — ווארט א רגע — כאפט זיך באלד אויף פון א נייעם שרעק און שפרינגט ווייטער ווי א שטיקל שפרינגענדיקע ערד.

א שטערן פאלט. א שטערן פאלט. — ווער קאן מעסטן, ווער קאן ציילן די שטילקייט פון דער נאכט?

א פאלנדיקער שטערן גיט זיך אפ א שטעל, ווי א גאלדענער ווייזער איבערן הימל. גיט זיך אפ א צי, ווי א גאלדענע מעסט־שטריק אין אימיצענס הענט. מיט שטויב פליט אן אן אויטאמאביל, לאזט אים איבער, לאזט איבער בערמאנען אין ווייסן שטויב א פארשטויבטן און בערמאן גייט ווי אן אויפגעשפרונגענע שטיק ערד אינמיטן שטויב אפן וועג.

דער ווייסער שטויב צעגייט זיך און עס ווערט נאכדעם נאך ווייסער און ליכטיקער די נאכט..."

אט אזוי גייט ביי איינאטאוון בערמאן קיין ניו יארק. עס טראגט אים אהין אן אויפגעלויכטענער געדאנק וועלכן ער וועט דארט „אפלאזן ווי א ליכטיקן פויגל" און אפן וועג וויל ער אויך א קוק טאן אף „דעם רעוואלוציאנער שליאפניקאוו, וואס האט זיך גענומען צו תהילים", „א הער־טאן דעם קלאנג פון זיין קול ...."

שליאפניקאוו'ן, אזוי ווי ביז איצט האבן מיר אים ניט באגעגנט, האב איך קיין געלעגנהייט ניט געהאט אים פארצושטעלן. וועל איך עס איצט טאן.

שליאפניקאוו האט לכתחילה געהערט צום ניו־יארקער קרייז פון די ערשטע אידיש־רוסישע רעוואלוציאנערן־עמיגראנטן. שליאפניקאוו האט אין צייט זיך אפילו גערעכנט פאר דעם „קאפ" פון דעם קרייז — ביז פרענקל איז ניט אונטערגעקומען פון סיביר.

שליאפניקאוו — אן איבערגעוואקסענער, א געוועזענער גוטסבאזי־צער, וועלכער האט אנגעווארן זיין גוט צוליב זיין חברשאפט מיט די

רעוואָלוציאָנערן; אַז אויסגעצייכנטער אַרכיטעקט, וועלכער האָט פאַר־נאַכלעסיקט זיין פּראָפעסיע, ווייל זיין האַרץ האָט געוויינט נאָך דער היימישער ערד און אפשר אויך נאָך זיין פאַרלאָרענעם גוט. — געשיכורט, און שיכורהערהייט דעקלאַמירט ער אויסוויינ׳יך פּושקינס „פּאָלטאַוואַ״; קאַטשובייס האָט פאַרבילדלאַכט פאַר אים דעם אַדעליקן רוסישן רעוואָלו־ציאָנער, און קאַטשובייס טאָכטער — די מאַמע רוסלאַנד אַליין. — די גרופּע האָט צולעצט זיך דערבאַרמט איבער אים און אים געקויפט אַ פערמע, וואו ער פאַרברענגט זיינע טעג אין אַקערן די ערד, קושן די בהמות און זאָגן תהלים.

און פאַר איינוועגס שוין פאַרשטעלן אַניוטאַן, וועלכע לעבט מיט שליאַפּניקאָוון אויף דער פערמע.

אַניוטאַ — אַ אידיש מיידל, מיט אַ קינד פון אַ רוסישן אָפיצער, איז זי אַ אידישע מאַמעלע צו איר רוסישן קינד, און גלייכצייטיק אַ „מאַ־מעלע״ צו דעם גרויסן רוסישן „קינד״ שליאַפּניקאָוון. גיט אויף אים אכטונג ער זאָל צופיל ניט שכורן, כדי ער זאָל שפּעטער ניט וויינען.

גלייכצייטיק איז זי אויך פאַר די אַלע יאָרן אַ „מאַמעלע״ צו אַ אידיש קינד — דעם ברייטפּלייציקן קאַלמאַנאָוויטשן, סיי ווען ער איז געווען אַן אָרימער אַרבעטער, סיי ווען ער איז איצט אַ גביר, אַ שותף צו בערנשטיינען...

געננוג פאַרשטעלעניש...

ווען בערמאַן האָט פאַרבלאָנדזשעט צו שליאַפּניקאָוון אויף דער פערמע, איז דאָרט יענעם אָוונט געהאַט זיך צונויפגעזאַמלט כמעט דער גאַנצער ניו־יאָרקער קרייז, צונויפגעבראַכט פון דער פּריצייטיקער ידיעה אַז אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע.

זיינען זיי דאָס געקומען דערפרייען שליאַפּניקאָוון מיט דער בשורה.

אויפן הויף, פאַרוויגטע און באַלויכטענע פון דער שטילער לבנה־נאַכט, זיינען געשטאַנען פרענקל און זיין טאָכטער זינאַ, וועלכע איז שוין געווען פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט אַ צווייטן קינד פון גאַבריעלן — ביידע פאַרטיפטע אין זיס אומעטיקע נשמה־חשבונות; און ביידנס גע־דאַנקען האָבן טעלעפּאַטיש־גלייכצייטיק פאַרבלאָנדזשעט אויף בערמאַנען און אויף זיין פלעצלאַכן פאַרשווינדן — און דאָ גראָד איז ער אָנגעקומען.

די ערשטע זאַך, וואָס זינאַ האָט געטאָן, איז צו פאַרגנב׳ענען זיך צום טעלעפאָן און פון קיינעם ניט געהערט, אָפּרופן אויף „לאָנג־דיס־טענס־רוף״ געטרודן אין ניו יאָרק, און איר אָנזאָגן די בשורה אַז בערמאַן האָט זיך אָפּגעזוכט — ער איז אויף שליאַפּניקאָווס פערמע.

און געטרוד, אַזוי גיך זי האָט באַקומען דעם טעלעפאָן־רוף, האָט זי זיך גלייך צונגעריכט אין וועג אַריין, איילנדיק זיך צו כאַפּן דעם לעצטן

אפגייענדיקן צוג. אין טיר האט זי זיך אנגעשטויסן אויף גאַבריעלן, וועלכער האט אויסגעזען אזוי אויסגעצערט און רחמנותדיק, אז זי האט פארגעסן אפילו אין כעס צו ווערן אויף אים.

(דאָס איז געווען חדשים נאָך זייער לעצטער „באַגעגעניש" ביי פרענקלען אין הויז, אויף דער געבורטסטאָג־פייערונג פון פרענקלס טאָכטער זינא — פון וועלכער בערמאַן איז אַנטלאָפן מיט פּראָטעסט אויף קיינמאָל מער זיך ניט צו ווייזן. — גאַבריעל האָט גערטרודן אָפּגעלויערט אין אַ ווייטן צימער, און געפּרובט צוגיין צו איר מעשה העלד, מיט דער חוצפּה, וואָס פלעגט אזוי אויסנעמען ביי די ווייבער: — קום, מיידעלע, מיט מיר . . . אָבער גערטרוד, אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט אים אַריינגעלאָזן אירע שפּיציקע נעגעלאַך אין נאַקן. אַט דער פלעצלאַכער ווידערשטאַנד, צו וועלכן ער איז ניט געווען געוואוינט, האָט אים חרוב געמאַכט — האָט פאַר'סם'ט זיין נשמה און זיין בלוט. פון דעם מענטשן איז געוואָרן אַ תל. דער דעמאָן האָט זיך איינגעשרומפּן אין אַ קליין אָרים טייוועלע. און די וואונד האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט פאַרהיילן.)

גאַבריעל האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל, און ניט ווייסנדיק וואו אַהינצוטאָן זיך, האָט ער איינגעשטעלט און אָנגעקלונגען צו די פיינמאַנס.

— מיר פאָרן צו שליאָפּניקאָוון — האָט גערטרוד אויסגעשריען, און גאַבריעל איז מיטגעפאָרן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען האָבן זיי געפונען די גאַנצע געזעלשאַפט פאַרטאָן אין אַ היציקער דיסקוסיע מיט בערמאַנען. פאַר גרויס שמחה האָט גערטרוד ניט געשפּירט, אָדער קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם — ביים אַריינקומען אין שליאָפּניקאָווס הייזל האָט גאַבריעל אַרומגעלעגט זיין אָרם אַרום איר טאַליע, און גאַבריעלס שטייגער צו האַלטן אַ פרוי אַרומגענומען איז געווען ווי אַן אָנזאָג צו אַלעמען, אַז ער האָט די פרוי אין זיינע אָרמס, ווען נאָר ער וויל...

— אַט ווי ווייט עס האַלט ביי זיי! — האָט בערמאַנען אַ שניט געטאָן ווי מיט אַ מעסער אין האַרצן — זיין אומבאַרירבאַרע, אומבאַרירטע. . .

פון דאָס ניי — „די פּרופונג פון הייליקן אין דער מדבר". ווידער איז זיין ליבשאַפט אויסגעלאָפן אין גערא‌נגל פון ליבע־לושם־ליבע־פאַרלייקענונג. (זיין פליטה פון פרענקלס הויז איז געווען אויך אַ פליטה פון גערטרודן). דאַרף ער אין דער דערפילונג פון זיין שליחות זיך אָפּזאָגן פון טייערסטן, כדי נאָך מער עס צו פאַרטייערן?

גערטרוד, ווי זי וואָלט איבערגעכאַפּט בערמאַנס ווייטיקדיקן געדאַנק, האָט האַסטיק אָפּגעשליידערט פון זיך גאַבריעלס אָרם. . .

די דיסקוסיע איז ניט איבערגעריסן געווארן מיט זייער אנקומען. פארקערט. דער מעסער־שניט אין הארצן, דאס שפיזיקע ליצנות־שמייבעלע פון גאבריעלן — האבן נאך מער געריייצט בערמאנען און געשליפן זיין מוח און געשפיציקט זיין צונג. ווי א פארכאפטער איז ער געטראגן געווארן פון זיינע רייד, און ווי אלעמאל אין צייט פון אויפרעגונג, האט ער געפילט, אז עס רייסן זיך פון אים אומגעריכטע ווערטער, וואס וועלן אים שפעטער באוועלטיקן און וועלן ווערן די אמתן פון זיין לעבן. ער מוז איינמאל פאר אלעמאל — און צום לעצטן מאל — זיך פאנאנדער'חשבונ'ען מיט אט די סאציאליסטן, וואס פארן רייטנדיק אויף איינגעפארענע פראזן.

די טעמע איז געווען רעוואלוציע. זיי האבן שוין געוואוסט, אז די ידיעה וועגן א רעוואלוציע אין רוסלאנד, מיט וועלכער א צייטונגל האט געמאכט א סענסאציע, איז פאלש, פריצייטיק, אבער זי וועט דאך קומען, זי מוז קומען — דא האבן אלע מסכים געווען. אבער ווי אזוי זי וועט מוזן קומען — דאס איז געווען דער שטרייט.

וועגן זיינע דערפארונגען אין דער פרעירי האט בערמאן זיי ניט דערציילט — די דערפארונגען, דורך וועלכע ער איז נאך מער באפעסטיקט געווארן אין זיין איבערצייגונג, אז ניט דער אויסערלאכער מענטש, דער מענטש־שאלעכץ, די מאסקע זיינע, נאר דער אינערלאכער מענטש, דער מענטש אין מענטשן, די נשמה זיינע גילט; אז ניט ווערטער, ניט פראזן, ניט מליצות, נאר נשמות ווערן געוואויגן; אז א מענטשנס ווערט איז לויט דער וואג פון זיין נשמה, און דאס איז זיין אמתע וואג און מאס — זיין הויך, זיין כוח, זיין גורל...

צוויי מענטשן קאנען זאגן און טאן די זעלבע זאך. דער ווערט אדער אומווערט פון דעם געזאגטן ליגט אבער אינגאנצן אין דער נשמה־וואג פון דעם זאגער.

דאס האט בערמאן געמיינט — דערמיט זיינען באשעפטיקט געווען זיינע געדאנקען. אבער ניט וועגן דעם האט ער צו זיי גערעדט. זיין „סוד" וועט ער פאר אט די מענטשן ניט ארויסגעבן. זיי זיינען ניט ראוי עס צו הערן...

דאס וואס איגנאטאוו — און נאך אים זיין העלד בערמאן — האבן ארויסגעלייענט אדער אריינגעלייענט אין רבי נחמן בראצלאווערס מעשיות — אז דער מענטש איז ליכט, און וויפיל א מענטשנס נשמה זאמלט אן ליכט, אזויפיל האט דער מענטש אויסצוגעבן — וואס דאס איז דער אמתער געזעץ, לויט וועלכן זיין לעבן ליגט זיך אויס; און אז יעדער מענטש איז א מעשה, און אז די מעשה, וואס א מענטשנס

נשמה דערציילט זיך אליין, איז די געהיימע לאגיק פון דער אויסערלאַ־ כער מעשה פון זיין לעבן — דאס האט בערמאַן געמיינט.

און ווי מיט דעם יחיד, אזוי אויך מיט דעם כלל.

פאַר זיי האט ער געערדט, אַז רעוואָלוציעס זיינען מיסטעריען, וואס האבן אַ וואונדערלאכן כוח זיך אליין צו פאַרווירקלאכן. — אַ טייל פון אַט די רייד זיינע האבן איך אין אַ פאַריקן קאפיטל שוין געבראכט, וואס צו זיי וועל איך איצט צוגעבן:

— מיסטעריען רעגירן איבערן מענטשן. זיי זוכן זיך אויף זייערע מענטשן, ניט דער מענטש זוכט זיי. ניט יעדער מענטש איז זוכה. און אין מענטשן, וואס האט זוכה געווען, כאפן זיי זיך אריין ווי מיקראבן. נאך בעסער: זיי מאכן אים פאַר זייער נעסט. און דער מענטש־נעסט, אין וועלכן עס זיצן די מיסטעריען, איז דער אויסדערוויילטער פון זיין דור.

(גאַר אַמאָל, ווען בערמאַנען איז נאך ניט קלאָר געווען זיין וועג, האט ער דאס, וואס ער רופט איצט מענטש־נעסט, אנגערופן: אַפּיום־ צענטר.

איינמאָל אין וויען, אנקוקנדיק דורך אַ שויפּענצטער אַ כינעזישן טעפּיך, מיט אַן אויסטערלישן געמעל אויף אים, האט ער זיך געטראכט, אַז אין יעדן מענטשן איז דאַ אַן אַפּיום־צענטער, וואס ווען אויפגערייצט, וועקט ער אין אים בילדער און זעאונגען, פאַרן מענטשן צו פאַרשיכורן זיך מיט זיי. — איצט האט ער געוואוסט, אַז די בילדער און זעאונגען זיינען ניט סתם אַזוי אויף צו פאַרשכורן זיך, נאָר זיי האבן אַ כונה און אַ ציל: זיי זייען און שפּריטן הייליקע אמתן דורכן מענטשלאכן לעבן.)

— און עס טרעפט, אַז די מיסטעריען קלייבן אוים אַ גאַנצן דור פאַר זייער נעסט. ניט יעדער דור איז ראוי. און דער אויסדערוויילטער דור, דער טרעגער פון די אומזיכטבאַרע מיסטעריעזע כוחות, קריגט די גבורה בייצוקומען דעם ווידערשטאַנד פון די מאַטעריעלע קעגן־כוחות, וואס זיינען אַנצוזען מיטן אויג און אַנצוטאַפּן מיט די הענט. און דע־ מאָלט ברעכן אוים רעוואָלוציעס. רעוואָלוציעס פּאַסירן פּינקטלאך אין זייער אייגענער צייט.

דערהערט אַז רעוואָלוציעס זיינען מיסטעריען, האבן די אַפּאַנענטן זיך גענומען גרייטן צו דער אמתער באַטאַליע.

אַפילו אַניוטאַ — די מאַמעלע — און אַפילו זינאַ, כאָטש מיט פּרעטענזיעס אויף אויסערגעוויינטלאכקייט און פּערווערזיטעט, דאך אין תוך אויך אַ מאַמעלע — אַפילו זיי האבן זיך אויך אריינגעמישט און נאָכ־ געפּלאַפּלט: — האט דען בערמאַן ניט געהערט וועגן היסטאָרישן מאַ־ טעריאַליזם? און ווייסט דען בערמאַן ניט, אַז די מאַטעראַליסטישע

וועלטאַנשויאונג האָט שוין לאַנג אָפּגעווישט די אידעאַליסטישע פילאָ־זאָפיע?

און גאַבריעל, אָט דער דעמאָן־גאַרנישט, וואָס זיין אויפגעבלאָזענע דעמאָנישקייט האָט שוין געהאַט געפּלאַצט איבער דעם ווידערשטאַנד פון בלויז איין פרוי — גערטרוד — האָט פאַר אַ ווײַלע צוריק באַקומען זיין חוצפּה פון אַמאָל, און ער האָט זיך ווידער דערפילט מעשה „דעמאָן.״ ער האָט געהאַט זיין קורצע שעה פון פרייליכן טריאומף. אויף בערמאַנס אַלע מיסטעריען, האָט ער איין טענה געהאַט:

„— אַך, דער אייזל־קאָפּ! אַך, דער אייזל־קאָפּ!״

און דער גאַנצער קרייז, וואָס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט אויף דעם פאַלשן קלאַנג פון רעוואָלוציע, אָט די אַלע פּני, וואָס גילטן אין ניו־יאָרק פאַר פירער, מיט די באַסעם סאָציאַליסטן אין איינעם, זיי אַלע, ווי איין גראָב שטיק, האָבן פון אים חוזק געמאַכט. „אַן אייזל־קאָפּ, אַן אייזל־קאָפּ!״ — זיינען זיי אַלע אין האַרצן מסכים געווען מיט גאַבריעלן.

און בערמאַנען איז דאָס פאַרגעקומען ווי אַ נייע פּרופונג אין דער מדבר. אָט זיינען זיי ווידער דאָ די טייוואָלים אין מענטשן־געשטאַלט, מיטן שטן המשחית בראש. און פּלוצים, ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך אים פאַרוואָלט שליידערן זיי אין די פּנימער אַריין זיינע אינטימסטע טראַכטונגען, וואָס ער האָט זיי ביז אַהער אָפּגעהיט ווי הייליקייטן. ער וועט דעם שטן מיטן זיין חברתא גובר זיין מיט זיין הייליקסטן שם המפורש. און ווידער האָט דאָס כישופדיקע „שליסל־וואָרט״ גענומען אַרבעטן אין אים מעשים. ער האָט אַ וואָרט, וואָס דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אָנשטאָט גאָט. גאָט, האָט ער זיי געזאָגט, איז באַגרעניצטקייט. ביי יעדן סאָרט גלויביקן האָט גאָט אַן אַנדער פאָרם. דערפאַר צעטיילט גאָט די מענטשן. ניט גאָט, נאָר דאָס ליכט פון דער וועלט, דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט דאַרף מען זאָגן. דאָס ליכט פון דער וועלט איז פאַר אַלע מענטשן גלייך. אָבער ניט אַזוי לייכט קומט מען צו דעם, צו פילן דאָס ליכט פון דער וועלט, אין זיין מוראדיקער איינפאַכקייט. מען דאַרף זיך גענוג אָנליידן, מען מוז פריער דורכמאַכן קריעת ים סוף, דורכגיין וויסטע מדבריות. און דוקא, ווייל זיי זיינען אַזוי ניט פאַרשטיי־ענדיק, האַלט ער פאַר זיין פליכט עס צו זאָגן זיי, אפשר וועט זיי אַמאָל צוניץ קומען, און זיי וועלן זיך דערמאָנען אָן דעם, ווען זיי וועלן דאַרפן נעמען זייערע לעבנס אין די הענט אַריין און גיין אין רעוואָלוציע אַריין — ניט גלאַט אָפּקומען פאַר רעוואָלוציע מיט פראַזן... אָן דער געפיל־פאַרשטענדניש פאַר דעם ליכט פון דער וועלט, איז קיין רעוואָלו־ציע — אַ רעוואָלוציאָנער איז דער, וואָס זיין האַרץ שפּייזט דאָס ליכט פון דער וועלט...

א קראַך פון געלעכטער איז געווען זייער ענטפער אויף זיינע רייד — א געלעכטער וואָס גראָבט א תהום, וואָס צעשיידט אויף אייביק; און הילכיקער פון אַלעמענס איז געווען גאַבריעלס עזותדיק גדלותדיקער גאַ־גאַ־גאַ, וואָס האָט ממש געשטויסן בערמאַנען פון הויז ארויס.

צוויי אידישע דורות, באַגעגענענדיק זיך פּנים אל פּנים, האָבן אַזוי פרעמד זיך אָנגעקוקט, און דער אָפּגרונט צווישן זיי האָט זיך אַלץ מער פאַנאַנדערגערוקט.

בלויז איין שליאַפּניקאָוו, דער פיל געפּרופטער, וועלכער האָט אין זיין לעבן צוויי ליידנס וועגן דורכגעמאַכט — אַט דער גוי אריסטאָ־קראַט — רעוואָלוציאָנער־תהלים־זאָגער — איז געווען אויף זיין צד. אַט דער פרעמדער איז געווען נעענטער צו אים, ווי דער קרייז בלוט־פאַרוואַנדטע, — די אידן־סאָציאַליסטן.

— יוסף הצדיק, יוסף הצדיק — האָט ער אַלע מאָל אויסגערופן — יעדער דור האָט זיך זיין יוסף הצדיק.

(אַט דער אריסטאָקראַט־רעוואָלוציאָנער איז פאַרמוזשיקעוועט גע־וואָרן — נאָך פון זיין פריער יוגנט — גייענדיק מיט די פּויערים אויף זיינע עטאַפּן קיין סיביר; און אין זיין יאָרנלאַנגער איינזאַמקייט אויף דער אַמעריקאַנער פערמע האָט דער פּויער אין אים זיך אָפּגערופן; און מעשה פּויער, האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַן אידייע וועגן יוסף הצדיק, וועלכער בלאָנדזשעט ארום צווישן זיינע מענטשן־ברידער ווי די פאַרקערפּערונג פון אייביק גרייטער האָפנונג, פון אייביק דערפרישנדיקן מענטשן־חלום. אַזוי גיך ער דערזעט בערמאַנען, דערשפּירט ער אין אים מיט זיין פּויערישער ריינקייט — זיין הייליקן יוסף. און ער איז גרייט צו פאַלן אויף די קני און קושן זיינע הענט.)

און גערטרוד איז די גאַנצע צייט געזעסן נעבן בערמאַנען און גע־שוויגן. און די גאַנצע צייט האָט בערמאַן ניט אויפגעהערט צו זען גאַב־ריעלס אַרם ארום איר טאַליע: — זי די אומבאַרירבאַרע, די אומבאַריר־טע! — און די גאַנצע צייט האָט א מעסער־שניט געשניטן אים אין האַרצן, ביז ער איז אויפגעשפּרונגען: — וואָס טוט ער דאָ? וואָס האָט ער מיט זיי צו טאָן? — האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר, און גערטרוד נאָך אים. און שליאַפּניקאָוו נאָך זיי — בערמאַן און גערטרוד זיינען אַרויס אויפן שליאַך; שליאַפּניקאָוו איז געבליבן שטיין ביי זיין קו, זי ארומגענומען, א קוש געטאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער פלעגט דאַרפן טראַכטן פּויעריש, תמימות׳דיק, התלהבות׳דיק, און באַגלייטנדיק בערמאַנען אין זיינע געדאַנקען, האָט ער געמורמלט:

אוועק, ניטאָ אים מער. אַט דער „וויראַדאַק" גאַבריעל האָט אַזוי

גוט ווי ארויסגעטריבן אים ; און מיר, שליאפּניקאָוון, אויך פון מיין אייגן הויז.

„עד, אַט דער בערמאַן, ווי אַ יונגער יוסף איז ער דאָ געווען. און דער גאַבריעל לאַכט פון אים. ווי עס האָבן יוספס ברידער געלאַכט פון יוספן. פון דעם ריינעם יוספן האָבן זיי געלאַכט. האָב איך דען אין מיין צייט ניט געחלומט וועגן דערלייזונג ? האָט דען פרענקל ניט געחלומט ? און אַט דער בערמאַן נעמט איבער פאַר אונז אין די אויגן אונזער חלום און טראָגט אים ווייטער. מיר דאַרפן אים מיטהעלפן, ניט שטעלן זיך קעגן אים מיט דער חוצפה פון אַ גאַבריעל. גאַבריעל איז אפשר די קאַלקולאַטאָר פון דער רעוואָלוציע. בערמאַן אָבער איז ווי אַ יוסף — די נשמה פון דער רעוואָלוציע.״

דער גוי שליאפּניקאָוו איז דאָס איינציקע שטיקל בריק, וואָס איגנאַטאָוו האָט געוואָרפן איבער דעם אָפּגרונט צווישן צוויי אידישע דורות.

און בערמאַן און גערטרוד זיינען געגאַנגען און ניט ריידנדיק גערעט איינס צום אַנדערן ; און ניט קוקנדיק געזען איינס דאָס אַנדערע אין אַלע געלייטערטערע זעאונגען — ביז גערטרוד האָט זיך ארומגעקוקט, אַז בערמאַן איז ניט נעבן איר, נאָר ווייט פאַראויס. איז זי נאָכגעגאַנגען — איינמאָל און נאָך אַמאָל — ביז זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען ניט בערמאַן, נאָר אַ מיראַזש פון בוים און לבנה־שיין. איז זי געבליבן שטיין, מיט אַ ברענענדיקן רייף אַרום אירע ריפּן, ווי ארומגעטומען פון אַ מעסער־שניט — דאָרט, וואו גאַבריעלס אָרם האָט באַרירט איר טאַליע.

און פּונקט ווי ביי בערמאַנס פאַרשווינדן פון פרענקלס הויז, איז זייער ליבע ווידער אַמאָל געשטעלט געוואָרן צו דער העכסטער פּראָבע פון גאָר אָדער גאָרנישט — ביז צום פאַרלאָרן ווערן איינס פאַרן אַנדערן אויף תמיד. — בערמאַן און גערטרוד, צוויי ריזיקאַנטן אין לעבנסשפּיל, מיט דעם דעוויז — כדי דאָס לעבן צו געווינען, דאַרף מען גרייט זיין עס צו פאַרלירן.

* * *

דער קאַפּיטל פון ראָמאַן — בערמאַנס באַזוך אויף שליאפּניקאָווס פערמע, צוריקוועגס פון דער פרעירי — איז וויכטיק דערמיט, וואָס בערמאַנס „נשמה־דורכבּרוך״ פלייצט דאָ אויס ניט אין סימבאָלישע וויזיאָנען, נאָר אין אָפענע באַוואוסטזיניקע רייד. איגנאַטאָוו, דורך זיין הויפּט־העלד, לייגט דאָ אויס זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע, און רעכנט זיך פאַנאַנדער מיטן מאַרקסיזם. יאָ, באַוואוּסטזיניק זיין העלד מיט „רעוואָלוציע־מיסטעריע,״ לאָזט ער אים אַטאַקירן אפילו דעם מאַרקסיזם — און ער טוט עס אָן שום מורא. אָבער בערמאַן אַטאַקירט דעם מאַרק־

סיזם מיט א גוטער כונה: ניט צו פארמינערן, נאר צו פארשטארקן זיין כוח. איינס־צוויי טראגט בערמאן אריין א נייע אויסטייטשונג אין מארקסיזם, און ער באנוצט זיך דערביי מיט א משל, וואס מאנכע לייענער וועט עס פארקומען פריקרע — עס איז א משל מיט א פערד.

ווען פרענקל, בערמאנס פארלויפער אין פריערדיקן דור, זאגט צו אים:

„— איר זייט א מאדנער מענטש, בערמאן, איר ווילט צונויפבינדן די מאטעריאליסטישע און אידעאליסטישע וועלט־אויפפאסונגען. איר מיינט — ווייזט אויס — אז א מענטש קאן זיך אוועקזעצן רייטנדיק אויף צוויי באזונדערע פערד. איר ווילט, ווייזט אויס, פארן רייטנדיק אויף צוויי פערד מיטאמאל."

— ענטפערט בערמאן, אז רעאליטעט און מיסטעריע זיינען ניט צוויי באזונדערע פערד, נאר צוויי האלבע פון איין גאנצן פערד. עס קומט אויס לויט בערמאנען, אז פרענקל און די סאציאליסטן פון פרענקלס שניט ווילן אלץ פארן רייטנדיק בלויז אויף איין האלבן פערד. ער, בערמאן, אבער — דער מאן פונם כישופדיקן צווישן־ווארט „ליכט" — איז איבערצייגט, אז עס איז פאראן א חוט־השדרה, וואס האלט פעסט צוזאמען ביידע העלפטן פון לעבעדיקן „פערד פון דער וועלט," און ער רופט דערפאר אויס, זאגנדיק זיין לעצט ווארט אין דער דעבאטע אויף שליאפניקאווס פארמע:

„צעטיילט ניט דאס פערד אויף צוויי האלבע, ווייל בלויז מיט א האלב פערד וועט איר אין ערגיץ ניט אריינפארן; איר וועט זיך אפילו פון ארט ניט קאנען רירן."

און צום שלום, באנוצנדיק זיך מיט בערמאנס משל וועגן דער חוט השדרה, וואס האלט צונויף ביידע העלפטן פון דעם איין גאנצן פערד, דארף מען אויף בערמאנס משל שפראך אזוי זאגן:

דער פרענקל דור האט אזוי לאנג געריטן אויף דער הינטערשטער העלפט פון פערד, ביז ער האט זיך אראפגעגליטשט אויפן עק און איז אראפגעפאלן, ווייל נאר רייטנדיק אויף א גאנצן פערד קאן מען ערגעץ וואו דערפארן און אנקומען.

דאס איז אזוי גוט ווי געזאגט: — אז די וואס שיינקען אוועק זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט צו דער געזעלשאפטלעכער מאטעריע — צו דער „ארדנונג" — און פארזעען דעם מענטשן מיט זיין אינעווייניגסטן ליכט — די אנזונגן פאר נייע פאראורטיילט צו א דורכפאל.

* * *

שפעט אין דער נאכט האט פרענקל געפונען גערטרודן בלאנדזשענדיק איינע אליין אויפן פעלד; האט ער זי צוריקגעבראכט אין הויז,

צוטראַכטנדיק אַ תירוץ פאַר די שטוביקע, אַז בערמאַן האָט געמוזט אין אײַלעניש אָפּפאָרן קיין ניו־יאָרק, און אַז גערטרוד האָט אים באַגלייט.

6. רעוואָלוציע און נבואה פֿאַכן שלום ערב־טויט

די ידיעה וועגן אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זיך מער נישט ווי צוגעאײַלט. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער (אָדער וואָר ווייסט, ווי צייט רעכנט זיך אין איגנאַטאָוום מעשה־אַרטיקן ראָמאַן — אפשר זיינען דאָס געווען נים וואָכן, נאָר יאָרן) — מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז די רעוואָלוציע ווירקלאַד אויסגעבראָכן.

יאָ, ענדלאַך די רעוואָלוציע! צוערשט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז עס איז גלאָט אַזוי אַ רעוואָלוציע, ווי אין 1905 — ערשט דער צאַר איז אַרונטערגעזעצט, אַ רעפּובליק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן; עס זעט כמעט אויס ווי אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע — די רעוואָלוציע פון 1917!

אַז אמתער קפיצת הדרך דורך די צייטן! נאָר וואָס, דאַכט זיך, איז דער ערשטער גענעראַל סטרייק אין העט־טרייד געוואונען געוואָרן; נאָר וואָס זיינען די דאַקאַטאַס געווען פּרעזירים, וואו בערמאַן איז גע־גאַנגען ליגן אַ „האָמסטעד" — און אָט איז שוין די רעוואָלוציע פון 1905, און מיט אַ מינוט שפּעטער די רעוואָלוציע פון 1917.

אָבער איך האָב דאָך שוין געוואָרנט, אַז מען דאַרף זיך ניט וואונ־דערן אויף דעם צייט־לויף אין איגנאַטאָוום מעשה־אַרטיקן ראָמאַן; די צייטן, מענטשן און געשעענישן אין איגנאַטאָוום מעשה־ראָמאַן בינדן זיך ווי אין אַ חלום — לויט אַ געהיימען זין; און דער געהיימער זין, וואָס דירידזשירט איגנאַטאָוום מעשה־ראָמאַן און רעגולירט אין אים די צייט, איז —

— אַז זייט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך איינגעשטעלט, זיינען די מענטשן כמעט דיזעלביקע און זייערע פּראָבלעמען כמעט די־זעלביקע: דערזעלביקער קאָמפּראָמיסלער פרענקל איז געווען און איז; דערזעלביקער נביא־סאָציאַליסט בערמאַן איז געווען און איז; און אפילו דערזעלביקער האַלב־פּירער — האַלב־גענגסטער ווילק איז געווען און איז, און וועט נאָך אפשר אַ האָרעלע לענגער זיין . . .

אָפּנעראַמט די צייט־שטרויכלונג פון וועג, געדרינקענדיק איגנאַטאָוום מעשה־אַרטיקע, חלום־אַרטיקע שרייב־מעטאָדע, קאָנען מיר אָנגיין ווייטער.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין דאָ, און בערמאַן איז נאָך אַלץ ניטאָ. — וואו איז ער אהינגעקומען?

מיט גערטרודן האָט דערוויַיל פּאַסירט, אַז מען האָט געפונען אַ מעסער־שניט אַרום איר לייב — דאָרט וואו גאַבריעל האָט געהאַלטן זיין

ארם ארום איר טאַליע — גראַד איז יענעם מאָמענט, ווען זי האָט בער־מאַנען ווידער דערזען. און עס איז געווען אומפאַרשטענדלאַך, ווי אַזוי אַזאַ קיילעכדיקער מעסער־שניט האָט געקאָנט צו איר קומען. און כאָטש די וואונד איז געווען אַ לייכטע, אַז אויבערפלעכלאַכע, איז אָבער געווען אַ חשד, אַז זי האָט געכאַפּט בלוט־פאַרגיפטונג. און די דאָקטוירים האָבן שטאַרק געראַטן, זי זאָל צוגענומען ווערן אין האָספּיטאַל — אין בערנשטיינס האָספּיטאַל, וואוהין אָבער זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט גיין, געדענקענדיק דעם סקאַנדאַל, וואָס בערמאַן האָט געמאַכט איבער בערנשטיינען, דעם סאָציאַליסט־אַרבעטער־בלוט־פאַרגיסער...

זי איז אָבער שפּעטער אַליין אין דעם האָספּיטאַל געקומען, ווען בערמאַן איז אַהין געבראַכט געוואָרן. ווי קומט בערמאַן אַהין? — די רעוואָלוציע האָט אים געבראַכט? ניין. די אידישע נבואה האָט אים געבראַכט. ביידע צוזאַמען האָבן אים געבראַכט. ווי אַזוי איז דאָס געשען? — — — — — — — — — — — — — —

ווען אַ רעפּובליק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין רוסלאַנד, איז ששון ושמחה געווען אין אידישן קוואַרטאַל. דער אַלטער שווערלייביקער פייג־מאַן, גערטרודס פאָטער, האָט געטאַנצט אויף אַ טיש אין אַן איסט־סיידער קאַפע, האַלטנדיק אַרומגענומען זיין שטעקן ווי אַ דאַמע — צום אנדענקען פון אַ פאַרשטאָרבענער חברטע, ווענען ער האָט געהאַט צו־געזאָגט צו טאַנצן מיט איר אויפן יום־טוב פון דער רעוואָלוציע.

און דער גאַנצער קרייז האָט זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין — זיי פאָרן צו גאַסט צו דער מאַמע רעוואָלוציע.

שליאַפּניקאָוו האָט זיין פרעמע פאַרקויפט; ער פאָרט, כאָטש דער גוט זיינער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, איז שוין איצט אודאי ניט זיינער מער — עס איז דעם פאָלקס אייגנטום. — ער פאָרט מיט אניוטאַן און מיט איר אויסגעוואַקסענעם זון, פון איר רוסישן אָפּיצער. דער יונגער אַרכיטעקט פערדינאַנד לאַסאַל — אַזוי, ניט אַנדערש, האָט גע־דאַרפט הייסן דעם רוסישן אָפיצערס זון, איז גאָר ניט געוון געווען צו־שיידן זיך מיט אַמעריקע: ער האָט געהאַט אַ וואונדערלאַכן אַרכיטעקט־טור־פּלאַן, וואָס ער האָט באַקומען אַ פּרעזענט פון זיין שטיף־פאָטער שליאַפּניקאָוון — אַ וואָלקנקראַצער, אַ טיוול־טורם, וואָס סימבאָליזירט ניו־יאָרק — וואָס ער וואָלט אים זייער לייכט געקענט פאַרקויפן. ער האָט שוין געהאַט געפונען אַ בעלן דאַרויף.

און גאַבריעל האָט צוריק גענומען שפּילן דעם אָפּעראַ־העלד: די רוסישע רעוואָלוציע איז אַלעמאָל זיין אָפּעראַ געווען — ער האָט פאַר־געסן די וויטיקן, די גריזעונישן אין די ביינער און די צעבראָכנקייט

פון זיין קול — און ווידער זיך אוועקגעשטעלט אין זיין אלטער טעאט־ראלישער פאזע.

„הויפט־קווארטירן" פון דער רעוואלוציע האבן זיך געעפנט אין אלע געגנטן פון ניו־יארק, וואס האבן געדינט אלס זאמל־פלעצער פאר די אפפארנדיקע.

אלע, אבער ניט פרענקל: ער וועט איבערלאזן די היגע ארבעטער באוועגונג אויף הפקר? ער האט זיין לעבן אריינגעלעגט אין איר! און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז פרענקל, דער קאמפראמיסלער, דער שוועבלינג, געראד ער — ער איז טאקע דער „זייל" פון דער באַוועגונג.

און א חוץ פרענקלען, אויך בערמאן ניט, אבער גאר צוליב אנדערע כוונות, ווי מיר וועלן עס באלד זען.

איינע פון די „הויפט־קווארטירן" פון דער רעוואלוציע, וואו די ארגאניזאטארס פון „יציאת אמעריקע" פלעגן זיך פארזאמלען, האט זיך געפונען אויף דעם ווייט־וועיטסטן ברעג פון בראנזוויל, ביי די לידיקע „לאטס" וואס האבן געהאלטן אין באבויט ווערן מיט נייע קווארטאלן; געפונען האט זי זיך אין א שולעכל, וואס איז פארלאזן געווארן פון א סאסייעטי, וועלכע איז געגאנגען זיך אויפשטעלן א גרויסן בית מדרש אין א נייעם קווארטאל.

ווארים א מנהג איז געווארן, אז יעדער נייער קווארטאל פלעגט געעפנט ווערן מיט א נייעם בית מדרש:

„אידן, עס וועט זיין וואו צו דאווגען, וועלן דא וואוינען אידן, וועט זיין פרנסה — קויפט פלעצער פאר הייזער."

דעם ערשטן ביישפיל האט געוויזן א רב, וועלכער האט זיך אוועק־געשטעלט מיט א פויק, און צונויפגעפויקט אן עולם, געהאלטן א דרשה און געזאמלט געלט אויף א בית מדרש. — איז דאס די ריעל־עסטייט־לייט זייער געפעלן, און זיי האבן שוין אליין פינאנסירט אזעלכע רבנים מיט פויקן, און פלעגן נאך שיינקען באדן אומזיסט פאר די בתי מדרשים.

איינמאל, אויף א לידיקן „לאט" אנטקעגן דער בראנזווילער הויפט־קווארטיר פון דער רעוואלוציע, האט א יונגער רב זיך אוועקגעשטעלט מיט א פויק, און דער עולם, וואס האט זיך געזאמלט ארום אים, איז אלץ גרעסער און גרעסער געווארן — מען האט נאך אזא עולם ניט גע־זען, ווייל מען האט נאך אזא דרשה ניט געהערט, ניט נאר אין בראנזוויל נאר אין גאנץ אמעריקע ניט. אפילו די סאציאליסטן־אפיקורסים פון אנטקעגנאיבער זיינען ארויסגעלאפן אויף דעם בייז־וואונדער. דארט זיינען געווען אי פרענקל, אי גאבריעל, אפילו שליאפניקאוו, אפילו ווילק...

און דער יונגער רב איז געווען בערמאן.

בערמאן איז געגאנגען אננעמען זיך מיט נייעם כוח פון דער אלטער אידישקייט, אויסצוזויגן איר נשמה־גבורה ביזן דעק, כדי מיט איר איינצונעמען די נייע ריזיקע מדינה — אמעריקע; ער איז געגאנגען אויפלעבן־באלעבן די אלטע אידישע נשמה־מעשה און לאזן זי א לע־בעדיקע זיך ארויפדערציילן אויף דעם געוואלטיקן שטיק חומר, פון אט־לאנטיק ביז פאסיפיק, מיט די 120 מיליאן פארחומרטע נפשות וואס אויף איר, ער איז געגאנגען אין דער שליחות, וואס איז אים אויפגע־געבן געווארן דורך דער פארטאגיקער זעאונג אין דער פרעירי, ווען גאט האט זיך באוויזן צו אים אין דער טראדיציאנעלער געשטאלט פון א איד מיט א בארד...

אין דער פרעירי איז ער געגאנגען, ווייל נאך דעם דורכפאל פון זיין גרויסן סטרייק, וואס האט געזאלט זיין דער אנהויב פון דער רע־וואלוציע אין אמעריקע, האט אים א בליץ געטאן: — וואס פאר א פארריסנקייט? — איז ער דאס דער מאן צו פארמעסטן זיך מיט אזא לאנד? — איז ער ווי איינער, וואס איז אין דער בחינה פון א דער־לייזער, געגאנגען אין דער מדבר אריין, כדי געפרופט צו ווערן פון שטן...

און ער איז געפרופט געווארן! אין יענער נאכט פון גהינום־יסורים און קאשמארן, ווען א צעטראטענער פון דעם אמעריקאנער פאר־מער, איז ער געקראכן אויף אלע פיר, אין דער שטאק־פינצטערניש פון דער פרעירי, באגלייט פון קוויטשנדיקע פרעירי־הינט, א באשאטענער פון פישצנדיקע האלב־טויטע פרעירי־פויגלען — אין יענער נאכט, ווען דער מוח האט זיך אים אונטערגעצונדן, האט דער שטן אין געשטאלט פון א כלב מיט גאבריעלס פנים זיך געשטעלט פאר אים און געשפאט: רבי, רבי, וואונדער־רבי — באווייז־זשע א מופת?

דערפאר, ווען צום באגינען האט גאט ווי א איד מיט א בארד זיך צו אים באוויזן, האט ער עס אנגענומען ווי א באפעל, צוריק צו גיין צום ברונים פון אלט אידישקייט — יעמאלט ערשט וועט ער אמעריקע מנצח זיין! — האט ער געפאלגט און איז געגאנגען.

האט ער עס איצט געהאלטן די דרשה, וואס האט געזאלט האלטן דער אמאליקער עלוי און גאון, וועלכער האט געזאלט הונדערטפאר ארי־בערשטיינגן זיין פאטער דעם שטאט־מגיד; האט ער זיך געשטיצט אויף פסוקים פון דער תורה און אויף מאמרי חז"ל — געווירצט מיט מדרש און זוהר — ביז ער איז ארויפגעקומען אויף דעם געדאנק פון „דער אמתער מעשה פון דער וועלט, וואס האט זיך נאך איינגאנצן נית דער־ציילט"; ער האט רב נחמן בראסלאווערס מעשיות געמאכט דערציילן אט דעם געדאנק וועגן דער אמתער מעשה פון דער וועלט, וואס אידן שפינען מיט דעם ליכט פון זייערע נשמות.

האט דער עולם זיך געקוויקט און געגאפט און גארניט זיך געקאנט אפוואונדערן: פון וואנען האט זיך גענומען אזא טייערער מגיד? און האט גאר אנגעקוואלן פון דעם, וואס די סאציאליסטן די אפיקורסים הערן זיך אויך צו. — אדרבא, אדרבא, זאלן זיי זיך צוהערן. אז ניט דערלעבן זאלן זיי, צי זיי האבן ווען געהאט אזא מגיד!

אבער ווען בערמאן איז געקומען דארויף, אז די מעשה פון דער וועלט דערציילט זיך אין יעדן דור אויף אן אנדער שטייגער — פאר־שיידענע שטייגערס, אבער אלץ דיזעלביקע מעשה — און אז אין אונזער צייט דא ביי אונז אין אמעריקע דארף די מעשה מער ניט דערציילט ווערן אויף דעם אלטן שטעטלשן שטייגער — דורך טלית און תפילין און בתי מדרשים, וואס דאס איז ווייט און איבערן לעבן, און דאס לעבן זינקט אין בלאטע; נאר אויף א נייעם שטייגער זאל די מעשה דערציילן ווערן: — דער פרייער הימל זאל אייער בית מדרש זיין, און די מעשים פון אייערע הענט זאלן אייערע תפילות זיין, און פרא־ווען עבודה זאלט איר אין לעבעדיקן לעבן — די אידישע מעשה פון דער וועלט דערציילט זיך איצט אמבעסטן דורך יוניאנס, דורך סטרייקס, דורך דעם זיך בזייענדיקן סאציאליסטישן בנין אין רוסלאנד... און אז קיין הימל איז ניטא מער. די ערד איז דער הימל, און.. אז דעם נאמען פון גאט דארף מען איצט בייטן, אז עס איז געצענדינערייי צו זאגן — גאט. מען דארף זאגן: „דאס אמתע ליכט פון דער וועלט”.

דערהערט אזעלכע משונה'דיקע רייד פון דעם יונגן רב, איז די התפעלות פון די אידן אריבער אין גרימצארן. דער ערשטער האט זיך א באפ געטאן אן אלטער איד, וואס איז געשטאנען גאר נאענט צו אים, און נאר וואס מיט התלהבות געקוקט אים אין מויל אריין. —

— אידן, וואס טוט זיך דא! — האט ער פלוצלונג זיך צעשריען — אן אפיקורס, א משומד, א מיסיאנער! —

און ווי א צעקאכטער גזלן האט ער דער ערשטער אראפגעלאזן בערמאנען א פייערדיקן פאטש. נאך אים האבן צענדליקער זיך ארויפ־געווארפן אויף בערמאנען און האבן אים גענומען שלאגן מכות רצח. אלטע אידן האבן מיט הייסערער רציחה, ווי די ענגסטערס וואס ווילק האט אמאל אויף אים ארויסגעשיקט, אים געפאטשט אין די באקן; יונגע אידן, מיט קעלטערער ברוטאליטעט, ווי דער אמעריקאנער פאר־מער אין דער פרעירי, האבן אים געבוכצעט אין די זייטן. זיי האבן אים צעבראכן די ריפן; אפגעשלאגן די לונגען, אויסגעקלאפט די ציין און שיער ניט ארויסגעריסן די אויגן.

דריי גרויסע צוזאמענטרעפענישן האט בערמאן געהאט מיט די

פאַרשטייער פון די פריערדיקע דורות — צוויי צוזאַמענטרעפענישן מיט דעם דור פון די פרענקלס און גאַבריעלס —

ביי פרענקלען אין הויז, צו זיין טאָכטערס געבורטסטאָג, ווען ער ברענגט אויס אין אַן עקספּלאָזיאָן וועגן דער סימבאָלישער באַדייטונג פון סוכות;

ביי שליאַפּניקאָוון אויף דער פּערמע, וואו ער ברענגט אויס אין אַן עקספּלאָזיאָן וועגן די זוהר־מיסטעריעס פון די רעוואָלוציעס;

און איצט, וואָכן (אָדער יאָרן) נאָך זיין פּליטה פון דער דיסקוסיע מיט די פרענקלס און גאַבריעלס אויף שליאַפּניקאָווס פערמע — דאָס דריטע צונויפטרעפעניש מיט די פאַרשטייער פון פרומען אידישן דור, אויף די בראַנזווילער לײדיקע לאָטס — וואו ער, בערמאַן, האָט געהאַט זיין שענסטע עליה, איז זיין שכר געווען דער מיאוסטער.

דריי מאָל האָט בערמאַן געכאַפּט קלעפּ אין אויספאָלגונג פון זיין באַרוף — ווען ער איז געגאַנגען איינעמען די אַרבעטער וועלט, און נאָכדעם ווען ער איז געגאַנגען זיך אָנהעפטן אַן דער אַמעריקאַנישער וועלט, און איצט — אַן דער אַלט־אידישער וועלט. די ערגסטע קלעפּ האָט ער געכאַפּט פון זיינע ברידער אידן, ווען ער האָט זיי געוואָלט לערנען, ווי זיי זאָלן פון דאָס ניי מאַכן אַ גראַנדיעזן תכלית פון זייער אַלט־אידישקייט.

ווען ניט די סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן מיט מסירות נפש זיך געלאָזט אים ראַטעווען, און ווען ניט ווילק, וועלכער האָט געקאָנט די מלאכה פון דערלאַנגען קלעפּ, און אַפילו אויסבליצן מיט אַ מעסער — וואָלט בערמאַן ניט ארוים קיין לעבעדיקער פון זייערע פרום־אידישע הענט.

יאָ, ווילק, וועלכער האָט אַמאָל די גענגסטערס ארויפגעשיקט אויף אים, איז דאָ געווען זיין לעבענס רעטער, — און אַוועקגעפירט האָט מען אים אין דעם ניי־אויסגעבויטן האָספּיטאָל פון בראַנזוויל, פון וועלכן בערנשטיין, וועלכער איז פאַר דער צייט געוואָרן פאַר כבוד וועגן אַ פילאַנטראָפּ, איז געווען פּרעזידענט — יאָ, דערזעלביקער בערנשטיין, וואָס האָט אַמאָל געהונגען אויף אים די גענגסטערס (איגנאַטאָוו האָט דאָ באַזונדער שאַרף און שטעכיק געמאַכט די שפּיצן פון בערמאַנס דער־נער־קרוין דורך דעם וואָס אַלץ צוזאַמען צו אַלע ביטערע מאַרטירער ליידן אין דער דערשלאָגענער בערמאַן צום סוף געבראַכט געוואָרן דווקא אין בערנשטיינס האָספּיטאָל.)

און געטרויד, וועלכע האָט ניט געוואָלט גיין אין בערנשטיינס האָספּיטאָל צו היילן די וואונד, וואָס זי האָט זיך געמאַכט צוליב בער־מאַנען, אויסצוקויפן איר אומשולדיקע זינד קעגן אים — איז איצט

געזעסן איבער אים דורך די נעכט, ווען ער איז געלעגן אַ באַוואוסטלאָזער, שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט.

איגנאַטאָוו לאָזט אונז וויסן, אַז אין זיינע צווישן טויט־און־לעבן־האַלוציניאַציעס, האָט בערמאַן געהאַט עלית נשמה, איבערלעבנדיק דערביי די גליקלאַכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן.

פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין וואַנדל־וואַנדער האָט זיין נשמה־ליכט עקספּלאָדירט אין וויזיאָנען, וואָס האָבן אים געפירט פון די ניו־יאָרקער שעפּער אין דער אַמעריקאַנער פרעירי, און פון דער פרעירי אין בראַנזוויל, און צולעצט אים פאַרפּיט צום ראַנד פון קבר.

אָבער ענדלאַך האָט ער אים דעם לעצטן הייליקן אמת, וואָס וועט אַלץ און אַלעמען גובר זיין! ער האָט אים פאַרנומען פון דעם מויל פון זיין פאָטער, וועלכער האָט זיך געמיט פון גן עדן און איז געקומען מיט אים איבערצולערנען די אַלטע אידישע תורה און איר אור־אמתן אמת — וואָס זאָל זיין גוט פאַר אַלעמען: פאַר אידן, פאַר סאָציאַליסטן, און אויך פאַר אַמעריקאַנער.... ווען מען וועקט אים אויף צום באַוואוסטזיין, וואָלט ער עס אפשר ניט געקאָנט איבערזאָגן, אָבער אין זיינע גסיסהדיקע וויזיאָנען האָט ער עס אַזוי גוט פאַרשטאַנען. ער האָט עס, וואָס ער האָט געזוכט זיין גאַנץ לעבן. און אַ גרויסע שמחה איז אים באַפאַלן.

און איינמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און האָט געעפנט די אויגן, און ער האָט דערזען גערטרוד, אַ ווייסע, אַ ליכטיקע —

— ווי אַ פויגל, גערטרוד — האָט זי פלוצים דערהערט.

— ווי אַ ווייסער פויגל, טייערע, ווי אַ ווייסער פויגל איז דער אמת — האָט גערטרוד אונטערגעכאַפּט.

דאָס זיינען געווען די ערשטע ווערטער וואָס זי האָט געהערט פון בערמאַנען, ווען זי איז איינמאָל אונטערגעקומען אויף אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַרבעטער אויף אַ גאַסן־ווינקל אין ניו־יאָרק.

און דאָס זיינען אויך די לעצטע ווערטער פון ראָמאַן.

7. ביים סאַמע גרעניץ פון פאַרשפּראָכענעם לאַנד

שטאַרבט בערמאַן צי ניט, דער ראָמאַן איז דאָ געענדיקט — ביי גערטרודס ווערטער:

— ווי אַ ווייסער פויגל, טייערע, ווי אַ ווייסער פויגל.

דער טראַגישער זין פון ראָמאַן איז שוין פול דאָ: דער גורל פון אַ פּיאָנער פון אידישער גייסטיקייט, פון אידישער וויזיאָנערישקייט אין דער נייער מדינה.

די ביטערסטע טראַגעדיע פֿאַלט אויס אויפֿן חלק פֿון בערמאַנען. ער פֿעלשט ניט, ער קרימט ניט; ער טראָגט זיינע פּולע נשמה פּאַראויס אויף זיינע אייגענע הענט. אויף אַנצוקוקן מיטן אויג איז ער קיינמאָל ניט דער בעל נצחון. מפּלות קומען אים אַנטקעגן נאָך מפּלות. און דאָך לעבט די זיכערקייט אין אים — די זיכערקייט צאַפּלט זיך אין אים, אַפּילו ווען ער פּאַרלירט זיין באַוואוסטזיין, ליגנדיק אויף דער ערד אַ צעטראָטענער — די זיכערקייט איז דער לעצטער פּונק באַוואוסטזיין אויסגעלאָשן צו ווערן — אַז פֿון זיינע מפּלות וועט אויפֿגיין וועט וואַקסן און געדייען דאָס לעבן נאָך אים.

איז דאָך דאָס דערהויבענע טראַגעדיע פֿון דעם גראַד פֿון דער משה־רבינו־לעגענדע: האַרט ביים גרענעץ פֿון פּאַרשפּראָכענעם לאַנד שטאַרבט ער; נאָר פֿון אַ שפּיץ באַרג האָט ער געקאָנט אַנקוקן דאָס לאַנד, וואוהין ער האָט דאָס פֿאָלק געפֿירט.

דאָס איז, ווען בערמאַן שטאַרבט. אָבער ווען ער שטאַרבט ניט, וואָלט בערמאַנס אונטערנעמונג געקרוינט געוואָרן מיט טריאומף? איך האָב מורא אַז ניט. צו פּריציייטיק. עס לויערן אויף אים אַנטוישונגען.

ערשטנס, ווען בערמאַן ווערט געזונט, וואָלט ער דאָך, אַ מידער פֿון טראָגן דאָס אידיש־נביאישע אין קאָמפּראָמיסלאָכן סאָציאַליזם אַריין. און אַז אַנגעלערנטער פֿון די בית־מדרש־אידן — וואָלט ער דאָך ווי די מאָדע איז איצט, מסתמא געקומען צום קאָמוניזם. וואָלט ער דאָך, ווי זיין טבע איז, געפּאָרט קאָמוניזם מיט נבואה, וויזיאָנען און נסים. אַ קאָמוניסט — אַ בעל מופת, אַ בעל נס, אַ בעל שם! וואָלט ער זיך אַנגעשטויסן אויף קאָמוניסטן, וואָס אין זיינע אויגן וואָלטן זיי אויסגעקוקט מאַטעריאַליסטיש, מעכאַניסטיש, גייסטלאָז. וואָלטן זיי דאָך אים פּאַרשטויסן פֿון זיך, אַלס פּאַרפֿירער, פּאַררעטער און אַפּיום־מישער.

אָדער ניין? איינמאָל וואָלט פֿון זיין זייט באַוויזן אַ מופת — און געלאָזט בערמאַנען טריאומפֿירן דווקא ביי די קאָמוניסטן?

וואָלט ער שוין פּאַר איינוועגס באַוויזן אַ צווייטן מופת אויך? עס לויערט דאָך נאָך אַ סכנה אויף אים — אַ פּערזענלאָכע — אַט טאָקע פֿון גערטרודן. אַלס כלה־מיידל, מיט איר אַפּגעהיטער, ציטערדיקער אַריסטאָקראַטישקייט, איז זי פּאַר בערמאַנען דער אינספּירערנדיקער סימבאָל פֿון זיין לעבן. אָבער ווען געוויבט און באַלייבט, וואָלט אַט די אַריסטאָקראַטקע, אַ געכאַוועטע טעכטערל פֿון האַלב־בורזשויען, וואָלט זי אַליין אַקאַרשט ניט געוואָרן אַ גאַנצע בורזשויקע און גוט אַכטונג געגעבן אויף בערמאַנס פּרנסה, שטערנדיק אים אויף טריט און שריט? און אַד און וויי, אויס סימבאָל, נאָר דער בליי־באַל פֿון זיין לעבן?

אדער ניין, איגנאַטאָוו וואָלט אייך דאַ אויסגעפירט אַ טריאומף פאַר בערמאַנען — און גערטרוד וואָלט געבליבן פאַר אים אַן אייביקע כלה־סימבאָל?

איך גלויב קוים. צי איגנאַטאָוו וואָלט געקאָנט באַווייזן אַזעלכע צוויי מופתים פאַר בערמאַנען — ביי די קאָמוניסטן און ביי זיין ווייב — מופתים וואָס קלעפּן זיך אַזוי ניט צו דערווירקלאַכקייט פון דער וואָכעדיקער דערפאַרונג. גיכער פון אַלץ, וואָלט בערמאַנען קיין צרות ניט געפעלט.

אַזוי, צי אַזוי, צי וואָלט ער געלאָזט בערמאַנען סוף כל סוף טריאומפירן, אָדער ער וואָלט נאָך פאַרטיפט זיין טראַגעדיע, און באַוויזן, אַז עס איז ניטאָ קיין מנוחה און קיין ישועה פאַרן צדיק אויף דער וועלט — איז עס געגנוג מאַטעריאַל פאַר אַ צווייטן ראָמאַן. אָבער דער איצטיקער ראָמאַן איז געענדיקט, וואו ער ענדיקט זיך.

וואָס שייך דעם ראָמאַן גופא, זיין קוואַליטעט, לאָזט זיך וועגן דעם זאָגן, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט וועגן בערמאַנען — דער ראָמאַן איז ביים סאַמע גרעניץ פון פאַרשפּראַכענעם לאַנד. עס פעלט נאָר אַ האָר, עס זאָל ווערן אַ קאַפּיטאַל־ווערק; עס איז שוין איצט אַ קאַפּיטאַל־ווערק פאַר דעם וואָס קאָן זיך אַריינלייענען.

אין מיין איבערבליק האָב איך דאָך גאָרנישט געטאָן צום ראָמאַן; איך האָב גאָרנישט צוגעגעבן. איך האָב זיך באַנוגנט מיט באַשרייבן דעם אינהאַלט, מיט אויפּלויכטן זיינע הויפּט־מאָמענטן — און עס איז אַרויסגעקומען אַ ווערק, וואָס אַזעלכעס האָבן מיר ניט אין אונזער ליטעראַטור דאַ — אַ ווערק, וואָס רייסט פונאַנדער די אויבערפלאַך און דעקט אויף טיפע פאַרבאָרגענע אמתן, וואָס רייזלען אונטער דער אויבערפלאַך פון אונזער היגן יחידישן און עפנטלאַכן לעבן — אמתן, וואָס ווייזן אַז אויף אונזער געמיט שמעקעדיקע באַטעמטע צוזאַגן פאַר דער צוקונפט. — וואָס דאַרף מען מער? — אָט דאָס איז אַ קאַפּיטאַל־ווערק.

פעלערן? זיכער זיינען זיי דאַ. אָבער איך האָב דאָך שוין אין אָנהויב געזאָגט, אַפילו צוגעבנדיק די אַלע פעלערן, וואָס די קריטיקער אויף אַלעם פאַרטיקן, און קריטיקער ציניקער, וואָס קאָנען ניט פאַרטראָגן קיין גלויביקן העלד, ווייזן אַז — און איך גיב זיי ווייט ניט צו — די מערסטע פון זיי אָנגעוויזענע פעלערן זיינען פעלערן פון זייער ניט פאַרשטיין, וואָס שטאַמען פון זייער איינגעפאַרענעם אומגלויבן—אָבער אַפילו צוגעבנדיק די אַלע פעלערן, פאַרמינערן זיי ניט דעם ווערט פון ווערק, זיי נעמען פון זיין און מיין גאָרנישט אַוועק. נישט מער, זיי מאַכן אַביסל שווערער דעם צוטריט צום ראָמאַן פאַר דעם לייענער, וואָס

ווייל זיך גאַרנישט מטריח זיין — דערלאַנג אים אַלץ פּאַרטיק צעקייט אויף א טעלערל — עס איז אים געשמאַק דאָס פּאַרטיק־צעקייטע!...

פּעלערן? א קונץ אַנצואווייזן פּעלערן אפילו אין בעסטן ווערק? עס איז די לייכסטע זאַך! מיט פאַרמאַכטע אויגן וועל איך זיי מיט די פינגער אויפזוכן.

איך האַלט ניט פון דעם קריטיקער־גדלן, וואָס מאַכט זיך גרויס און וויכטיק אַנטיטלענדיק אויף פעלערן, בעת צום עיקר איז ער בלינד — ער האַנדלט איין גדולה פאַר א צו ביליקן פּרייז.

דאַד, כדי יוצא צו זיין, מען זאָל ניט זאָגן, אַז איך לויב נאַר, און האָב מורא צו טאַדלען — וועל איך דערלאַנגען פעלערן. —

בערמאַן איז פון איגנאַטאָוון באַשאַנקען מיט א מעלה, וואָס ווי איך זאָלט זיך ניט קלינגלען, קאַנט איך עס אַנדערש ניט אָנרופן ווי גאונות. אויב ניט א גאון מעשה־שרייבער — זיין, בערמאַנס, בעאַרבע־טונג פון בראַצלאַווערס מעשיות האָב איך ניט געזען; אויב ניט קיין גאון־פּאָעט — זינא ראַט אים ערשט צו נעמען זיך שרייבן לידער — אָבער א גאון א מגיד איז ער; און א גאון א זעער פון זעאונגען איז ער — ווייניקסטנס, ווייל איגנאַטאָוו ער זאָל עס זיין; וואָרים איגנאַטאָוו לעגט גרויס געוויכט אויף בערמאַנס מגידישער און זעערישער פונקציע; דורך דעם מאַכט ער בערמאַנען ווירקן אויף זיינע צוהערער...

בין איך מיר משער, אַז איגנאַטאָוו טיילט צו בערמאַנען גרויסמוטיק פון זיין אייגענעם גאונות, און וועלכער ער איז מסתמא איינגעגלויבט ביודעים ולא יודעים — צי איך דערלויבט עס אים, אָדער דערלויבט עס ניט. האָב איך אויף אים דערפאַר קיין פאַראיבל ניט. איך פאַרגין עס אים פון גאַנצן הארצן. אָבער וויבאַלד איגנאַטאָוו־בערמאַן זיינען בשותּ־פות איין גאון — איז יעדעס וואָרט וואָס זיי זאָגן אַרויס תורה. איז טאַקע אמת, אַז בערמאַן האָט א צאָל וואונדערשיינע מעשהלאַך אויף פּסוקים פון דער תורה — שבכתב און שבעל פה — אָבער בערמאַן איבערטרייבט. ער נעמט שיטן מיט תורה און פּסוקים גלאַט אַזוי, לאמר אַזוי צו זאָגן: גאָט, זעט וואָס איך קען! — נו, האַלט איך, אַז אפילו אין שטעטלעך ניט יאָרק געפינען זיך גרעסערע למדנים, ווי בערמאַן און איגנאַטאָוו צוזאַמען. האָבן זיי ביידע ניט, וואָס אויסצופיינען זיך.

אָבער דאָס איז א קליינינקייט לגבי א צווייטן חסרון, קענען וועלכן איך פּראָטעסטיר ווידער אַמאָל אין מיין אייגענעם נאָמען, ניט די קרי־טיקער־ציניקער צוליב.

גאונות איז קיין פּאַרטיקע זאַך ניט. עס איז גיכער א פונקציע, א פּראָצעס פון ווערן, געבערן, פון שטענדיקן קוועלן. דאַרף עס יעדער

מאָל וואו מען מיינט גאונות אויב ניט דערוויזן ווערן, איז ווענִיקסטנס אָנגעטייט, אָנגעוואונקען ווערן. איז אַמאָל טוט ער עס איגנאַטאָוו — ער גיט אונז צו שפּירן אין אָנצוהערעניש בערמאַנס גאונישקייט. אין דער סצענע, צום בײַשפּיל, וואו בערמאַן גייט פון אַ סטרייק מיטינג אַהיים, און זעאונגען באַגלייטן אים דעם גאַנצן וועג ביז אין זיין חדרל אַריין. אָבער מערסטנס, אין דער זעלבסט־זיכערקייט פון זיין גאונות, האַלט עס איגנאַטאָוו פאַר איבריק. מען דאַרף גלויבן איגנאַטאָוון אויפ'ן וואָרט; אַז ער זאָגט, איז געזאָגט. עס איז אַ אָפּגעמאַכטע, באַשלאָסענע און פאַרטיקע זאַך אַט די גאונות. און וויבאַלד ביי איגנאַטאָוון אַזוי, איז עס ביי בערמאַנען אויך אַזוי. און וויבאַלד בערמאַן איז אַ פאַרטיקער גאון, קאָן זיך צו אים באַווייזן, אין דער נאַכט פון קאַשמאַרן, אַ פאַרטי־קער גאָט, אין דער געשטאַלט פון אַ איד מיט אַ באָרד און ער באַווייזט זיך פּלוצים, ניט צוגעגרייטערהייט, און ער מאַכט דערום דעם איינ־דרוק פון אַ צוגעקלעפּטער שמה (שיימע), פון אַ צוגעקלעפּטן בלעטל פון סידור, פון אַ צוגעקלעפּטן אידן, מיט אַ צוגעקלעפּטער באָרד.

אַט די פאַרטיקייט — בערמאַנס זעלבסטפאַרשטענדלאַכע גאוניש־קייט — טוט שאַדן דער גרויסער דיסקוסיע ביי שליאַפּניקאָוון אויף דער פערמע. וויבאַלד בערמאַן איז אַ פאַרטיקער גאון, קלעפּט איגנאַטאָוו אים צו צו דער צונג פאַרטיקע צעטעלאַך מיט פאַרטיקע ווערטער: מיסטע־ריען, די מעשה פון דער וועלט, דאָס ליכט פון דער וועלט. בערמאַן גיט זיי ווי פאַרטיקע טערמינען, אָנשטאָט זיי זאָלן געגעבן ווערן אין באַ־וועגונג, אין אָנצוהערענישן, אין שם המפורשן, וואָס דאַרפן אָנכישופן מעשה־ליכט.

אָבער איגנאַטאָוו פאַרשפּאַרט זיך אַרבעטן, פאַרשפּאַרט זיך ווייטער שאַפן; ער האָט שוין איינמאָל דאָס ערגעץ געטאָן — איז ער פאַרטיק מיט דעם.

דערפאַר קריגט בערמאַן זיין פאַרדינטע שטראָף, טאַקע אין דער־זעלביקער דיסקוסיע, ווען צוויי נאַרישע ווייבלאַך נעמען זיך אים ענט־פערן. האָט בערמאַן געהאַט פאַרטיקע ווערטער, האָבן זיי אויך פאַרטיקע ווערטער אים אַנטקעגן. אויף זיינע מיסטעריעס ענטפערן זיי אים מיט נאַאיוו־באַנאַלע רייד וועגן דער מאַטעריאַליסטישער און אידעאַליסטי־שער וועלטאַנשויאונג.

דאָס איז דער פּועל יוצא פון פאַרטיקער גאונות'שאַפט. אָסור, אויב עס וואָלט מיך געאַרט, ווען דאָס האָט בלויז צו טאָן מיט איגנאַטאָוום פּערזענלאַכער פּסיכאָלאָגיע. פון מיינעטוועגן, זאָל ער גלויבן אין זיך וויפיל נאָר כוח ער פאַרמאָגט. עס גיט אים צו געזונט.

אָבער עס שטערט דעם קונסט עפעקט. ער באַרגט זיך אויס דעם

מעטאַד בײַ זײַנע שונאים די ציניקער. יענע טוען אויך אַזוי. די גאַנצע חכמה פֿון די ציניקער איז, וואָס זײ גלייבן ניט אין מענטשן. דאָס וואָס זײערע אויגן זעען אויפֿן מענטשן, דאָס האָט ער, דאָס פֿאַרמאָגט ער, און נישט מער. זײ שענקען אים קיין שום קרעדיט ניט. זײ נעמען דעם מענטשן ווי אַ פּאַרטיקע, פֿאַרענדיקטע זאַך. זײַנע מעלות, זײַנע חסרונות, איז לייכט איבערצוציילן. אַפֿילו איין שטריך איז נענוג: דער איז קאַרג, יענער איז נאַר, דער דריטער איז אַ גרויסהאַלטער.

— געשטעמפּלטע מענטשעלאַך דערלאַנג זײ, און דעמאָלט מײַנען זײ, אַז זײ קענען שוין דעם מענטשן; ער איז שוין גענוג כאַראַקטע־ריזירט פֿאַר זײ.

נו, ווען די ציניקער שטעמפּלען פֿאַרענדיקטקייטן, שטעמפּלט איג־נאַטאָוו אומפֿאַרענדיקטקייטן, וואָס דאָס איז אפשר ערגער. איגנאַטאָוו האָט אַ שטעמפּל: „גאון" — קלאַפּט ער אים אַרויף אויף בערמאַנען. אָבער „גאון" טאָר קיינמאָל ניט גענומען ווערן אין אַ געשטעמפּלטן, פֿאַרענדיקטן זין.

עס איז שוין אַן אַלטע געוואוינהייט בײַ איגנאַטאָוון צו נוצן שטעמפּלען. נאָך אין „קעסל־גרוב", וואו — ערטערווײַז — עס פֿלעגט אים אויספֿעלן אײדעלער באַגריף, פֿאַרפֿײַנערטער תוך, פֿלעגט ער זיך פֿאַרשפּאַרן שעפּערישע טרחא מיט אַרויפֿקלאַפּן אַ מליצה־וואָרט.

שוין לאַנג צײַט געווען איגנאַטאָוו זאָל זיך באַפֿרײַען פֿון אָט דער שוואַכקייט זײַנער — צו זינדיקן מיט געשטעמפּלטער גאונישקייט.

איך בין מודה, אַז שולדיק זײַנען צום גרויסן טייל די קריטיקער — און איך אויך בתוכם, ווען איך פֿאַררעכנט מיך צווישן די קריטיקער. ווען זײ וואָלטן געקלאַפּט און געקלאַפּט אויף אָט דעם שוואַכן פּונקט זײַנעם, וואָלט ער סוף כּל סוף זיך גענומען קאָנטראָלירן, און אַזוי גוט זײַן זיך מטריח זײַן און באַהאַלטן פֿאַר זיך זײַן גלייבן אין דער אײגענער איבער־גאונותשאַפֿט. און יעדער מאָל זיך געגעבן מי דעם לײענער צו דערווײַזן אין וואָס ער הייסט אים גלייבן. אָבער אַזוי ווי מען האָט ביז אַהער איגנאַטאָוון ניט געגעבן זײַן פֿולע רעכט, האָט מען אים אויך ניט געקאָנט אויסלייזן פֿון זײַן אומרעכט. אַז מען שעצט און מען שאַצט ניט, און מען טוט די מינדסטע טובה ניט דעם שאַפֿנדיקן שרײַבשטעלער — פֿאַרוואָס זאָל ער פֿאָלגן און וואָס זאָל ער זיך זשעניִרן?

אינטערעסירט מען זיך בײַ אונדז זײער שטאַרק מיט די שעפּערישע אידייען און שעפּערישע וועגן פֿון אַ שרײַבשטעלער, ביז זײ קומען צום אויסדרוק אין קאָנקרעטע ווערק? און אַז עס זײַנען שוין מיט מזל געקומען די קאָנקרעטע ווערק, וואָס טוט מען זײ? קוקט מען ווײַט אַריבער די טאָוולען פֿון בוך — פֿון בוך צום שרײַבשטעלער? —

אפגע׳יוצא׳ט פארן בוך מיט א שטיק בוך־־סטאטיסטיק, און פארטיק דערמיט.

עס בלייבט פאר דעם שריפטשטעלער אפט קיין אנדער ברירה ניט, ווי צו באהאלטן זיך הינטער דער שוץ־וואנט פון אבערגלויבן־אויבער־גלויבן.

נאך די אלע רייד מוז איך בלויז צוגעבן, אז איצט, ווען איך וואלט צום דריטן מאל געליענט די דריי ביכער פון ראמאן, וואלט איך —

— קענענדיק אויסגעבונדן די אלע געשטאלטן און וויסנדיק וואס איגנאטאוו האט באצוועקט מיט זיי;

— און האבנדיק אנגעטאפט די געהיימע פּרוזשינעס, וואס טרייבן אן מיט דעם גאנג פון די געשעעניש;

— און האבנדיק פארצייכנט פאר זיך די אלע לויזע ערטער, וואס צעשרויפן זייער גאנג;

— און די אלע אומזיסטע צוגאבן, וואו איגנאטאוו זוכט אונטער־צושפארן די העלדן מיט זיין אויטאריטעט, אדער אונטערצושפארן זיך אליין מיט דער אויטאריטעט פון די העלדן —

— וואס דאס זיינען די חסרונות פון ראמאן — און זיינען ווירק־לאך א פארשווינדנדיקער מינימום אין פארגלייך מיט זיינע מעלות —

— וואלט איך זיכער געקומען צום שלום, אז מען דארף גארנישט צוגעבן, און גארנישט פאררעכטן, נאר וואו ניט וואו קירצן און קאנ־דענסירן דארף מען.

ווארים עס איז דא גענוג כאראקטעריזירונג סיי אין די מענטשן, סיי אין די געשעעניש און סיי אין די דיאלאגן — אזוי, אז דער ראמאן, ווען געקירצט און קאנדענסירט, אז די איבריקייטן, וואס פארשטעלן און פארשאטענען, זאל קלאר און פארשטענדלאך ווערן אפילו פאר די אומגלויביקסטע, וואס דאס זיינען די ציניקער — הגם דער ראמאן איז ניט געשריבן פון זייערטוועגן; עס איז א ראמאן, וואס רופט צו א באנייטן אידישן העראאיזם אין גלויבן.

און ווען איגנאטאוו וואלט געהאט אן איבעריקן טויזנטער — ווען איך וואלט געהאט אפילו ניט קיין איבריקן טויזנטער, וואלט איך עס אים אנטליען — וואלט ער געטאן גוט, ווען ער מאכט א רעוויזיע דורך שניידן, און גיט ארויס א צווייטע, רעווידירטע, געקירצטע און קאנדענ־סירטע אויפלאגע — און דער ראמאן וואלט פאר אלעמען געווארן דאס, וואס ער האט זיך פארגענומען צו זיין, און וואס אין תוך איז ער עס שוין: —

א ראמאן, וואס זאגט אז אז עפּאכע, וואס האלט ערשט ביים אנהויב, ווען אידישער אלט־גלויבן און ניי־גלויבן וועלן זיך באגעגענען —

אויף שלום צו מאכן פאר א בשותפותער אנשטריינגונג צו באוועגן די בערג פון זייערע יסודות —

כדי די פארצייטיקע אידישע נשמה זאל פונדאסניי זיך נעמען דערציילן, איבערגעזעצט אין היינטוועלטיקע וועלט־פעלקער־און־קלאסן־געשעענישן.

א. בערגער

דוד איגנאטאוו'ן

ווייסע וועגן...

ווייסע וועגן — דורך די נעכט.
איבערן קאפ די שטערן בלויע פלאמען,
ווי בלויער ספירט — געצונדן
אין אומענדלאכקייט;
פאר'כשופ'ט, ווי א נאכטוואנדלער דיך צו פירן
וועג איין, וועג אוים....

ווייסע וועגן — דורך דער וועלט.
בריקן וואונדערלאכע אין דער לופט פארצויגן,
טריט און טריט אויף ברוק —
נאר וואו? — אויף וועלכן פלאנעט אין גאנג
קליינגען איצט די טריט? —
וואס פירן דיך אויף און אפ ווי אין געזאנג ארום
וועלט איין, וועלט אוים....

אנגעצונדן א פייער...

דר. י. ראזענפעלד

אַנגעצונדן אַ פייער...

I

בעל מחשבות האָט ניט געמאַכט קיין טעות, ווען ער האָט דערזען אין „אַ ווינטער נאַכט'', דעם פרילינג פון איגנאַטאָוו'ס שריפטשטעלעריי, דעם אויסגעצייכנטן קינסטלער, וועלכער שאַפט נייע געשטאַלטן מיט נייע באַגריפן וועגן לעבן, אַרבעט, ספּאָרט. די טיפן, האָט בעל מחשבות צוגעגעבן, זיינען ניי אין דער אידישער ליטעראַטור; און זיי אונטער־שיידן זיך פון די טיפן פון ליטע און פוילן. בעל מחשבות האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק, און ס'איז שוין איצט קלאָר, אַז ער האָט איגנאַטאָוו'ן אָפּגעשאַצט ריכטיק און אַז ער האָט אויך ניט געמאַכט קיין טעות, ווען ער האָט באַהויפּטעט, אַז איגנאַטאָוו איז דער פונדאַמענט פאַר אַ נייער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

בעל מחשבות האָט שוין, ווי געזאָגט, געזען אין איגנאַטאָוו'ס „אַ ווינטער נאַכט'' דעם גרויסן קינסטלער. ער האָט עס געמוזט זען, ווען ער האָט נאָך אין יענע יאָרן געלייענט אַזאַ בילדרייכע לײדנשאַפטלאַכע באַשרייבונג:

„און די נאַכט האָט זיך געהויבן שטיל און זיכער ביז צום וויטן הימל און האָט זיך צו אים געצויגן און געפרעסט, און דער הימל האָט זיך איבער איר געשפּרייט ווי אַ פאַרשטערנטער בלויער ים.

און דער פראָסט האָט געוועלטיקט אין דער נאַכטס בלויער לופט. האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און געמאַכט פידלען דעם שניי אונטער די פיס. און האָט געשטאַרקט די אָדערן, האָט אָנגעצויגן די מוסקולן, גע־קרעפטיקט דאָס בלוט, און געמאַכט פילן פראָסטיק, ברענענדיק.

בערג וויסע, מיט בוימער נאַקעטע, פאַרשנייטע האָבן זיך געהויבן דאָ און דאָרט, שטילע, לעבעדיקע און האָבן זיך צופרידן גע'חבר'ט מיט דער קרעפטיקער, טיפער בלויקייט, וואָס אַרום זיי און וואָס איבער זיי: —

— זיי געגריסט דו קרעפטיקע, בלויע ווינטער־נאַכט! זיי געגריסט!

און דער שטאַרקער ריז, דער זיידע־פראָסט, קלאַפּט דערפאַר אָפּ דעם ערשטן גרעסטן באַרג אין פּלייצע:

— וואויל, וואויל, מיין קינד! — וואויל, און שפּאַנט ווייטער.״

בעל מחשבות האָט דערפילט דעם נייעם קינסטלערישן אָטעם פון איגנאַטאָוו'ן, וואָס האָט קיין מורא ניט געהאַט אָנצוהויבן זיין „פּיבי״ גראַד מיט די ווערטער:

„איך האָב ליב שלאַנגען״;

אָדער דעם אידישן און קינסטלערישן זשעסט, מיט וועלכן איגנאַטאָוו האָט אָנגעהויבן זיינע „וואונדער מעשיות״ פון אַלטן פּראַג:

„אין דער שטאָט פּראַג איז אַמאָל געווען אַ גרויסער רב. דער רב איז געווען אַ גרויסער צדיק, און ווען ער פלעגט מחדש זיין די לבנה, פלעגן זיינע אויגן לייכטן מיט אַ גרויסער לויטערקייט, און זיין הויכער שטערן און זיין זילבערנע באָרד פלעגן פינקלען אין דער נאַכט מיט אַזאַ כשוף־ליכט, וואָס מען האָט געקאָנט זען אויף מיילן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער צדיק און אַ גרויסער בעל מופת.

איינער פון די פּראַגער אידן, וואָס האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט צו זיין אינאיינעם מיטן רב ביי קידוש לבנה, איז געווען בערל פּראַגער — אַ דאַרער איד, אַ סוחר, וואָס פלעגט אויספאָרן וועלטן.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז בערל איז אַוועק ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אויף אַזוי לאַנג, אַז מען האָט געמיינט, אַז ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, צי חלילה דערטרונקען געוואָרן. נאָר ווען דער רב איז זיך אַמאָל געשטאַנען אין אַן אָנהויב־חודש׳דיקער לבנה נאַכט אין מיטן מאַרק און האָט אינאיינעם מיט אַ גרויסער עדה אידן מחדש געווען די לבנה, האָבן אַלע מיטאַמאָל אויפגעהויבן די אויגן און דערזען — אַ מענטש פליט איבערן הימל!...

דאָס איז פּונקט געווען ביי די „שלום עליכם׳ס״.

האָט דער רב אויפגעהויבן זיין ליכטיקן פּנים און אויסגעשריגן צום פליענדיקן מענטשן:

— שלום עליכם!

האָט דאָס דעם מענטשן גלייך גענומען ציען אַראָפּ, און ער איז אַראָפּגעפאַלן כמעט צום רב אין די הענט אַריין. און אַלע האָבן מיט שרעק דערזען, אַז דאָס איז בערל פּראַגער, דער דאַרער איד, דער סוחר.״

אין איגנאַטאָוו׳ס „וואונדער מעשות״ פון אַלטן פּראַג געפינען זיך מעשה׳לאַך פון פאַנטאַסטישע וועלטן, וועלכע באַצויבערן און רופן אַרויס בענקשאַפט, ווי די יוגנט, וועלכע איז אויף אייביק פאַרשוואונדן.

II

אַ וועלט מיט מעשה'לאַך זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון דורות; שיינע, וואונדערבאַרע, ווי די מעשה'לאַך פון די ברידער גרים און כינעזישע באַגדיכאַנען, וואָס רייצן אַזוי שטאַרק די פאַנטאַזיע, אָבער קיין איינע פון זיי וועט זיך נישט פאַרמעסטן מיט די מעשה'לאַך פון אַלטן פּראַג, וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער כאַראַקטער און גייסט פון אַן אוראַלטן פאָלק, וועמענס גאַנצע עקזיסטענץ איז פאַר זיך אַליין אַ וואונדער מעשה. אַ לעגענדאַריש פאָלק מיט אַ קריעת ים־סוף און באַרג־סיני מיט אַ געטלאַכע דערשיינונג אין זיין געשיכטע, וואָס שטייגט איבער די מענטשלאַכע פאַנטאַזיע, אַן עמוד־ענן און עמוד־אש צו באַלייכטן דעם וועג, און אַ מדבר מיט מן, וואָס האָט אים געשפּייזט גאַנצע פערציק יאָר. אַ פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ משה און נביאים, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט און געפּרעדיקט די פעסטע און אונשטערבלאַכע פּרינציפּן פון אמת און מענטשלאַכקייט, פון יושר און מאָראַל אַלס באַזיס פון אַ לעבן ווי אין גן־עדן אויף דער ערד. נאָר אַזאַ פאָלק האָט געקענט שאַפן אַזעלכע מעשה'לאַך.

אינגנאַטאָוו איז נישט דער ערשטער, וואָס האָט ביי אונזער פאָלק מעשה'לאַך געשריבן, זיי זיינען געווען אַ דאַנקבאַרע טעמע אויך פאַר אַנדערע טאַלאַנטן. זיי באַקומען אָבער אַ גאַנץ אַנדער קאָליר און חן ביי אינגנאַטאָוו'ן, דעם קינסטלער, דעם מייסטער פון וואָרט, סטיליסט און ליריקער מיט זיין זאַפטיקער שפּראַך און רייכער פאַנטאַזיע, וואָס שפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן און ווירקט אויפן מוח ווי אַ סימפאָניע אויף אַ מוזיקאַלישן אויער...

אַדורכגייענדיק דורכ'ן פילטער פון זיין פאַנטאַזיע, באַקומען די העלדן בלוט און פלייש און שטייען פאַר אונז, ווי לעבעדיגע. איר לייענט און עס דאַכט זיך אייך, אַז פאַר אייערע אויגן שטייט דער רב, אַרום וועמען די פאָלקס פאַנטאַזיע האָט געשאַפן אַזוי פיל לעגענדעס, איר זעט פאַר זיך אַ גייסטיקן ריז, מער גייסט ווי קערפּער, אַ מענטש, פאַר וועלכן די מאַטעריאַלע וועלט איז נישט מער ווי אַ חלום און אַנאיבערגאַנגס פּעריאָד צו אַ וועלט פון רוחניות. ער איז שטענדיג פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען וועגן יענער אַבסטראַקטער וועלט מיט אַ גן עדן און אייביק לעבן. ווען ער איז מחדש די לבנה און זאָגט: „שלום עליכם", שטרעקט ער אויס די האַנט און ציט צו זיך צו אַ אומגליקליכן אידן, וואָס שוועבט דאַמאָלסט אין דער לופטן.

שיין, וואונדערבאר שיין ! מעג דאס זיין א לעגענדע, מעג דאס זיין נישט מער ווי א פאנטאזיע, אבער דאך שיין.

ווען דער פראגער רב, דער בעל מופת, וואס איז אויך געווען דער ראש ישיבה, לערנט מיט זיינע תלמידים, און אפילו ווען ער לערנט פאר זיך אליין, האלט ער אין האנט א קאנטשיק — דעם אלטן אידישן קאנטשיק. צו שמייסן אימיצן? חלילה! אבער צו וואס פארט דארף ער דעם קאנטשיק? נישטא קיין ענטפער אף דער פראגע, און ווער קען פארשטיין די וועגן פון א מיסטיקער? — א בעל מופת? מעגלאך, אז דער קאנטשיק איז א סימבאל פון שכר ועונש. אויב אף יענער וועלט פירט זיך די זעלבע ארדנונג, ווי אף דער ערד, וואו מענטשן ווערן באלוינט אדער באשטראפט פאר זייערע מעשים, דארף דער קאנטשיק שטענדיק זיין פאר די אויגן, כדי דערמאנען דעם יצר־הרע, אז ער זאל ניט אראפפירן פון ריכטיקן וועג.

און וואסערע וואונדער איגנאטאוו טוט נאכדעם אויף מיט אט דעם פשוטן קאנטשיק, וואס דער רב גיט איינמאל, פאר א נסיעה, איבער אין די הענט פון דעם ערלאכן פאלקס־מענטשן בערל פראגער! .... גיט אומזיסט האט דאס דער פאלקס גייסט אזוי געהיט דעם קאנטשיק. — ער, דער ריינער פאלקס גייסט, האט ווייזט אויס, געוואוסט, אז בערל פראגער וועט אט דעם קאנטשיק נויטיק דארפן, אז אין די הענט פון דעם ריינעם פאלקס מענטש, וועט אט דער קאנטשיק ברייגנען גרויסע נוצן...

אזוי האט איגנאטאוו פארשטאנען דעם אלטן רב, וועלכער באטראכט זיך אלס צייטוויייליקער גאסט אף דער ערד.

מערקווירדיק, וואס בא פילע שריפטשטעלער איז דער רב די צענטראלע פיגור פון אזוינע מעשה׳לעך. איגנאטאוו איז אפשר דער איינציקער, וועלכער האט געמאכט פאר זיין העלד דעם פשוטן אידן, דעם פאלקס־מענטש, בערל פראגער. ניט פון דעם בעל מופת האט איגנאטאוו אויפגעשטעלט די מיטאלאגישע געשטאלט פון זיין וואונדער מעשה, נאר פון דעם ארימען, גלויביקן אידן, וואס צוליב זיינע פשוטע דאגות פרנסה פארט ער פון לאנד צו לאנד. און אויף זיינע פילע נסיעות טרעפן אים א סך אזעלכע פאסירונגען, וואס פארוואנדלען זיין לעבן אין א געשיכטע פון נסים,— א איד, וואס דארף בענטשן גומל יעדן טאג אין וואך. וויפיל בטחון, וויפיל אפטימיזם עס שטראלט ארויס פון אט דעם שיינעם אידישן פאלקס־העלד, בערל פראגער! ער וואנדערט פון שטאט צו שטאט און איז שטענדיק אין געפאר. דער וועג אהיים איז א לאנגער און געפערליכער, אף שריט און טריט לויערן גזלנים, ריזן ווערן פארצוקט פאר זיינע אויגן

און ער אליין זעט נישט איין מאל דעם טויט פאר די אויגן און דאך פארלירט ער נישט די האפנונג, אז גאט וועט אים קומען צו הילף אין זיין נויט. מיט פעסטן גלויבן און שטארקן בטחון גייט ער זיין וועג. קיין זאך קאן אים ניט צוריקהאלטן צו קעמפן מיט מסירת נפש פאר דער גערעכטער זאך.

בערל פראגער איז דער סימבאל פון אייביקן נע־ונד־פאלק, וואס וואנדערט פון לאנד צו לאנד, פון שטאט צו שטאט, גערויבט און גע־שלאגן אף שריט און טריט אין זיין לאנגן גלות וועג און דאך פארלירט ער נישט די האפנונג, אז עס וועלן פארשווינדן די שווארצע וואלקנס פון זיין הימעל און עס וועט פאר אים ווידער אויפשיינען די זון.

דאס הארץ פון א קינד, זאגט ביעלינסקי, איז א ווייסער טאפל, אף וועלכן מ׳קען שרייבן, וואס מען וויל, און פאר קינדער זענען שיינע מעשה׳לעך די בעסטע גייסטיקע שפייז — זייער אייגן וועלטל — א גן־עדן פון זיסע חלומות. דאס האבן פארשטאנען אלע פעל־קער און געשאפן א גרויסע קינדער ליטעראטור פון פאנטאסטישע מעשה׳לעך. וואסערע שיינע דורות וואלטן מיר געקענט דערציען אף די וואונדער מעשות פון אלטן פראג, וועלכע זיינען פונקט אזוי שיין און באצויבערנדיק ווי קריעת ים סוף און אנדערע אומנאַ־טירלאכע דערשיינונגען, אבער מיר אידן האבן דאס פארנאכלע־סיקט, און ווען איגנאטאוו האט עס אויפגעלעבט, איז דאס, צום באדוי־ערן נישט געהעריק אפגעשאצט געווארן. אן שום צווייפל, אז אף מעשה׳־לעך איז איגנאטאוו א גרויסע קינסטלער און נישט קיין קלענערער איז ער אויך אין זיינע גרויסע ווערק.

III

איגנאטאוו׳ס, „אף ווייטע וועגן" איז דורכאוים א רעאליסטיש ווערק וואס שילדערט פאר אונדז ווירקלעכע טיפן. דיזאזיקע טיפן זענען געשיל־דערט געווארן אויך פון אנדערע שריפטשטעלער, אבער גאר אנדערש ווערן זיי בעהאנדלט פון איגנאטאוון, וואס שרעקט זיך נישט פארן דעת הקהל און טרעט אליין ארוים קעגן קהל מיט דער גאנצער קראפט פון זיין טאַ־לאנט און פעדער. ער גלויבט אין זיין שאפונג, ווי אין א מיסיע, צו וועלכע ער איז באשטימט פון דער השגחה עליונה, און דערפאר איז ער אזוי דרייסט אין זיין קאמף מיט די פינסטערע עלעמענטן, וואס קאנטראלירן דאס אידיש לעבן. ער נעמט אראפ דעם דיקן שלייער, אונטער וועלכן עס באהאלטן זיך מאנכע פון די מאדערנע צדיקים, סאציאליסטן, אנאר־כיסטן און אנדערע, און באווייזט זייער פאלשקייט און געמיינהייט.

איך בין געקומען רופן אייך
אף ווייטע וועגן,
נאר איר זייט הינקעדיקע,
הינקעדיק און קרום
איז וואס זשע בין איך שולדיג ?
און אפשר בין איך שולדיק —
בייג איך מיין קאפ פאר אייך
און זאג. —
איר זייט גערעכט
איר זייט גערעכט
ווייל איר זיינט הינקעדיק און קרום.
א טרייסט נאר איז פאראן
בא מיר פאר אייך אזא —

צו איר ווילט צו ניט
מיטגיין וועט איר ביסלאכווייז.
צאקי קרום אזוי און הינקענדיק.
מיט מיר אף ווייטע וועגן,
באגלייטער מיינע,
הינקעדיקע, קרומע,
איך בין מיר אף מיין מזל
ניט מקנא.
מיין מזל
צינדן ליכטיקייט פאר בלינדע
מיין מזל —
פירן אייך אזוינע
אף ווייטע וועגן.

דרייסט און שטאלץ, א שטרענגער אולטימאטום אהן קאמפראמיסן:
„צי איר ווילט צי ניט מיטגיין וועט איר ביסלעכווייז".

אזוי האבן גערעדט די נביאי האמת צו יענע הינקעדיקע און קרומע, וועלכע זיינען אראפ פון דרך הישר, און זיי גערופן צוריק צו די אידעאלן און מאראל פון בארג סיני.

מערקווירדיק דערביי איז דאס, וואס באם סאמע אנהויב דאכט זיך אייך, אז איגנאטאוו לויבט זיינע העלדן, האט הנאה פון זייערע ווילדע ארגיעס, באשיינט זייער לעבן; צדיקים, מענטש־אויסלייזער, אפשר איז זייער הפקרות אויך א מיטל פון אויסלייזונג ? — א תיקון פאר דעם קליין מענטשעלעס דערשלאגענעם גוף נעביך — זינדיקן זיי, הייסט עס, לשם מצוה וועגן — אבער ווי דורך א כשוף גיט איגנאטאוו מיטאמאל א קער אוים די העלדן פאר אונדז אזוי, אז מיר זעען זיי אין זייער גאנצער העסלאכקייט. ווי גאגאל אין זיין „רעוויזאר" האט אויפגעטרייסלט די רוסישע אינטעליגענץ מיט זיינע מאנומענטאלע טיפן ווי זעמליאנקא, ליאפקין־טיאפקין, באבטשינסקי און דאבטשינסקי, אזוי האט איגנאטאוו ארויסגערופן א שטורם מיט זיינע העלדן, ביי די לעבן געבליבענע רעשטן פון יענע עטלאכע; א שטורם פון פראטעסט מיט זיינע העלדן ווייל פארשטעלטע אונטער דער מאסקע און אונטער דער רעקלאמע פון וועלט־איבערקערער, זיינען די פיינמאנס, גאבריעל, דאקטאר מינדלין און אנדערע. דער אונטערשייד איז, וואס גאגאל'ס טיפן זיינען העסלאך און איגנאטאוו'ס העלדן זיינען עקלהאפט און שוידערלאך. גאגאל'ס טיפן לעבן אין טויט־שרעק, אז היינט־מארגן וועט מען זיי רופן צום יום־הדין און זיי וועלן באשטראפט ווערן פאר זייערע מעשים, און איגנאטאוו'ס העלדן זיינען דרייסט, חוצפהדיק און לאכן פון דער וועלט.

דאס איז ביז א געוויסן גראד האסטאיעווסקי'ס טיפן, פון וועלכע מען ווייסט נישט גאנץ קלאר, צו זיינען זיי נארמאל אדער משוגע.

מענטשן מיט אן „אייבער־מענטש'' מאראל, וואס איז געגען אלע געזעצן און מענטשלאכע פרינציפן, מענטשן, בא וועלכע יעדע באוועגונג איז א הימלשרייענדער פארברעד, זענען די טיפן פון ראמאן.

כאבארניקעס, גענגסטער און רעקעטירס זענען נישט קיין נייע ערשיינונג. זיי האבן עקזיסטירט אין אלע צייטן. זיי האבן אבער באנוצט זייער אייגענע גראבע שפראך, זיך נישט געקליידט אין שיינע פראזן און נית געפרעדיגט הויכע אידעאלן פון פרייהייט און גערעכטיקייט, פון גלייכהייט און ברידערלאכקייט. זיי זענען געווען מענטשן פאר זיך אליין און נישט געגאנגען ווייטער פון זייער אייגענעם שאטן. פון יענע האבן זיך מענטשן צוריקגעצויגן, אויסגעמידן זייער געזעלשאפט און נאך וועניקער געזוכט זייער חברשאפט.

אנדערש אבער זענען די טיפן פון „אף ווייטע וועגן''. זיי באגייען פארברעכן אין נאמען פון אידעאל, וועלכע זיי פרעדיגן מיט חוצפה. די קליינע נישטיקע מיקראבן קומען מיט פרעטענזיעס אף אינטע־ליגענץ און ווילן אויסבעסערן די וועלט און די מענטשהייט.

איגנאטאוו איז דער איינציקער אידישער קינסטלער, וועמען עס האט זיך איינגעגעבן אזוי גלענצענד צו שילדערן די קליינשטעטעלדיקע מענטשן, וועלכע זענען אריבערגעקומען קיין אמעריקע מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות, ווי ער באווייזט דאס דייטלאך מיט די העלדן פון „אף ווייטע וועגן''.

בא זיך אינדערהיים האבן זיי זיך ארומגעטראגן מיט פרייהייט אידייען אונטער דעם בייטש פון צאריזם; האט מען טאקע געקענט מיינען זיי זיינען מענטשן — קעמפער; דא, אין אמעריקע, אין א לאנד פון דעמאקראטיע, פון פרייען ווארט און פארזאמלונגען, האבן זיי זיך ארויסגעוויזן טיפשים און פוסטע פראזארן. אלעס, וואס זיי האבן געקענט, איז צו פארוואנדלען די פרייהייט אין הפקרות, ווייל דאס לעצטע איז לייכטער פון פרייהייט. אמת'ע פרייהייט דארף מען פארשטיין, פילן און שאצן, זי איז פאר דעם אמתן מענטשן, ווי לופט פאר די לונגען, אמתע פרייהייט דארף דערהויבן דעם מענטשן, אים אויסבעסערן, מאכן שיין, אבער ווען מען פארשטייט נישט דעם אמת'ן זין פון פרייהייט און פרייקייט ווילט זיך דאך, איז הפקרות אויך א שילד פאר .... פרייהייט.

די העלדן פון דעם ראמאן זענען פון די ערשטע רוסיש־אידישע און א פאר טאקי עכט־רוסישע פיאנערן, וועלכע זיינען א דאנק די פאג־ראמען און דער צאריסטישער רעאקציע פון די אכציקער יארן, אנגע־קומען קיין אמעריקע און זיך אפגעשטעלט אין ניו יארק. א נייע

וועלט, א ניי לאנד, א מיש־מאש פון פעלקער, שפראכן און טראדיציעס. א תהו ובהו, איינער פארשטייט ניט דעם צווייטן, קיינער ווייסט נישט, ווער איז ווער, אלעס פרעמד, אלעס אזוי מאדנע. עס איז נישט רוסלאנד, וואו אלע האבן גערעדט אף איין שפראך, נאר א דור הפלגה פון שפראכן און ניי פארשטיי, וואס זיי רעדן. אומעטיק און טרויעריג און נישטא וועמען צו דריקן די האנט. פול מיט בענקשאפט נאך דער אלטער היים טוליען זיי זיך איינער צום צווייטן, ווי די שעפעלעך אין א שטורם, און שווערן ווי די אידן אין בבל: אם אשכחך, מאטושקא ראסיא!

זייער בייגקשאפט נאך מאמע־רוסלאנד איז דאס עכטסטע און מענטשלאכסטע אין זיי. זיי זינגען אין אמעריקע רוסישע לידער און די „רוסישע” נשמה צוגייט זיך פון פרייד, ווען זייערע פרויען, אידישע פרויען, באוויזן זיך אין די רוסישע נאציאנאלע קאסטיומען און טאנצן א קאזאציקע, א טרעפאק, אדער א קאמארינסקי און ווי קען מען פארשטיין און אפילו מיטפילן זייער עקסטאז, ווען מען דערמאנט זיי דעם דניעפר אין פרילינג, ווען ער טראגט גראציעז און מאיעסטעטיש איבער פעלדער און וועלדער זיינע פולע וואסערן; די ברייטע וואלגא, וואו די באטראקעס זינגען לידער פון שוויים און בלוט; דעם שטילן דאן און די ליכטיקע אראגווא, וואו די גרוזינקעס שעפן וואסער מיט געזאנג.

דער עקסטאז דערגרייכט דעם קולמינאציאנס פונקט, ווען מען דערמאנט די סטעפעס פון אוקראינע, דעם בארימטן העלד קאטשובעי, וועלכער האט מיטן לעבן באצאלט פאר זיין מסירה אף דעם געטמאן מאזעפא. עס דערמאנט רוסלאנד — דאס „פאטערלאנד”, וועמענס בעסטע זין שמאכטן אין קייטן פאר דעם אידעאל און קאמף צו באפרייען די מענטשהייט פון שקלאפעריי.

IV

מאדנע באשעפענישן זענען די מענטשן, און ווער קען זיי פארשטיין? יעדער פאלק, יעדע נאציאן, יעדער מענטש א באזונדער וועלט פאר זיך אליין מיט איינגארטיקע באגריפן און אייגנארטיקער מאראל, און קיינער גייט נישט ווייטער פון זיין אייגענעם פארשטאנד. מענטשן בענקען, ליבן און באזינגען א „פאטערלאנד”, וואס האט זיי גרויזאם באהאנדלט. — אזוי זיינען מענטשן, און זאל זיי עס וואויל באקומען, אבער עפיס פון דעם שקלאף איז פארט דא אין דעם.

דאס איז א ספעציפישער כאראקטער־שטריך פון א שקלאף, וואס ער פילט זיך פארלארן אף דער פרייהייט. ער שטרעבט און קעמפט פאר דער פרייהייט; און גיט מען אים די פרייהייט, ווייסט ער ניט וואס צו טאן מיט איר. אזוי זיינען אויך געווען די אידן אין דער מדבר; זייערע

לונגען האבן ניט געקענט אטעמען מיט פרייער לופט, און זיי האבן גע־בענקט נאך דער אלטער היים, וואו יעדער שטיין, יעדער טריט ערד איז געוועז באגאסן מיט זייערע טרערן און בלוט.

וואלטן די אזוי גערופענע רעוואלוציאנערן אף זייערע פארוויילונגען ווירקלאך געארבעט פאר דער רעוואלוציע אין רוסלאנד, וואלט מען זיי געקענט מוחל זיין, זענען זיי אבער ניט פייאיק געוועזן פאר אזא אויפגאבע, און די פארוויילונגען לשם אידעאל פאר דער רעוואלוציע זענען באמת געוועזן נאר א מאסקע, נישט מער ווי צוליב א פיינעם רוסישן לחיים און טאקע אויפ'ן חשבון פון דער רעוואלוציע.

איגנאטאוו דערציילט, אז „נאך די היימישע הולאנקעס פלעגט מען זיך אפט אויפן צווייטן טאג אויפכאפן צווישן די ליידיקע פלעשער אויפן דיל, אויפן טיש, און אפט — אונטערן טיש."

אזוינע ווי זיי, זיינען אין די אכציקער יארן געוועזן פיל אין אמע־ריקע צווישן די אזוי גערופענע „פירער" און דער סטאדע געפירטע־פאר־פירטע. ניט האבנדיק די פייאיקייט צו פארשטיין און אויפנעמען די ווערטן פון לעבן ארום זיי, איז דאס איינציקע ממשות'דיקע, ווי איגנא־טאוו שרייבט, געוועזן זייערע אייגענע לייבער, האבן די ארגיעס און די „אייבער־מענטש־פילאזאפיעס" פון די גאבריעלס זיי צוגעצויגן און די באוועגונג איז געוואקסן ווי אויף הייוון.

ווייל „וואסערע אידייען קאן דאס דען א מענטש ניט בארעכטיקן, ווען ער קאן נאר ריידן און האט ווער עס זאל אים הערן, און באזיצט נאך דערצו אן איבערצייגנדיקן קלאנג אין זיין קול?"

איך האלט נישט, אז עס איז אן ענטשולדיקונג פאר זיי, אז מער ווי זייערע לייבער האבן זיי גאר ניט פארמאגט; איך האלט, וואס העכער עס איז אן אידעאל, אלץ ריינער דארף זיין די אויפפירונג פון די גלויביקע אין אידעאל; און אויב זיי האבן מער ווי זייערע לייבער ניט פארמאגט, האבן זיי א חוץ די לייבער געהאט געגוג, וואס מקריב צו זיין, כדי צו שפייזן זייער גלויבן, און זיכער זיינען געוועזן קרבנות מצד די ערלעך אנגעגעבענע און אויפריכטיקע נאכפאלגער. אבער די אלע קרבנות זיינען צונישט געמאכט געווארן דורך דער צעיושעטער תאוה פון די פירער.

איך בין איבערצייגט, אז אט די לייב הפקרות האט פארמיאוסט דעם סאצי־אליסטישן אידעאל אין די אויגן פון פשוטן פאלק. און וויפיל די באוועגונג איז ניט געוואקסן ארום די פירער און דעם קרייז געפירטע־פארפירטע, צום פשוטן הארעפאשנעם פאלק האט זי זיך ניט צוגעקלעבט. דאס פאלק האט זיך צוגעקוקט און זיך אפגעקערט און איך גיב אים גערעכט.

די פיאנערן האבן פאזיטיוו געשעדיקט דעם סאציאליסטישן אידעאל און עס האבן געדארפט קומען אנדערע זיי צו פארבייטן. און ווער ווייס

צו לײדם נאָך איצט נים די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צוליב די חטאים פון די פּיאָנערן? א געוויסע פאַרגרעבטקייט אין דעם קוק פון די איצ־טיקע פירער אויף אַלע אידעלע ענינים פון גײסט שטאַמט אפשר נאָך פון יענער צייט. מעג מען נאָך איצט צאַרענען אויף די פּיאָנערן.

די גרעסטע צוציהונגס־קראַפט זײנען נאַטירלאַך געווען די פרויען. יעדע פון זיי א כזבי בת צור, וואָס אָפּפערט איר קערפּער פאַר דער רעוואָ־לוציע: „כל דכפין ייתי ויכול, כל דצריך ייתי ויפסח"—יעדער אָן אונ־טערשייד קען גענים.... עס איז דאָ גענוג פאַר זיך און פאַר אַנדערע. מעג יענער זאָגאַר זיין אַ חזיר און זאָל אַ חזיר אויך הנאה האָבן, און זיי זײנען איבערגעגעבן די מענער מיט.... ליב און לעבן. — איך רייד פאָלקס שפּראַך, ווייל איך טייל דעם שטאַנדפּונקט פון פאָלק אין פאַרדאַ־מונג פון הפקרות און ריידנדיק ווייטער אין גייסט פון פאָלק, זאָג איך: אַ שיינע פרוי איז אַ גן־עדן פאַרן אויג, אַ גיהנום פאַר דער נשמה און אַן אומגליק פאַר דער קעשענע. אין אַלע פאַלן האָט דער מוח די איבערמאַכט, ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן אַ פרוי, ווערט דאָס אויג זייגן איבערן פאַרשטאַנד. זי ווערט אויסגענוצט אין אַ צייט פון אַ מלחמה און מיט איר שיינעם קערפּער וועט זי שנעלער צושטערן אַ פעסטונג ווי די שווערסטע קאַנאָנען, און ווען אַזעלכע פרויען גיבן זיך איבער פרייוויליג צו.. דער רעוואָלוציע, איז דער דערפאָלג געזיכערט—זי וועט חרוב מאַכן די רע־וואָלוציע.

די ערשטע און אָנגעזעענסטע פרוי, וואָס וואַרפט איר קערפּער פאַר דער רעוואָלוציע, איז די מאַדאַם פיינמאַן — אַ געזעצלאַכע פרוי פון אַ דרדקי מלמד פון מוזיק, אָבער פאַר דער וועלט אַ פּראָפעסאָר, וואָס באַרעכטיקט אים אין זײנע אײגענע אויגן אַף אינטעליגענץ. זי שפּילט אין דער גרופּע די זעלבע ראָלע, וואָס אַ ציגיינער־קעניגין אין איר טאַבאָר. שיין, אינטעליגענט, מיט פיינע מאַנערן און אַ שמייכל אַף די ליפּן, אַ זינגערין און דעקלאַמאַטאָריז און, נאָך מער, פּאַרמאָגט אַ קערפּער, וואָס שטייגט איבער אַלע אירע מעלות, ווערט זי געקרוינט אַלס די ערשטע לײדי און איר וואָרט איז אַ געזעץ. זי עסט און גיט אויך אַנדערע פון עץ הדעת, און דאָס איז באַ איר נישט מער, ווי גאַסטפרײנדשאַפט און פריינדלאַכקייט. האָבן דען די אַלטע גריכן אַליין נישט מכבד געווען אַ גאַסט מיט זײערע פרויען אויס גאַסט פריינטשאַפט און פריינטלאַכקייט? — אויב אַ פרוי, וואָס אָפּפערט איר קערפּער פאַר דער מענטשהייט, איז אין יאַפּאַן געשעצט און געאַכטעט און באַשיינט זאָגאַר מיט זיך די גאָטעס דינסטן, מעג דאָך די מאַדאַם פיינמאַן אויך זיין געשעצט און געאַכטעט פאַר איר קערפּער, וואָס זי האָט מקריב געווען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. און ווער איבערהויפּט האָט

א רעכט צו זאגן איבער א קערפער, וואס באלאנגט צו איר אליין? סיי ווי וועט דער קערפער שפעטער ליגן אין דער ערד. זאל ער כאטש געהעריק אויסגענוצט ווערן ביים לעבן, — און זי ווערט טאקע כמעט א קהל׳שער אתרוג.

מיסטער פיינמאן ליבט זיין פרוי און בארעכטיגט איר האנדלונג. זאל איר זיין צוגעזונט, אויב דאס שאפט איר פארגעניגן. ער האט זיך זיין בליק אויפן לעבן: די נאטור זינדיקט זייער אפט קעגן מענטשן און דער מענטש מעג אויך אמאל זינדיקן קעגן דער נאטור. און ווער איז שולדיק אויב נישט די נאטור אליין, וואס האט זי באשאפן מיט אזוי פיל טעמפעראמענט און ענערגיע. און איז דען נישט דער גרעסטער כבוד פאר אים אליין, וואס אלע זוכן די „פריינדשאפט" פון זיין פרוי און איז דאס דען נישט דער בעסטער באווייז, אז זי איז די שענסטע און די בעסטע אין דער באוועגונג?

צוליב דער רעוואלוציע איז די מאדאם פיינמאן שטענדיק אקופירט פון אנדערע מענער און דער אייגענער מאן מוז גיין „בין הזמנים" צו אנדערע פרויען, וועלכע זענען אויך רעוואלוציאנעריש געשטימט, ווי די מאדאם פיינמאן, און גרייט צו העלפן א חבר אדער פריינט אין א „נויט." — איגנאטאוו שרייבט וועגן דעם אזוי:

„פיינמאן אליין פלעגט נאך דוקא דעמאלט, ווי אן אמת׳ער העלד און ריטער, אפהיטן, אז זיין פאניא׳ן זאל חלילה קיין בייז ניט געשען. און טאמער האט זיך געמאכט, אז פיינמאן האט זיך איינמאל נאך א „הוליאנקע" אויפגעכאפט אינדערפרי מיט דער נאך־גאר־יונגער, האלב־נאקעטער מים פינק אין זיינע ארעמס, האט ער זיך פון דעם דערפילט אזוי שולדיק קעגן זיין פאניטשקען, אז ער האט איר מער ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אריין, און האט נאך דעם אפילו פארלאזן דאס הויז אף עטלאכע וואכן.

אמת, פיינמאן האט טאקע דידאזיקע עטלאכע וואכן געוואוינט מיט דער מים פינק, אבער דאס איז דאך געוועזן דערפאר, וואס ער האט זיך שוין פשוט ניט געהאט וואו אהינצוטאן, און דערצו האט ער זיך געהאט בארעכנט, אז פאר פאניעטשקען איז דאס אפשר אויך בעסער. ווארים גאבריעל איז בכלל ניט געוועזן געוואוינט צו זיין אזוי לאנג אנגעבונדן אן איין פרוי און די יונגע מים פינק האט גענומען ווערן א געפאר פאר זיין פאניעס גליק."

דער געדאנק וועגן עקספלואטאציע פון קערפער איז שוין לאנג רייף געווען בא דער גרופע. עס האט נאר געפעלט דער מענטש, וואס זאל דעם געדאנק אידעאליזירן און אים געבן די אויטאריטעטע אנערקענונג. בהמות, זאגט שילער, דארפן אויך האבן א קאפ, וואס זאל זיי פירן.

און דא קומט ווי א דערלייזער גאבריעל און גיט זיי ארויס א טשארטער פון „לא תבושו ולא תכלמו". אלעס פריי און עפנטלאך. ער האט זיך זיין פילאזאפיע, וואס אפעלירט צום הארץ און מוח: די נאטור איז פריי און דער מענטש אלס א טייל פון דער נאטור, מוז אויך זיין פריי. מענטשן קענען נישט גיין קעגן דער נאטור און די נאטור קען נישט גיין קעגן מענטשן. די אלטע וועלט מיט אלע אירע אמתן איז פאלש. ס'גייט און עס מוז קומען א נייע וועלט, וואס וועט צעשמעטערן די אלטע באגריפן, א וועלט, וואס טראגט מיט זיך נייע אידעאלן, א וועלט פון אבסאלוטער פרייהייט און צום אלעם ערשטן ממילא פרייהייט פון קערפער.

„פאר דער אידיאטישער מענטשהייט, האט גע'טענה'ט גאבריעל, איז געגעבן געווארן נאר איין גוטע זאך: דער פלאדן — וויין, ווייב און געזאנג, און אזוי ווי אין יעדער פלאדן איז דאס מיטלסטע דאס באַטעמסטע, אזוי אויך איז מיטן וועלט פלאדן". פאר די נייע לוחות ווערט ער געקרוינט אלס כהן גדול פון א זנות רעליגיע; ער פירט איין א קולט פון ווילדע אחגיעס, אלס סטימולאנטן פאר דער באוועגונג.

און מיר זעען פאר זיך א כאראקטערלאזן מענטשן מיט א וואולגאַרישער שפראך, וועמעס גאנצע פילאזאפיע איז באזירט אף דעם איינציקן געדאנק: פרייהייט פון געשלעכט. — דאס מיטלסטע פון פלאדן. — א מענטש, וועלכער גייט קעגן אלע געזעצן פון מאראל און עטיק, פאר וועמען אלץ איז פריי, אלץ איז הפקר.

ער באזיצט אפילו נישט די אייגנשאפטן פון א חיה. און ווען זיין אייגענער געזעצלאכער זון מאנט ביי אים פאטער־ליבע, לאכט ער און באליידיקט אים מיט די שענדלאכסטע ווערטער: ער האט געהאט באציאונגען מיט זיין מוטער צוליב אייגענעם פארגעניגן און נישט צוליב קינדער. וויפיל פרויען האט ער געהאט און וויפיל קינדער וואלטן געקענט פאדערן פון אים פאטער ליבע, ווען ער זאל זיך רעכענען מיט אזעלכע נארישקייטן? דער געשפרעד צווישן פאטער און זון קומט פאר אין געגנווארט פון זיין געליבטער מים פינק, וועלכע האט אויך פיל אויפגעטאן מיט איר קערפער פאר דער רוסישער רעוואלוציע. גאבריעל פארלירט נישט אין אירע אויגן פאר אזא ברוטאלע האנדלונג. ער פארלירט אויך ניט אין די אויגן פון מאדאם פיינמאן, וואס געפינט זיך אין הויז ביי דער באגעגעניש פון פאטער און זון און אויך ניט ביי זיין נייסטער געליבטער, זינא, די „באפטיצירטע" טאכטער פון דעם צעטומלטן סאציאליסטישן רעדאקטאר פרענקל. איר טאטע אליין ווייסט און פריידיקט, אז עס גייט דאך איצט א נייע וועלט מיט נייע אידעאלן

און מאראל. נישטא קיין געצוואונגענע זאכן. פרייהייט, און זאל לעבן די פרייהייט!

נאר אונטן, פארן הויז, זיצט זיך דער „פראפעסאר" פיינמאן. ער האט נאר וואס באגעגנט דעם ארויסגעלאפענעם, אויפגערעגטן זון פון גאבריעל. ער האט נאר וואס געהערט ווי יענער האט אים מיט אויפגעטרייסלטן, יוגנטלאכן כעס געזאגט, אז דארט, אויבן אין הויז, געפינט זיך זיין פאטער מיט עטלאכע גאסן־פרויען. זיצט ער זיך אזוי מיט זיין גרויסן פראפעסארישן שטעקן אין האנט, און טראכט:

„אין פיינמאנעס פלעגן בארעדעווודיק און שטיל אויפגיין מאדנע געדאנקען פון ציט צו צייט. פיינמאן האט גענומען טראכטן, אז די געדאנקען פאסן צו זיין פראפעסארישקייט. ארויסריידן די געדאנקען האט פיינמאן דאך קיינמאל ניט געקאנט, עפעס אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט, אז עס זאל פון זיי גארנישט ווערן, ווי נאר ער וועט זיך פרואוון עפענען דאס מויל. און ווי נאר דער בחור איז אוועק און אים דא איבערגעלאזן אויפן באנק, האט זיך אן אלטער געדאנק אזא, וואס פיינמאן האט שוין א פאר מאל פריער געטראכט, אבער קיינמאל ניט ארויסגערעדט, פאר א מינוט לאנגזאם ווידער א וויג געטאן אין זיין גרויסן, שווערן קאפ: מענשן מיינען, אז חתונה האבן מיינט געשלעכט. מענטשן ווילן ניט מיינען, אז פון יעדן מענטש גייט־אויף א ליכט אזא. אט־דאס ליכט איז — חתונה. דאס איז א באהעפטונג פון מענטשלאך ליכט מיט ליכט. ווען מענטשן זאלן עס וויסן, וואלט גאר קיין זינד אויף דער וועלט ניט געווען. און עס קאן פונדעסטוועגן זיין, אז ווען אט־דער בחור וואלט דא אין הויז געטראפן גאבריעל'ס ווייב, און ניט זיין לעצטע, וועד וויסט די וויפילסטע געליבטע, וואלט אים גארניט איינגעפאלן, אז דאס זיינען אזוינע פרויען, ווי ער מיינט, ווייל א ליכט אזא וואלט פון דעם אויפגעגאנגען אין הויז און וואלט גערייניקט אלעמען אין הויז, א ליכט אזא גייט אויף פון מענטשן. מענטשן וואלטן גע־דארפט האבן אזא אפאראט צו קאנען פאטאגראפירן אט דאס ליכט. אט דאס אמתע ליכט, וואס גייט אויף פון זיין פאניא'ן. אט דאס ליכט איז נאר אירס און זיינס, ווייל מיט אט דעם ליכט האט זי חתונה געהאט. דאס איז אזא ליכט, מיט וועלכן מען פאר'קנס'ט זיך צום מאן, צום באשערטן. און מענטשן וויסן דאס נישט. און ווען מען זאגט זיי דאס, וואלטן זיי... געלאכט, אויסגעלאכט...

נאריש... פלוצלונג גיט עס אבער פיינמאנען א שלאג אין קאפ:

האט דער בחור מיט אט דעם ווארט טאקע געמיינט אלע פרויען, וואס ער האט דארט אויבן געזען?... און איז דארט גערטרוד איצט אויך דא?

אַט דער לעצטער געדאַנק האָט פּיינמאַנען אויפגעהויבן פון באַנק: מען דאַרף אומיסטן אַרויסגיין און זען."

ווי עס זעט אויס, האָט פּיינמאַן, ניט אַכטנדיק אויף זיינע קאָמפּראָמיסן צוליב זיין ווייב און צוליב רעוואָלוציע, גאָר אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג פאַר זיך אַליין וועגן געשלעכט און וועגן חתונה. ער האָט זיך זיינע אייגענע שטומע מיינונגען וועגן דעם ליכט, וואָס גייט אויף אין מענטשן. ער איז אין דעם פאַל כמעט אַ שטומער בערמאַן — דעם גייעם סאָציאַליסט, וואָס איגנאַטאָוו האָט אַרויסגעשיקט קעגן די „פּיאָנערן". און אויף זיין טאָכטער, זעט איר, טאָר קיין שום חשד ניט פאַלן.

V

איגנאַטאָוו האָט בערמאַנען געשאַפן אַזוי, אַז ער פאַרקערפּערט אין זיך ביז אַ געוויסן גראַד, ניט נאָר פּיינמאַנס שטומע רעגונגען, — נאָר כמעט עפּעס פון אַלע העלדן פון דעם ווערק. זיי קריגן אַף אַ געוויסן אופן אַ תיקון אין דעם לעבן און אין די האַנדלונגען פון בערמאַנען. איבער דעם געשעט, אַז יעדערער פון די העלדן, ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין צווישן זיך, געפינען נאָכדעם אין בערמאַנען אַ פאַרטזעצונג פון זיך. זיי געפעלט דאָס גראַד. בערמאַן, ווידער, ליידט פון דעם, וואָס אַט די חברה וויל דווקא זען אין אים זייער גייסטיקן יורש. אַפילו זיין ביטערער „באָס" בערנשטיין טראָגט אים אונטער אַט דעם קאָמפּלימענט.

גאַבריעל איז אויפן חשבון פון דער רעוואָלוציע געפאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן אָפּערע און ער קומט צוריק אַ חזיר שבחזיר — אַ באַרימטער אָפּערע זינגער, וואָס וואַגט נישט אַרויסצוטרעטן עפענטלאַך צוליב בינע־פיבער, אָדער טאָקע צוליב דעם, וואָס זיין זון האָט אים צוגעזאָגט אַראָפּצושלעפּן פון דער בינע און אים געבן קלעפּ. די אָפּעראַ אין נישט די מאַדאַם פּיינמאַן און נישט די מיס פּינק, און אַז אַריע פון אַן אָפּעראַ איז נישט קיין פלאַדן, אָבער פאַר זיין קרייז איז ער דאָס, וואָס ער איז נישט — דאָס הייסט: אַן אָפּעראַ זינגער, און אַ כלל טוער, ווייל ער האָט דאָס געשאַפן דעם אַלימפּ פון דעמאָראַליזאַציע אין אונטערלאַבע ווילדע אָרגיעס פון ווין און ווייב. פאַר דער באַוועגונג איז די אַלימפּיאַדע אַ נוצלאָבע אָרגאַניזאַציע, וואָס שאַפט געלט פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און יוניעס פאַר די אַרבעטער אין אַמעריקע.

דער לעזער שטוינט און קען בשום אופן נישט פאַרשטיין, ווי גאַבריעל דער לומפּ און אויסוואָורף פון דער נאַטור איז געוואָרן דער פאַרשטייער פון אַ גרופּע, וואָס רעדט פאַרן סאָציאַליזם. אָבער איגנאַטאָוו ענטפערט ווי ביעלינסקי: „דאָרט, וואו עס איז נישטאָ קיין מענטשן, איז פּאָמאַ אויך אַן אַדעלמאַן".

מעגן זיי זיך רופן סאָציאַליסטן, אָדער אַפילו זיין סאָציאַליסטן, אָבער אין פּרט פון מאָראַל איז עס אַ גרופּע פון דעגענעראַטן און חוצפּה־ניקעס, איינער ערגער פון צווייטן, יעדער אַ פאַרברעכער אויף זיין אייגענאַרטיקן שטייגער, מעג גאַבריעל זיין דער אָנפירער. אַ רויבער באַנדע וועט שטענדיק ערווילן אַלס אָנפירער דעם, וואָס באַזיצט מער געוואַגטקייט, דרייסטקייט און חוצפּה. גאַבריעל האָט היינטער זיך אַ גאַנץ פיינעם רעקאָרד אַלס עקספּראָפּריאַטאָר און אין די היינזיכטן קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

מער אינטערעסאַנט איז דאָקטאָר מינדלין, אַ מאָדנע באַשעפעניש אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן. פאַר אים איז דער וועלט פלאַדן נישט קיין נייע טעאָריע, נאָר אַ ניי וואָרט און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, ווער עס האָט מער עקספּלאָאַטירט די מאַדאַם פיינמאַן און אַנדערע פאַר דער רעוואָלוציע.

ער באַגייט אַלע געמיינהייטן שטיל, פיין, איידל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ אינטעליגענט. גאַבריעל באַזיצט אַ גראָבע, וואולגאַרישע שפּראַך און פּרעדיקט אָפן און פריי זיין פּראָגראַם, מינדלין איז אַ פאַרבאָרגענער היפּאָקריט. ער באַנוצט אַן איידעלע שפּראַך און יעדער געמיינהייט, וואָס ער באַגייט, גיט ער צו אַ אידעאַליסטישע באַדייטונג און ווערט נאָך אַ צדיק.

היינט הייסט עס, אַז ער איז איבערגעגעבן דער באַוועגונג בלב ונפש און נאָך מער די אָרעמע אַרבעטער; ער רעדט וועגן זיינע פליכטן צו זיי, און אַז ער איז גרייט פאַר זיי אויף אַלע קרבנות. און דאָ ברענגט אייגנאַטאָוו קינסטלעריש אַרויס די טאָפּלטע צביעות פון די חוצפּהניקעס, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר גאָט די נשמה שולדיקע.

גאָלד פּרובט מען מיט פייער, אַ פרוי פּרובט מען מיט גאָלד און אַ מאַן פּרובט מען מיט אַ פרוי, און ווען געפּרובט מיט אַ פרוי, שטעלט זיך דער איידעלער דר. מונדלין אַרויס נאָך געמיינער פון גאַבריעלן. ער רעדט צו זיי צאַרט־פּאַעטיש, ער גלעט און לאַסטשעט זיי מיט פאַרשמאַכט־פאַרחלשטע בליקן. ער טוט זיי אויס נאַקעט און נעמט זיי מיט די אויגן, איידער ער האָט זיי באַקומען. ער גיט יעדער צו פילן, אַז ער איז געפאַנגען פון איר חן און רייץ. ער איז באַזיגט. אַ צעזאַר, אַ מאַרק אַנטאָני, און זי קלעאָפּאַטרא, וואָס באַזיגט זיי ביידן, האָט ער זיי אַלע איבערגעהאַט, נאָך איידער גאַבריעל האָט זיי געהאַט. זיין לעצטע געליבטע מים פינק איז ער משלה אין נאָמען פון דער הייליקער ליבע — ווייבאַלד אויס ליבע, טאָר ער דאָך ניט צו איר קערפּער מער זיך צורירן. געהערט האָט ער וועגן דער הייליקער ליבע, וואָס טאָר ניט פאַרשוועכט ווערן, און געטראַכט האָט ער וועגן אַ מויד מיט גרויס נדן,

נאָך וועלכע ער האָט זיך געקוואָפּעט. אַריינגעקראָגן די מויד מיט נדן, ווערט ער דער פילאַנטראָפּ און דער קאַסירער פון דער באַוועגונג — און זיין פּאָזיציע ווערט נאָך מער געהויבן.

און אַזוי אַ דאַנק דעם שיינעם געשלעכט, איז מינדלין אויך אַ רעוואָלוציאָנער און אַ כלל טוער. אַ דאַנק די אַרבעטער האָט ער שטודירט אַלס דאָקטאָר און „אייביק וועט ער עס נישט פאַרגעסן". אָבער פון די זעלבע אָרימע אַרבעטער, וואָס ער האָט אַזוי ליב, פאָדערט ער נאָך אין יענע צייטן דריי דאָלאַר פאַר אַ וויזיט. מעג דער אַרבעטער אָדער זיין קינד שטאַרבן אויפן אָרט, וועט ער נישט אַראָפּלאָזן פון זיין פּרייז. „ווער עס האָט נישט קיין דריי דאָלאַר, דאַרף נישט גיין צו קיין דאָקטאָר" — ענטפערט ער קאַלטבלוטיק, ס'איז בא אים אַ רעוואָלוציאָנער פּרינציפּ ניט צו היילן אומזיסט.

אין זיין פאַך איז ער אפשר נישט דער איינציקער, וואָס איז מטיב און שטום צו מענטשנס לײַדן און פּיין. דער עיקר איז וואָס אַזאַ פאַרשוין איז אַ רעוואָלוציאָנער טוער, און מער וואונדער, וואָס פאַר אַזאַ באַרבאַרישע האַנדלונג באַקומט ער נאָך גרויס אָנערקענונג, ווייל מען טײַטשט אויס דעם פּסוק ווי עס לויטעט, און פאַר זיי לויטעט אויסטײַטשן דעם פּסוק אַזוי, אַז וואָס ערגער עס וועט זיין דעם אַרבעטער, אַלץ בעסער פאַר דער רעוואָלוציע.

דער לעזער וועט אפשר אַזוי גיך ניט כאַפּן איגנאַטאָווס ביטערן שפּאַס, ער איז באַגײַסטערט פון איגנאַטאָוו'ס שפּראַך, מעגן זיינע העלדן זיין פאַרברעכער, באַנוצט ער אויך צו זיי די שפּראַך פון אַ ליריקער. דער לעזער ווערט אויך פאַרכאַפּט פון די פּראַכטיקע בילדער, וואָס לויפן און שווינדלען פאַר די אויגן און בייטן זיך בליץ שנעל איינע נאָך דער צווייטער. ערשט ווען דער לעזער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם, באַמערקט ער, אַז דר. מינהלין שטייט אַ פאַרדאַמטער פון איגנאַטאָוו'ן מיט זיין צוויפּנימדיקייט אין פּרינציפּן־דרייטער; נישט פאַרטיק מיט דאָקטאָר מינהלין און נייע העלדן באַווייזן זיך: בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש — צוויי פאַרטנערס אין ביזנעס און ביידע דורכגעטריבענע יונגען, געשילדערט שאַרף און ניט ווייניקער אינטערעסאַנט, ווי די גאַבריעלס און מינהלינס. ביידע געוועזענע אַרבעטער און, קלאַמפּערשטע, סאָציאַליסטן מיט אַ פּראָגראַם פון יוניעס און קללות אַף די באָסעס. ווען זיי האָבן געאַרבעט, זיינען זיי געווען פּיערדיקע יוניאָן־אָינכפּיראַטאָרס און אַף וואָס די וועלט שטייט געזידלט זייערע באָסעס אַלס בלוטזויגערישע קאַפּיטאַליסטן. מיט דער צייט אָבער זיינען די צוויי „געפּערלאַכע" סאָציאַליסטן אַליין געוואָרן פאַסקודנע קאַפּיטאַליסטן, און טאַקע אַן געגנבֿפיסלעך, מיטן גאַנצן קלאַפּערהעציגן: מיט אַנשטעלן סטרייקברעכער און

געננסטער, מיט שפאַלטן קעפ די אמת'ע אַרבעטער, וואָס קעמפן פאַר א יוגיאַן אין זייערע אייגענע ישעפער, אָבער, כסף וזהב מטהר ממזרים. און ווען מענטשן בוקן זיך פאַר א פערה, וואָס שלעפט א וואָגן מיט גאָלד זיינען בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש אויך „מענטשן". און זייער פינף־און־צוואַנציקער פאַר דער „באַוועגונג" באַרעכטיקט זייערע גער מיינע טאַטן. זיי האָבן דאָך געווים געהאַט א רעכט אויסצוטייטשן דעם פסוק: „וואָס מער דריקן דעם אַרבעטער, אַלץ בעסער פאַר דער רעוואָ־לוציע".

עס איז באַוואוסט און פעסטגעשטעלט, אַז געוועזענע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן קאַפּיטאַליסטן, דריקן דעם אַרבעטער מער ווי אַנדערע, און עס וואָלט נישט פאַרדראָסן אויף די קאַלמאַנאָוויטשעס, וואָס טוען דאָס זעלבע. זיי זענען אָבער אַן אויסנאַם מיט זייער חוצפה. באַ זיך אין שאַפּ שטיקן זיי און דריקן דעם אַרבעטער און זויפן זיין בלוט ווי וואַמפּירן, און פאַר דער אויסערלאַכער וועלט זענען זיי געבליבן די זעלביקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זיי זענען ווי די סאַמאַיעדן, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם קריסטלאַכן גלויבן מיט צוויי תפלות: איינע פאַר דעם אַלמעכטיקן גאָט „נום" און א צווייטע פאַרן טייוול, ער זאָל נישט טאָן קיין שלעכטס. און זייער טרעפלאַך כאַ־ראַקטעריזירט זיי איגנאַטאָוו אַלס משומדים מיט אַרבע כנפות און א מזוזה באַ דער טיר.

זייער געראָטן באַ איגנאַטאָוון איז דער זייער נישט געראָטענער פּרענקעל, א קאָמיש־טראַגישע פיגור, וואָס דינט אַלס ווערקצייג פאַר אַנדערע. ער באַזיצט אייניקע מעלות און איגנאַטאָוו וויל אים מאַכן פאַר א שטיקל מענטש, אָבער ער גליטשט זיך אים אויס פון אונטער זיינע הענט.

א מענטש בטבע גלויבט אין זיינע אייגענע כחות און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז קליגער פון אַנדערע, און ווען באַ אָנשטרענגונג פון כח און ענערגיע געלינגט אים א זאַך, איז ער נאָך מער אין דעם איבערצייגט. אַזעלכע מענטשן וועלן שטענדיק זיך אַדורכשלאָגן א וועג, וייל גלויבן איז קראַפט און גלויבן אין זיך אַליין איז דערפאָלג. אַזאַ גלויביקער איז איגנאַטאָוו'ס הויפּטהעלד בערמאַן.

עס זענען אָבער אויך פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן נישט אין די אייגענע כחות. זיי באַזיצן זאָגאַר פעאיקייט, איניציאַטיוו און ענערגיע, זיי האָבן אָבער נישט קיין צוטרוי צו זיך אַליין. און אויב זיי טוען עפּעס, איז גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַז א טאַלק, אַז א חשבון. אַזאַ מענטש איז פּרענקעל.

אַמאָל האָט ער געהאָלפן די קאַלמאַנאָוויטשעס און בערענשטיינס,

ווען זיי האָבן געפירט סטרייקס ביי זייערע באַסעס, און איצט העלפט פרענקל גאַנץ אונשולדיק דעם נייעם דור אַרבעטער צו פירן סטרייקס ביי די קאַלמאַנאָוויטשעס און בערענשטיינס און ווייסט אַליין ניט, ווער איז פּייוול און ווער איז זייוול. פאַר אים איז גאַבריעל דער גרעסטער אויטאָריטעט און וואָס יענער זאָל ניט זאָגן, זאָגט ער נאָך. מעג דאָס זיין די גרעסטע נאַרישקייט, די ערגסטע געמיינהייט, ווערט ער באַגייסטערט און שרייט: מה גדלו מעשיך, מאד עמקו מחשבותיך, פאַר אַ מויז איז די קאַץ די שטאַרקסטע חיה, פאַר פרענקלען איז גאַבריעל דער גרעסטער מענטש. ווען אַ פרוי באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז איר טאָכטער איז געפאַלן אַ קרבן פאַר דער רעוואָלוציע, ווידערהאָלט ער גאַבריעלס פילאָזאָפיע: „אַז מען האַקט האָלץ, פאַלן שפענער". יענע שרייט צו אים נעבעך אויס מיט בלוט פון איר האַרצן: „וואָס פאַר האָלץ, וואָסערע שפענער. איך רייד דאָך צו אייך ווען מיין טאָכטער, מיין אויג אין קאָפּ!"

אָבער דאָ אַרבעטן דאָך אין פרענקלס קאָפּ גאַבריעלס הילצערנע געדאַנקען. טו ווי אַזוי קען ער פאַרשטיין אַ מאַמע, וואָס פילט, אַז קינדער זיינען ניט קיין שפענער, נאָר דאָס אויג אין קאָפּ?

אין אַ באַוועגונג, וואו אַלעס „באַוועגט זיך" צוליב אַ רעוואָלוציע, וואָס פאָדערט קרבנות, איז נישטאָ קיין אויסנאַם. דעם ענטפער קען פרענקל אָבער ניט געבן זיך אַליין, ווען ער געפינט צווישן די שפענער זיין אייגענע טאָכטער. אָבער אַפילו אין דעם מאָמענט, איז ער נישט פעאיק צו טראַכטן, מער ווי אַ פאָטער, וועמען עס האָט געטראָפן אַן אומגליק, — דאָס האַרץ האָט דאָך, לויט איגנאַטאָוו'ן, איר אייגענעם חשבון פאַר גוטס און שלעכטס — טוט עס דערפאַר וויי. צו אים האָט איגנאַטאָוו נישט קיין טענות. יעדע שטאָט האָט זיך איר משוגענעם, און אין יעדער באַוועגונג איז פאַראַן איר אומשולדיקער נאַר. און איגנאַטאָוו באַהאַנדעלט אים מיט רחמנות און באַדויערן.

VI

אַניוטאַ האָט אייגנטלאַך אויפגעטאָן פאַר דער באַוועגונג נישט מער ווי אַנדערע פרויען. זי האָט אויך זיך גאַנץ וואַרים אָפּגערופן מיט איר קערפּער פאַר דער רעוואָלוציע, אָבער איר נאָמען קלינגט הויך און שטאָלץ צוליב איר שיינער פאַרגאַנגענהייט: זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ נישט געזעצלאַך קינד פון אַ רוסישן אָפיציר, וואָס איז דער גרעסטער יחוס און דער גרעסטער כבוד. און אַ טריף מזל האָט זי, די אַניוטאַ. ערשט געקומען קיין אַמעריקע און שוין ווידער אַריינגעפאַלן צו אַ רוסישן אָפיציר. נישט יעדער אידישע טאָכטער קען טרעפן אַזאַ גליק

און טאקע דערפאר זענען די „אידישע" טעכטער איר מקנא און פילן זיך גליקלאך אין איר געזעלשאפט. דאס איז א ספעציפישער שטריך פון די קליינע מיזעראבעלע באשעפענישן, וואס שטרעבן צו אסימילאציע, ליבן און בוקן זיך פאר אלעם, וואס שמעקט מיט פרעמדן גייסט, און איגנאטאוו שטעלט זיי ארויס פאר דער וועלט צו שאנד און שפאט.

באגייסטערט איז איגנאטאוו פון שליאפניקאוון, וועלכן ער כאראקטעריזירט אלס ריז, אלס איינעם פון יענע ליכטיקע גייסטער, וועלכע ווערן באזונגען אין באלאדעס. און מיר זעען ווירקלאך פאר זיך א מערקווירדיקע פערזענלאכקייט: א מענטש מיט הארץ, וואס פילט דעם צער און וויטאק פון גערויבטע און דערניידערטע. א מענטש, וועלכער אנערקענט ניט קיין פערזענלאכן „איך", ווייל דאס איז עגאאיזם, ער אנערקענט נישט קיין פערזענלאכע רייכטום, ווייל דאס איז רויב, נישטא קיין פריווילעגיעס אין דער נאטור. אלע מענטשן שטאמען פון איין פראטאפלאזמע, אלע באלאנגען צו איין מין, פאר אלע אן אונטערשייד, שיינט די זון און יעדער מענטש האט די זעלבע רעכט אף לעבן און פרייהייט. פאר די געפערלאכע געדאנקען ווערט ער בארויבט אליין פון זיין פרייהייט און רייכטום און פארשיקט קיין סיביר. עס גelingt אים צו אנטלויפן און קומען קיין אמעריקע. אבער אויך דא איז שליאפניקאוו דער זעלבער דענקער, דער זעלבער אידעאליסט. צו זיינע זעלטענע מעלות זאל ער באזיצן ענערגיע, וואלט ער געווען א צווייטער הערצען, אדער באקונין. גראדע די מעלה פעלט אים. עס פעלט אים דער אינערלאכער ברען, די פעאיקייט צו באגייסטערן אנדערע, אנצינדן אין זיי א פייער, מאכן זיי צו גלויבן אין דעם, אין וואס ער אליין גלויבט, קעמפן און רופן אנדערע צום קאמף. אין דער גרופע איז ער געשעצט און געאכטעט, אבער נישט צוליב זיינע מעלות, נאר צוליב זיין נאמען. א קריסט פון רוסישן אדעל. דאס אליין איז שוין גענוג, אז אלע זאלן פאר אים פאלן בורעים און לעקן דעם שטויב פון זיינע פיס. שליאפניקאוו קען אויך מאכן א לחיים און אפשר א גרעסערן לחיים ווי אנדערע. א קריסט קען טרינקען און אז אפיציר דארף טרינקען, טרינקט ער טאקע פאר צוויי, אבער ער וועט קיינמאל נישט פארלירן דעם קאפ. פון א אידישער טאכטער וועט ער זיך געוויס נישט ענטזאגן, ער וועט אבער קיינמאל נישט באנוצן די וואולגארע שפראך פון גאבריעלן. פאעזיע און מוזיק איז זיין פארגעניגן. און ער פארברענגט זיין פרייע צייט אין דעקלאמירן און אין שפילן. און נאך מער אין תהילים, וואס שאפט אים דעם גרעסטן גייסטיקן פארגעניגן, אבער נישט די קאפיטלאך, אין וועלכע דער מענטש זוכט א טרייסט אין א צייט פון פארצווייפלונג, נאר אזעלכע, וועלכע רופן ארויס באגייסטערונג צו דער נאטור און לויב

גענאנג צו דעם באשעפער, וועלכער קאנטראלירט די געזעצן פון דער נאטור.

„מי יעלה בהר ד׳ ומי יקום במקום קדשו נקי כפיים ובר לבבי׳ . . .
ווער קען זיך דערהויבן צו דיינע הויכן, גאט ? !
דער בא וועמען די הענט זענען ריין, לויטער דאס הארץ
און נישט אונטערגעקויפט דער ליכטיקער געדאנק.

און ווען גאבריעל ווארפט אים אין פנים אריין, אז אויך אים, שליאפניקאוון, קאן מען חושד זיין אין „אונטערגעקויפטקייט,” ווערט שליאפניקאוו אינגאנצן אפהענטיק, ווייל — — —

ווער קען זיין אזוי דרייסט און זאגן, אז זיינע הענט זיינען ריין ? ווער קען זיך ערלויבן צו זאגן, אז זיין הארץ איז לויטער ? ווער וועט וואגן צו זאגן, אז זיין ליכטיקער געדאנק איז נישט אונטערגעקויפט ? ניין, נישטא אזעלכע מענטשן. יעדער מענטש איז א פארברעכער, און ווי ערלאך דער מענטש זאל ניט זיין, איז עס נאר אין באצוג צו אנדערע, אבער פאר זיך אליין איז ער א זינדיקע באשעפעניש. אזוי פילאזאפירט שליאפניקאוו, וועלכער באשולדיקט זיך אליין אין זינד און ערקלערט זיך אלס א נישטיקע באשעפעניש אף דער ערד. ווען א מענטש פארגרייסט דעם קאפ צום הימל און זאגט: „איך בין אין דער נאטור אלעס” איז ער א גארנישט — קליין און נישטיק. ווען שליאפניקאוו זאגט : „איך בין אין דער נאטור גאר נישט”, איז ער גרויס.

ער באזעצט זיך אף ערד און פרעדיגט דעם געדאנק אויך אין דער גרופע—זיך אף ערד צו באזעצן. ער ווערט אבער באלד באקעמפט פון גאבריעלן. ער און גאבריעל — צוויי באזונדערע וועלטן, צוויי קאנ־טראסטן : שליאפניקאוו א דענקער, א פאעט און א מוזיקער. גאבריעל א דעגענעראט, א חוצפהניק און א ציניקער. פאר שליאפניקאוון איז די ערד א מוטער, וואס שפייזט די גאנצע וועלט, פאר גאבריעלן איז די גאנצע וועלט דאס מיטלסטע פון דעם פלאדן. אויב נישט קיין סאציאליזם פאר זיך, טענהט גאבריעל, א כפרה דער גאנצער סאציאליזם. איידער א סאציאליזם פאר די קינפטיקע דורות און אליין בלייבן א קבצן, וואס דאס איז צו שעלטן די, וואס לעבן א גוטן טאג, בעסער אליין לעבן א גוטן טאג, און זאל מען אים שעלטן. איידער שטרעבן צו פארניכטן דעם קאפיטאל — נישט מער ווי א פאנטאזיע און פלוידעריי פון קראנקע מוחות — איז שוין בעסער שטרעבן אליין ווערן קאפיטאליסטן. סאַ־ציאליזם איז דאך נישט מער ווי שנאה און קנאה; א שלאנג אן גיפט. צו וואס־זשע זיך טאריש מאכן ? צו וואס זיין א דאנקיכאט און זיך שלאגן מיט ווינטמילן ? דאס לעבן איז קורץ און דער מענטש וויל געניסן פון לעבן. א פיש זוכט וואו טיפער און דער מענטש וואו בעסער.

אזוי פילאזאפירט גאבריעל, און זיין פילאזאפיע אפעלירט מער צום „אידישן" הארץ און „מענטשלאכן" פארשטאנד. פון זיינע אידישע נאכשלעפער און נאכשלעפער אײדער צו שליאפניקאוון; מיט די אויבנדערמאנטע טיפן איז ווייט נישט אויסגעשעפט דער מענטשן־מאטעריאל פון דעם ווערק. זיי זיינען נאר די וויכטיקסטע, דער אזוי גערופענער גענעראל־שטאב, וואס ארבעט כלומרשט אוים פלענער פאר דער רעוואלוציע אין רוסלאנד און בויט געבלאפטע יוניאנס פאר די ארבעטער אין אמעריקע — יוניאנס, וואו בערנשטיין און קאלמאנאוויטש פארטיידיקן די אינטערעסן פון די ארבעטער, וועלכע זיי אליין שטיקן און דריקן מיט ברוטאלער קראפט, אבער פאר דער וועלט, דאד סאציאליסטן. די אויבנדערמאנטע טיפן זענען אויך דער סטעף פון „דאס ליכט" — א צייטונג וואס ווערט ארויסגעגעבן אויפן חשבון פון דער רעוואלוציע, און האט צווישן אנדערע פליכטן אויך די אויפגאבע צו בארעכטיקן און שטיצן אלעס, וואס איז קעגן דער אנגענומענער פאמיליען־מאראל. אף זיי האלט איגנאטאוו אן אויג און קאנטראלירט זייער יעדער באוועגונג. ווען די העלדן גרופירן זיך נאר ארום זייער אייגענעם קרייז און פרעדיקן זייער תורה שבעל פה אין דער „טשערטא אסידלאסטי", באהאנדלט זיי איגנאטאוו מיט רחמנות און באחוירען און באציהט זיך צו זיי ווי א פאטער צו שלעכטע קינדער, וועלכע זיינען אראפ פון ריכטיקן וועג. ער ווערט אבער ערנסט און שטרענג, ווען זיי גייען ארויס מיט א תורה שבכתב, עפנטלאך פאר דער וועלט, און ער דערקלערט זיי קריג.

VII

צומישט און צוטומלט ווערן מיט אמאל די העלדן, ווען אף דער סצענע באווייזט זיך אומגעריכט בערמאן אין דער ראלע פון אן אמתן רעוויזאר. אבער ער איז נים גאגאלס רעוויזאר. ער איז שוין גאר נים קיין כלעסטאקאוו. ערלאך און דרייסט, א אידעאליסט און קעמפער, פול מיט לעבן, פייער און ענערגיע, דערמאנט ער גיכער טורגענעווס באזאראוו, איינער אליין טרעט ער ארוים אין קאמף קעגן א גאנצע מחנה ארגאניזירטע חוצפהניקעס. די העלדן פון „אף ווייטע וועגן" זענען אויך נישט די טיפן פון גאגאל'ס „רעוויזאר", וועלכע גיבן זיך אונטער אן א ווידערשטאנד. זיי קומען באלד צו זיך און מאביליזירן געגן בערמאנען אלע זייערע כחות: די יוניעס, די פרעסע, — אלעס איז מיט זיי און פאר זיי. בערמאן ווערט געשלאגן אף אלע פראנטן. ער פאלט און דערהויבט זיך. דערהויבט זיך אף איין ארט און פאלט אף א צווייטן, אבער גיט נישט אויף דעם קאמף און וועט קעמפן ביז א פולשטענדיקן

זיג, ווייל ער איז דער אפּאָסטאָל פון גערעכטיקייט און אַבסאָלוטן אמת. און דער אמת מוז און וועט זיגן. בערמאַן ווייס נישט פון קאָמפּראָמיסן, מלחמה איז מלחמה. אמת, דער שונא איז שטאַרק און מעכטיק, אָבער פיזישע קראַפט ווערט אויסגעשעפּט, און בערמאַנס געווער איז גייסט, און גייסט קען מען נישט באַזיגן.

דער מענטשלאַכער מין דערגרייכט די מדרגה פון נביאה, ווען די בערגמאַנס און דערפאַר האָבן מיר צוטרוי צו זעם גייסטיקן ריז, וועל־כער האָט אײנער אַליין זיך פאַרמאָסטן אין א שווערן און ביטערן קאַמף געגן די, וואָס באַהערשן די וועלט דורך ליגן און געמיינהייט. בערמאַן לעבט נאָר ניט אין א וועלט, אין וועלכער פּאַראַזיטן באַרייכערן זיך אויפן חשבון פון אַנדערע, נאָר אין א צייט פון מאָראַלישע צעפאַלנקייט — א צייט ווען אַלע אידעאַלן, אַלע הייליקייטן, וועלכע זיינען געווען דער פונ־דאַמענט פון דער מענטשהייט און דער הייליקער בריק, איבער וועלכן עס איז געגאַנגען די ציוויליזאַציע פון פעלקער, ווערן פאַרשפּאָט און דערנידעריקט.

אין דער רוסישער ליטעראַטור זענען די בערמאַנס נישט קיין נייע דערשיינונג. שוין אין דער ערשטער העלפט פון ניינצעטן יאָרהונדערט, האָבן זיי שנעהגיש און מוטיק געקעמפט מיט דער רעאַקציע, ווי דער שוין אויבנדערמאָנטער באַזאַראָוו פון טורגעניעוו, טשאַצקי פון גריבאָיעדאָוו, זשאַדאָוו פון אָסטראָווסקי, וואָס שיסט מיט גיפטיקע פיילן אויף די יוסאָפס און ווישנעווסקים אלס כאַבאַרניקעס און פאַרקויפטע נשמות, און ווי די העלדן פון רוסישן לעבן, אָנאַראָוו, הערצן און באַקונין.

אַן אויסערגעוויינלאַכע דערשיינונג אָבער איז בערמאַן אין דער אידישער ליטעראַטור. דער ערשטער און דער איינציקער — נישט קיין באַזאַראָוו, וואָס באַטוגנט זיך בלויז מיט קריטיק, נאָר א באַקונין, וואָס רופט אַרויס א רעוואָלוציע. ער ווייסט, אַז זיין געגן שטראָם איז גע־פערלאַך, אָבער ער גייט, ווייל ער איז א נביא פון זיין צייט, ווייל דאָס איז זיין הייליקע פליכט, זיין מיסיע.

„איך בין מיר אַף מיין מזל נישט מקנא”, זאָגט בערמאַן־איגנאַטאָוו.

און ווי קען מען ווירקלאַך מקנא זיין איינעם, וואָס ווערט געשלאָגן און אויסגעלאַכט אַף שריט און טריט; אַבזאָגן אָבער פון זיין אמת וועט ער זיך נישט, און פאַר דעם אמת איז ער זאָגאַר גרייט, ווי סאָקראַטעס אויסטרינקען א בעכער גיפט.

„זיין אַנדערש ניט זיין”, דאָס איז בערמאַנס דעוויז. אָדער א שיינע, ליכטיקע וועלט, אָדער די וועלט זאָל אינגאַנצן אונטערגיין.

ווען דער קינפטיקער היסטאָריקער וועט אָפּווישן דעם שטויב פון דורות און פאַראוטיילן די גאַבריעלס, מינדלינס און פיינמאַנס, וועט ער

באגייסטערט ווערן פון דעם איינציקן אידעאליסט בערמאן, וועלכער האט געקעמפט פאר אמת, יושר און מאראל.

די איינציקע, וואס העלפט אים אינם קאמף איז די סימפאטישע גערטרוד, וועלכע דערמאנט סאפיע פון גריבאיעדאוו. גערטרוד'ס אלע האנדלונגען — דאס זיינען לעבעדיקע בלומען אין א קרוין געפלאכטן פאר בערמאנען, דאס איז א לעבעדיקער קראנץ, פון יענעם ריינעם ליכט, וואס איז דער הויפט מאטיוו אין אלע איגנאטאוו'ס שריפטן, דורך וועלכע ער באמיט זיך ארויסברייננגען דאס אמת'ע מענטשלאכע ליכט, דעם אמת'ן באַרוף פון דעם מענטשן־מין. דאס ליכט, דאס אמת'ע ליכט — וואס ער זוכט און שטרעבט דערצו. זי — די ליכטקיע גערטרוד — איז די איינציקע, וואס סימפאטיזירט ניט מיט דער גרופע, אריינגערעכנט איר אייגענע מאמע. זי איז אויך די איינציקע וואס האט מיט פאראכטונג פון זיך אפגעשטויסן דעם „אלמעכטיקן" גאבריעל, וועלכער געוועלטיקט איבער די פרויען ווי א סולטאן אין זיין הארעם, און מער וואונדער, וואס זי, גערטרוד איז די טאכטער פון... מאדאם פיינמאן, וועלכע האט אוועקגעגעבן איר קערפער פאר דער רעוואלוציע. זי און די מוטער — צוויי באזונדערע כאראקטערן, צוויי באזונדערע וועלטן. ווען בא דער מוטער איז גאבריעל דער עץ הדעת פון גן עדן, איז דער זעלביקער גאבריעל בא דער טאכטער — די שלאנג פון גן־עדן. זי האט אים פיינט, זי האסט אים. ער איז פאר איר אפשטויסנד און עקלהאפט. און זי איז זאגאר פייאיק זיך איינשניידן מיט א מעסער דאס לייב אף דעם ארט, וואו גאבריעל האט ארויפגעלעגט זיין האנט. זי פילט אינסטינקטיוו, אז עפעס איז דא נישט אין ארדנונג, אז זי בלאנדזשעט אין א טיפן פינסטערן וואלד. זי פילט אויך אינסטינקטיוו, אז ערגעץ איז פאראן א שענערע און ליכטיקע וועלט. וואו און ווער איז אבער דער, וואס וועט איר דערלאנגען די האנט און ארויספירן פון דעם פינצטערן וואלד? ווי א דערלייזער באווייזט זיך פאר איר דער אידעאליסט בערמאן, דער מענטש פון אמת און מאראל, דער טרוימער און קעמפער פאר א בעסערער און שענערער וועלט; פאר א בעסערע און שענערע צוקונפט. זי ליבט אים מיטן גאנצן פייער פון איר נשמה און העלפט אים אין קאמף.

VIII

שעקספיר האט זיך געוואלט דערקונדיקן, ווי ווייט עס איז אמת די אנגענומענע מיינונג, אז דער מענטש שטארבט מיט דעם זעלביקן כאראקטער, מיט וועלכן ער איז געבוירן, און האט אלס פראבע גענומען דעם גרויסן און שטאלצן דעספאט ליר, וועלכער גלויבט, אז ער איז דער איינציקער מענטש אף דער וועלט, און די איבעריקע זענען גלאט אזוי

באשעפעניש, וואס דארפן אים באדינען. ער שטעלט אים אוועק אונטער די קלעפּ פון שיקזאל, פייניקט אים פיזיש און גייסטיק אזוי לאנג, ביז ער ברעכט זיין כאראקטער און ער ווערט אן אנדער מענטש.

אינגנאטאוו האט אפנים געוואלט אויסגעפינען, ווי ווייט עס איז אמת, אז „דער עפּל פאלט נישט ווייט פון בוים", האט ער אוועקגעשטעלט גערטרוד'ן אונטער א שווערן נסיון און באוויזן, אז דער עפּל קאן פאלן ווייט, זייער ווייט פון בוים.

און אינגנאטאוו שילדערט פאר אונז זיינע צוויי יונגע ליבלינג־העלדן אין דער מיט פון א וואונדערלאכן דראמאטישן קאמף צווישן צוויי וועלטן: א וועלט, וועלכע איז מאראליש צעפוילט, און א וועלט, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט גלויבן אין פריהייט, פאר וועלכער עס האבן געשטרייט די בעסטע פון אלע דורות, צו וועלכער עס האבן גערופן די נביאים פון אלע ציטן, וועלכע האבן באגייסטערט דענקער און פילאזאפן אין אלע לענדער, צו וועלכע, עס זינגען נאך היינט די בעסטע זינגער.

אייניקע העלדן אין דעם ראמאן פרעטענדירן צו קעמפן פארן אמת; אייניקע מאכן דעם אנשטעל ערנסט; אייניקע מאכן דעם אנשטעל כיטרע און טומלען און שפּילן. ביז עס קומט צווישן זיי אליין א גערטרוד און עס קומט צו זיי אן פון „אלדי ווילדע וויטן" בערמאן, וואס קומט (ווי מאני ליב זאגט וועגן איגנאטאוו) „מיט זיינע אויסטערלישע מעשות אויסלייזן די וועלט." ביז עס קומט צו זיי בערמאן אלס דער פארשטייער פון דער בעסערער און שענערער וועלט, און ער הויבט אויף דעם קאמף געגן א וועלט פון שארלאטאנעס.

בערמאן קומט מיטן אמת און ריינער מאראל, מיט פייערדיקער לאגיק, וועלכע קען אנצינדן די קאלטסטע מוחות און פארפרוירענסטע הערצער, און איגנאטאוו שטעלט אנטקעגן די בערמאנישע וועלט קעגן דער וועלט פון די גאבריעלס מיסטערהאפט.

בערמאן איז ביי איגנאטאוון ארויסגעקומען ווי א סינטעז פון דעם פאלקס־גייסט — דעם פראגער רב און דעם פאלקס־מענטש בערל פראגער. ער טראגט אין זיך די קבלה'שע וויזיעס און זעערישקייט פון אלט־אידישן גייסט, ניי איבערגעלויכטן, אינאיינעם מיט דער שטענדיקער גרייטקייט צו קאמף פאר דער אמת'ער זאך, ענלאך אויף דער מסירת נפשדיקייט פון דעם געזונטן פאלקס־מענטש בערל פראגער.

גערטרוד איז ביי איגנאטאוון כמעט אן ערדישע פארקערפערונג פון דער מלכה שבת. ביידע אינאיינעם קעמפן זיי קעגן די טרוקענע חומרדיקע וואך מענטשן.

אן שום צווייפל, אז איגנאטאוו זעט און פארשטייט, אז די בערמאנס זענען נישט די זיגער פון היינט, ער ווייסט אבער, אז דער אמת איז מיט

די בערמאנס, דעריבער געהערט זיי די צוקונפט, דעריבער פייערט בערמאן דעם נצחון. בערמאן בענטשט חנוכה ליכט פאר דער צייט. ער ווייסט אבער, גלויבט און איז זיכער, אז די צייט קומט און וועט קומען. די צייט, ווען די חוצפהניקעס וועלן פארשווינדן פון האריזאנט, און עס וועט קומען א נייע און שיינע וועלט פון פרייהייט און מאראל.

איגנאטאוו שילדערט אפילו די העלדן וואס גייסטיק זיינען זיי „הינקענדיק און קרום,” ניט נאר אלס העלדן פון דער פארגאנגענהייט, נאר זיי ווערן פאר אונז העלדן פון פריערדיקע און היינטיקע צייטן, וועלכע לעבן און ווירקן און פארמען די געזעלשאפט און דאס לעבן, בעסער געזאגט, ניט העלדן, נאר גראבע יונגען, וועלכע שטייען אין דער שפיץ פון יוניאנען, פון פאליטישע פארטייען, פון קולטורעלע אינסטיטוציעס; פון קונסט און ליטעראטור פון פארגאנגענע צייטן ביז אונדזערע טעג. אבער הורד בערמאנען זאגט ער אז זייער באלדיקע מפלה. כאטש זיי טריאומפירן היינט, דער טריאומף וועט בלייבן בערמאנס.

און ווי בערמאן, אזוי אויך איגנאטאוו: ער גלויבט אין זיין שאפן ווי אין א מיסיע. איגנאטאוו איז ניט קיין געוויינטלאכער קינסטלער. ער זאגט אונז מיט א גרויס קינסטלעריש קול: „איך בין געקומען רופן אייך אויף ווייטע וועגן!” און מיט די פארטרעטירטע העלדן זאגט ער צו אונז, ווי מארק אנטאני ביי צעזארס לויה, וואס זאגט צו זיך אליין: „איך האב אנגעצונדן א פייער און זאל עס דער ווינט צעטראגן וואו ער וויל.”

דער חויפּטמאַן פון די „יונגע“ אין אמעריקע

א ב ר ה ם ר י י ז ע ן

דער הויפּטמאַן פון די „יונגע" אין אמעריקע

(צו זיין פופציקסטן געבורטסטאַג)

שוין באַ מיין ערשטן באַזוך אין אמעריקע, אין סוף פון יאָר 1908, האָב איך געוואוסט פון דעם נאָמען דוד איגנאַטאָוו. עס איז שוין דער־מאָלט דערשינען זיין ערשטע נאָוועלע — אין בוך־פאָרם, אין וועלכער מען האָט שוין געפונען פונקען פון א נייעם פיל צוזאָגנדיקן טאַלאַנט. דוד איגנאַטאָוו האָט שוין דעמאָלט געהאַט די זכיה, ניט נאָר דאָס גליק, אז אָט די ערשטע נאָוועלע זיינע, זאָל באַמערקט ווערן אזש פון י. ל. פּרץ'ן אליין, אין דער וואָכנשריפט „די וואָך", וואָס איז אין יענער צייט ארויסגעגאַנגען אין ווארשע — טאָקע אונטער פּרץ'ס רעדאַקציע.

אין זעלביקן ווינטער, צווישן 1908 און 1909, האָבן שוין די יונגע טאַלאַנטן אין אמעריקע געוואַגט ארויסגעבן א ליטעראַרישן זאַמל־ביכל און מיך האָט שוין דוד איגנאַטאָוו, איינער פון די הויפּט מיטארבעטער און רעדאַקטאָרן, איינגעלאַדן אלס מיטארבעטער.

אמת, שוין ניט ווי א „יונגן", אָבער איך האָב זיך חלילה, ניט באַ־ליידיקט. מיט מיינע דאַמאָלסדיקע דריי און דרייסיק אָפּגעלעבטע יאָר און מיט די צוויי בענד מיינע שריפטן, וואָס זיינען דאַן געווען נאָר וואָס דערשינען — האָב איך זיך ניט געשעמט. בפרט אז דער טיטל „יונגע", וואָס די דאַמאָלסדיקע גרופּע האָט זיך א נאָמען געגעבן, צי די אידישע עלטערע שרייבער האָבן זיי דעם נאָמען געגעבן — האָט ניט באַ־צייכנט זייער יונגקייט אין יאָרן, נאָר אין זייער נייעם וועג.

האָב איך, אודאי עד היום א פריינט פון זוכער פון נייע וועגן—זיך געפליסט צו געבן זיי א קליין ליד — ניט צו פאַרנעמען דעם צו טייערן און נויטיקן פּלאַץ פאַר די יונגע גופא — און האָב זיך שוין געפליסט, אז אויך מיין ליד זאָל זיין מער אָדער ווייניקער ניי, און אפילו יונג.

ווייל, אויב איך האָב קיין טעות ניט—האָבן שוין די דאַמאָלסדיקע „יונגע" מיר געהאַלטן שיר ניט פאַר אן „אַלטן"; און ס'איז אפשר

קיין וואונדער ניט געווען: מיין ערשט לידעלע „ווען דאָס לעבן איז פאַרביטערט" — האָב איך, א דאנק דעם ליכטיקן י. ל. פּרץ — שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1891 — אין פּרץ'ס ערשטן באנד „די אידישע ביבליאָטעק. איז דאָס שוין געווען א קימאַ־לן פון אכצן יאָר, זינט איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דרוקן.

אָבער איך האָב זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק, — „כאילו לא ידע". און איך האָב מיך צו די דאַמאָלסדיקע „יונגע" שיר נישט אָנפאַנגער— ווי צוגעקלעפּט.

מ. י. כאַימאָוויטש, יוסף ראָלניק, מאַני לייב, י. סלאָנים, יוסף באָנק, י. י. שווארץ און אחרון - אחרון חביב — דוד איגנאַטאָוו — זיינען געווען מיינע נאָענטסטע און ליבסטע קאָלעגן און חברים.

דוד איגנאַטאָוו איז שוין געווען אפילו מיין בעל יועץ: „דאָס טו יא, דאָס טו ניט . . . זיין שפּעפערישע און לעבנס ענערגיע, וואָס איז אייגנטלעך איינס און דאָס זעלביקע — האָט שוין דאַן פון אים געשלאָגן ווי פון א קוואַל.

דערפאַר, אז איך בין שוין געפאָרן אין זעלביקן 1909 אין אָנהויב פרילינג, צוריק קיין אייראָפּע, האָב איך בא דוד איגנאַטאָוו גענומען — צי ער האָט עס אליין מיר מיטגעגעבן — גייסטיקע צידה־לדרך: צוויי פיינע, טיפע דערציילונגען — אין מאַנוסקריפּט.

איך האָב זיי אָפּגעדרוקט אין מיינער א קליינער יום־טוב'דיקער זאמלונג — שוין אין ווארשע, אין פאַרלאַג פּראָגרעס, און די צוויי דערציילונגען זיינע האָבן געמאַכט א שטאַרקן רושם אויף די לייענער מבינים און אין די ווארשעווער ליטעראַרישע קרייזן

האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט פון אים גרויס נחת, ווי פון א אינגערן קאָלעגע, וועמען איך האָב, אויב ניט אנדעקט — לכל הפחות, געמוטיקט. ווייל אין יענער צייט זיינען די יונגע באמת געווען — אויב ניט פאַרפאָלגט פון די עלטערע אמעריקאנער שרייבער, ווי די „יונגע" האָבן זיך בארימט — אָבער איגנאָרירט זיכער. אויסער יואל ענטין, וואָס איז דעמאָלט אליין געווען א „יונגער" און האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן אויך מיט „נייעם" אידישן טעאַטער און איז שוין געווען דער פירער פון דעם דעמאָלט, פאַר ליטעראַטור און דראַמע פיל באדייטענדיקן „פּראָגרעסיוון דראַמאַטישן קלוב", און לעאָנטעף — מאַיסעיעוו, וואָס ער פאַרדינט מער ווי איין קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע פאַר זיינע ערשטע לייסטונגען, שאַפונגען אין דער נייער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע — אויסער די צוויי פון וועלכע איך האָב דאַן געוואוסט — עס זיינען מסתמא געווען נאָך אנדערע — האָט מען זיך צו די „יונגע" באצויגן מיט ביטול, ווי צו יעדער

נייער ליטעראַרישער דערשיינונג בכלל. ס'איז ניט די שולד פון די דאַמאָלסדיקע — און טיילווייס נאָך אויך היינטיקע ליטעראַרישע פירער, וואָרט־און דעה־זאָגער, נאָר די שולד פון אומשטענדן און געשמאַק. קיין רשעות, ווי מיר איז באַקאַנט, איז אין דער באַציאונג פון דעם עלטערן דור שרייבער און פירער — צו די יונגע ניט געווען. והא ראיה, שפּעטער שוין האָבן מאַני לייבס לידער באַצירט די שבת'דיקע, צי די זונטאָגדיקע, אויסגאַבן פון „פאָרווערטס", שוואַרץ'ס לידער און פּאָעמען — די זייטן, שוין פון ליעסינס „צוקונפט" און אויך פון זעלביקן „פאָרווערטס". מ. י. כאַימאָוויטשעס דערציילונגען און עסייען — די שפּאַלטן פון דער ווארהייט און שפּעטער — פון „טאָג". און אַזוי מיט אַנדערע פון די דעמאָלסדיקע יונגע און פון די שפּעטערדיקע צוגעקומענע, ווי י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, א. ראַבאָי, וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן די הויפּט קרעפטן פון די טעגליכע צייטונגען און ליטעראַרישע צייטשריפטן.

אָבער ווי געזאָגט, אין יענער צייט, אין 1908 — 1909, בא מיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, און אפילו אין 1911 — בא מיין צווייטן באַזוך אין אַמעריקע, ווען און וואו איך האָב שוין פאַרבראַכט קרוב צו צוויי יאָר צייט און אפילו א ליטעראַרישע וואָכנשריפט, „דאָס נייע לאַנד" אַרויסגעגעבן — זיינען נאָך די „יונגע" ניט געווען אַנערקענט פון די עלטערע, נאַטירלעך מיט ווייניגע אויסנאַמען, ווי איך האָב שוין באַטאָנט.

דערפאַר איז אין יענער צייט א דערמוטיקונג, אפילו פאַר אַזא מוטיקן, קעמפּעריש און אין זיך — מיט רעכט גלויבנדיקן טאַלאַנט, ווי דוד איגנאַטאָוו — וואָס האָט שוין גרופּירט אַרום זיך די „יונגע" און אפילו זאַמלביכער אַרויסגעגעבן — געווען זייער אָנגעלייגט, און בא אַזא וויכטיקער געלעגנהייט, ווי דוד איגנאַטאָוו'ס יובילייַ — דערלויב איך זיך צו באַרימען אַז דוד איגנאַטאָוו האָט מיין אַנערקענונג און באַציאונג אָפּגעשעצט אויף א זייער פיינעם, איידעלן אופן. ניט נאָר איז ער די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין אַמעריקע — געבליבן איינער פון מיינע נאָאַנטסטע און איידעלעסטע פריינט, נאָר האָט ער אין דעם פריערדערמאָנטן וואָכנשריפט „דאָס נייע לאַנד" מיטגעאַרבעט, מיטגעווירקט מיט זיינע שענסטע דאַמאָלסטדיקע שאַפונגען, און אין אַן עת־צרה ווען ס'איז ניט געווען מיט וואָס אַרויסצוגעבן א נומער — געלאָפן צו די מענעדזשערס פון אידישע טעאַטערס—פּאָדערן אַן אַנאָנס, און אפילו אַן אָוונט אין קלינטאָן־זאַל אַראַנזשירט פאַר דעם בענעפיט פון דאָס „ניי לאַנד". אויך א דאַנק איגנאַטאָוו'ן זיינען געוואָרן פאַרעפנטלעכט די ערשטע קאַפּיטלען פון י. אָפּאַטאָשאָו'ס ערשטע ווערק, ווי „פערדגנב", און פון זיין ראָמאַן „אַליין" — אין מיין וואָכנשריפט „דאָס נייע לאַנד", און וואָס עס האָט פיל ביי געטראָגן צום פּרעסטיזש פון דער

וואַכנשריפט בכלל. אויך די פּרעכטיקע לידער פון דעם דעמאָלטדיקן נאָך זייער יונגן מאַני־לייב האָבן א דאנק איגנאַטאָוו׳ן באַצירט די זייטן פון „דאָס נייע לאַנד״.

איצט, ווען דוד איגנאַטאָוו איז שוין דער אנערקענטער, אויסגע־צייכנטער שריפטשטעלער, און אויטאָר פון אזא פּרעכטיקן ראָמאַן, ווי „אויף ווייטע וועגן״, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן מיט גרויס באַגייסטערונג אין „פעדער״, און ש. ניגער און ב. ריווקין האָבן זיך אויך אָפּגערופן וועגן דעם דאָזיקן ראָמאַן מיט גרויס אנערקענונג און אפילו באַוואונדערונג — איז מיר אנגענעם צו דערמאָנען יענע טעג אין אמע־ריקע, ווען דוד איגנאַטאָוו, ווי איינער פון די אינגסטע פון די „יונגע״, איז מיר געווען — און ביז היינט צו טאָג, אזוי נאָענט, ווי א קאָלעגע און א זייער גוטער פריינט און טייער ווי איינער פון די „יונגע״, וואָס האָט באַרייכערט די נייע אידישע ליטעראַטור — די מאָדערנע — מיט אויסגעצייכנטע ווערק.

אויסער דער אַלגעמיינער באַדייט פון זיין יובילײ — איז עס פאַר מיר אויך א פּערזענלעכער יום־טוב.

ניט נאָר האָט ער מיך ניט אַנטוישט, נאָר ער האָט מיך גליקלעך איבערראַשט, סיי מיט זיין פּערזענלעכקייט, סיי מיט זיין שאַפן, וואָס איז געוואַקסן מיט די יאָרן.

פאַר מיר, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דוד איגנאַטאָוו׳ס אנטוויקלונג, פון זיין ערשטער דערציילונג, ביז זיין ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן״ און וואָס עס איז מיר אפשר אַמאָל אויסגעקומען צו קעמפן און צו פּאַרטיי־דיקן זיינע נייע ווייטע וועגן — איז די פייערונג פון דוד איגנאַטאָוו׳ס יובילײ — א גרויסע באַלוינונג, און אן אמת׳ע פרייד; פאַר די יונגע פון היינטיקן דור — א דערמוטיקונג און א טרייסט.

דוד איגנאטאוו'ס
עקשנות'דיקער דראנג

י. ראַפּאָפּאָרט

דוד איגנאַטאָוו'ס עקשנות'דיקער דראַנג

(פראַגמענט פון א גרעסערער ארבעט)

„וואונדער־מעשיות פון אלטן פראַג".

אין דעם דאָזיקן ווערק האָבן זיך נישט נאָר שעפעריש־פרייַ פאַנאַנדערגעשפּילט די איגנאַטאָוו'ס בעסטע קינסטלערישע אייגנשאַפטן, נאָר עס האָט אין אים אויך געפונען א תיקון.

איגנאַטאָוו'ס עקשנות'דיקער דראַנג צו פאַרוועבן זיך מיט דער טיפסטער אידישער פאָלקסטימלאכקייט, אויסלעבן זיך אין איר, אויסלעבן זי פון זיך, באַפרייען זיך דורך אויסלעבונג, פון עפּעס, וואָס איז געבליבן פון אמאָל, פון דער אייגענער קינדהייט, פון די פאַרגאַנגענע דורות, נישט אויסגעלעבטס. עפּעס לעבט אין איגנאַטאָוו'ן — און דורך אים אין אלע זיינע הויפּט־העלדן, — א געפיל פון מוזן צוריק צונויפבינדן דעם איבערגעריסענעם, דעם צו־פרי, צי צו האַסטיק איבערגעריסענעם פאַדים מיטן אלטן אידישן לעבנס־געפיל, מיט דער אלטער אידישער לעבנס־אַטמאָספער, און זיי פרעדיקן דעם צוריקקער צו אלטן, זיי פאָדערן אַפּצוגראָבן די פאַרשאָטענע קוואַלן, זיי טויכן אונטער אין די אלטע טיפענישן נאָך היינטצייטיקן זין, און היינטצייטיקן זין ווילן זיי אומבאַדינגט צוגעבן דעם טעם און דעם אויסזען פון דאָס אלטע.

אין קיין איין בוך איגנאַטאָוו'ס פילט מען נישט אזא האַרמאָנישע גאַנצקייט פון שרייבער, אזא פרייַ אָפּאָטעמען פון געדאַנק און געפיל, ווי אין דאָזיקן בוך וועגן בערל פּראַגער. דאָ טאַפּט נישט איגנאַטאָוו נאָך קיין אויסוועג, נאָר ער האָט אים; דאָ זוכט נישט איגנאַטאָוו קיין תיקון, נאָר ער באַקומט אים. און דאָס איז נישט קיין צופעליקייט: בלויז דורך בערל פּראַגערס וואונדער־מעשיות האָט זיך געקאָנט פרייַ אויסלעבן איגנאַטאָווס דראַנג צו דאָס יידישלאַך־פאָלקסטימלאכע, האָט זיך געקאָנט אָנקניפּן איגנאַטאָווס נשמה אינם ליכט פון אלטן יידישן לעבן. מען קאָן שטאַרק ספקן צו איגנאַטאָווס פאַרמולירונג, אז „עס איז די גאַנצע וועלט א מעשה, וואָס האָט זיך נאָך איגנאַנצן נישט דערציילט," איז א גליקלאכע, אבער אז דער וועג פון דער מעשה — זאָל זיין מיט א מוסר־השכל — איז דער איינציקער אויף אָנצוקניפּן א קאָנ־

טאַקט מיט דעם אַלט־אָפּגעלעבטן, מיט דעם האַלב־גאַנץ צי דרייפערטל־פאַרלאָרענע־דעריין איז קיין שום ספק נישטאָ.

* * *

עס איז דאָ אַ טיפער אונטערשייד צווישן פּרצס פאָלקסטימלאַכע מעשהלאַך און איגנאַטאָווס „וואונדער־מעשיות פון אַלטן פּראָג." ביי פּרצן איז דער עיקר דאָס דידאַקטישע, דער עקסטראַקט פון דער נשמה, פון גייסטיקן ווערט. ער שיילט זיי אַרויס פון אַלע קליידער פון דער פאָלקס־פאַנטאַסטיק און שטעלט אָן אויף זיי דעם רעפלעקטאָר פון זיין הויכן מוסר־השכל. ביי איגנאַטאָוו'ן אָבער (גראָד ביי אים, וואָס האָט זיך אַזוי געמיט צו זוכן דעם ווערט, בלויז דעם דידאַקטישן ווערט פון אַלטן אידנטום פאַרן סאָציאַליזם, פאַר אַ נייעם גלויבן פון אַ היינטצייטיקן מענטשן) שיינט דאָ אַרויס דער זין, דער הויכער מוסר־השכל מיט אַ נאַטירלאַכן ליכט, ווי ביי אַ גוט־אויסגעשליפענעם בריליאַנט. עס לאָזט זיך פאַנאַנדערטיילן זיינע פּראַגער־מעשיות אין אַלע זייערע נאַטירלאַכע פאַרבן: דאָס ריין־פאַנטאַסטישע, דער מעשהלע־עלעמענט שפּילט דאָ אַ זעלבשטענדיקע ראָל. נאָכמער: זיינע מעשהלאַך זיינען אפילו נישט תמיד אידישלאַך־פאָלקסטימלאַך אין געוויינטלאַכן זין פון דאָזיקן וואָרט: די מעשה מיט דער גרויסער מויז איז עפּעס אַביסל פרעמד. אָבער על־פּי־רוב זיינען זיי אַן אוצר פון פאָלקסטימלאַכקייט, פון שעפעריש־באַאַרבעטער, און אַמאָל טאַקע פון גרויסן פאַרנעם. ס'איז גענוג צו דער־מאָנען בערל פּראַגערס קאַמף מיט די ריזן, זיין טויט.

איינגנטלאַך איז בערל פּראַגער אַ מין באַראָן מיונכהאַוזען — אָבער אַ טיף־אידישער. זיינע גבורות האָט ער נישט צו פאַרדאַנקען זיינע אייגענע כוחות און מעלות, נאָר ער באַקומט זיי פון אויבן, אַלס שליח מצוה. זיין כוח שטעקט אין זיין אומאונטערבראָכענעם קאָנטאַקט מיטן פּראַגער רב און אין זיין אומגעבראָכענעם בטחון. די שטעלע, ווי בערל פּראַגער פאָרט אויפן שיף און גיט אַוועק זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַר קאָנען אָפּגיסן נעגל־וואַסער, און וויל נישט נעמען צוריק זיין געלט, ווייל דאָס אָפּגעבן זיין פאַרמעגן פאַר דער מצוה איז אים בילכער, — די דאָזיקע שטעלע איז אומפאַרגלייכלאַך לויט איר פּשטות און קינסטלערישקייט. ווי ווייט עס איז נישט פון אונז דער זין פון זיין קאָנקרעטער טאַט, אַזוי נאָנט ווערט ער אונז מיט זיין איבער־מענטשלאַכן בטחון און טרייקייט צו זיין גלויבן. און אַ מאָדנע זאַך: איגנאַטאָוו מאַכט אונז גלויבן אין דער רעאַליטעט פון בערל פּראַגער; מיר טיילן דעם יראת הכבוד, וועלכן עס פילן צו אים די שיפס־לייט, ווען זיי ווילן אים אָפּגעבן צוריק זיין פאַרמעגן, פאַסצינירט פון אַזאַ אַבסאָלוטן גלויבן. די עפּישע פּשוטות־דיקייט פון די דאָזיקע סצענעס דערנענטערט זיך לויט איר פרומער

נאאיוויטעט צו יונה בן־אמתים רייזע און שמועס אויף דער שיף. עס איז נישט קיין בלויזע נאכקאפירונג, נאר אן איבערדיכטונג.

אין דאזיקן וואונדערבארן מענטשלאך־בוך שפירט מען אפט דעם גאנצן טעם פון עכטן אלטן אידנטום. „אוודאי האט ער געפילט, אז דאס איז א זאך וואס איז נישט פאר זיינע כוחות, און דערצו האט ער זיך נאך געפילט אפגעשוואכט פון אלע זיינע וואנדערונגען. אבער א איד איז דאך פארט א איד". „צו וואס דארף א איד האבן אזא שרעק־לאכן פערד און פאנצער און אזא שפיז און אזא שווער? כדי צו שרעקן מענטשן אין גאס? איד, בערל פראגער, זאל דאס זיין ווי א בער פון וואלד?!"

וויפיל אידישער חן עס איז דא אין די דאזיקע רייד פון בערל פרא־גער און אין זיינע מעשים. וויפיל חן איז פאנאנדערגעגאסן אין גאנצן בוך. בלויז זעלטן, ווען איגנאטאוו נעמט באשרייבן די ליכטיקייט פון דער מלכה שבת און פון די פאלאצן, ווערט דער פרעכטיקער סטיל פון דאזיקן בוך אביסל איינטאניק, צו סטיליזירט, צו רעטאריש. אבער קומט ער צום ווארט „ליכט". ווערט ער ווי היפנאטיזירט און קאן זיך נישט אפרייסן דערפון. ער חזר'ט איבער אן אויפהער: ליכט, ליכט, ליכט.

די „וואונדער־מעשיות פון אלטן פראג" זיינען זיכער איגנאטאווס בעסטע בוך. עס האבן זיך דא הארמאניש פאראייניקט סיי איגנאטאוו דער מעשהלאך־שרייבער (פארמאגן דאך אויך זיינע רעאליסטישע ווערק אן א שיעור מעשהלאך עלעמענטן, פאבוליר־פיבער) און איגנאטאוו דער פארליבטער אינם אידישלאך־פאלקס־טימלאכן פרימיטיוו אויך „דאס פארבארגענע ליכט" (געשריבן פריער פאר די „פראגער מעשיות") פאר־מאגט א סך פונם צויבער פון די פראגער מעשיות, אבער עס איז נישט אזוי הארמאניש און פולקאמען, ווי יענעס ווערק. דער בלינדער בעטלער איז נישט אזוי לעבעדיק און פלאסטיש, ווי בערל פראגער: ער איז נישט קיין אוממיטלבארער אויסדרוק פון איגנאטאווס שאפונגס־קראפט, נאר א טאפלטע סכעמע: ערשטנס אלס קאפיע פון נחמן ברעסלאווערס סימבאליק, און צווייטנס אלס מעדיום פאר איגנאטאווס אידייען.

איגנאטאוו גיט צו אן אויסערגעווינטלאכע באדייטונג דעם דאזיקן ווערק. אין פארווארט צו דער צווייטער אויפלאגע שטעלט ער דאס נישט נאר העכער פאר אלע זיינע ווערק, נאר ער פראקלאמירט „דאס פארבארגענע ליכט" אלס אנטפלעקטע ליכט פאר דער מענטשהייט.

איך האלט פאר נישט איבעריק צו ציטירן גאנצע שטיקער פון דאזיקן ביז גאר כאראקטעריסטישן פארווארט (כאראקטעריסטיש לויט דער גרענעצלאזער עקסטאטיק און דעם מיסטישן נעפל, אין וועלכן עס איז איינגעוויקלט).

„איך האָב זיך עטלאַכע יאָר אַרומגעטראָגן מיט דער אידייע פון אַזאַ בוך. איך בין איבערצייגט געוואָרן, אַז מיט ריין־פֿערזענלאַכן מאַטעריאַל וועל איך מיין צוועק נישט דערגרייכן, וואָרום דאָס ריין־פּערזענלאַכע איז אָפט אייפערזיכטיק עקשנות׳דיק, האַרט און פּירט אויף גאַנץ אַנדערע וועגן. מיין פאַרלאַנג איז געווען אַ שווידערלאַך גרויסער, אַ שרעק גאָר פאַרן מויל צו ברייגגען,״ „און ווען איך האָב זיך אַזוי איינמאָל, שוין כמעט גאַרנישט זוכנדיק, אַנגעשלאָגן אויף רב נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, האָב איך פון אָנפאַנג אַליין נישט געוואָלט גלויבן, אַז אָט האָב איך געפונען וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט. און נאָכדעם איז אויף מיר ווי אַ פיבער געקומען אַ גלויבן, אַז אָט די מעשיות האָבן דאָס אויף מיר געוואַרט. איך האָב לכתחילה גענומען טראַכטן און זוכן אַזאַ מאַטעריאַל, ווייל עס איז געקומען די צייט פאַר דעם „מאַטעריאַל צו דינען זיין צוועק.״ (דעם געדאַנק חזרט איבער בערמאַן, דער העלד פון „אַף ווייטע וועגן״).

„איך האָב זיך גענומען ווערן.... קעגן דעם צונויפמישן זיך מיט עמיצן אַנדערש, אַזוי אַז עס זאָל.... זיין שווער אָפּצעטיילן וואו בין איך און וואו איז דער מאַטעריאַל, מיט וועלכן איך באַנוץ זיך. איך האָב אויך שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס.... איך וועל אָפּט דאַרפן פאַרגוואַלטיקן דעם מאַטעריאַל אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט דערציילן פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס ער האָ לכתחילה געזאָלט דערציילן.״ „פונדעסטוועגן האָב איך פאַרט אַנגעשטרענגט מיינע בעסטע כחות און האָב מיט פיינען געשריבן דאָס בוך. דורך די פיינען האָב איך אָבער נאָך לויטערער געזען מיין גלויבן און די אומענדלאַכע מעגלאַכקייטן, וואָס איך ברייִנג מיט דעם ווערק.״.... (אונטערגעשטראָכן דורך מיר.—י.ר.)

„דאָס איז אַ בוך, וואָס איז נישט געשריבן געוואָרן, נאָר געפונען געוואָרן,״ „אַזאַ בוך האָט אויף זיך נישט געטאָרט טראָגן דעם נאָמען פון קיין שרייבער.... און מיט וויפל גליקלאַכער איך וואָלט געווען ווען דאָס איז אַ בוך פון אַ ווילד פרעמדן, איך וואָלט דעמאָלט געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פון אָט דעם וואונדערבאַרן בוך.״.... (אונטערגעשטראָכן דורך מיר.—י.ר.)

דאָס איז ביי איגנאַטאָוון נישט קיין מאָמענט־קאַפּריז. אין „אַף ווייטע וועגן,״ אין דער טרילאָגיע, וואָס איז דערווייל איגנאַטאָווס ברייטסט ווערק, באַאַרבעט ער כמעט אינגאַנצן דעמדאָזיקן פאַרוואָרט. בערמאַן, איגנאַטאָווס ליבלינג־העלד, דער טרעגער פון איגנאַטאָווס גלויבן, באַאַרבעט רב נחמן בראַסלאַווערס מעשיות אין אַ בוך אונטערן נאָמען „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט.״ אויך בערמאַן איז איבערצייגט, אַז דאָס בוך האָט געוואַרט אויף אָט דער מינוט ווען ער, בערמאַן, וועט עס באַאַרבעטן און אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט.

אין איינעם פון די טעג

ב. קאפמאן

אין איינעם פון די טעג

גייט זיך ארום א מענטש צווישן אונדז. —

און דער מענטש האט אנגעשריבן א סך וואונדערליכע מעשות:

א מעשה וועגן א פיבי, און וועגן א פעטער שנייער, וועגן א באבע מלכה, וועגן א בערל פראגער און וועגן וואונדער פון אלטן פראג.

און ווי דאס כשופדיקע פייער פון דער זון, וואס פאלט אויף א טעמפל און ציינדט אן מיט גאלד און זילבער זיינע גרויסע פענצטער, האט ער פאר אונדז אנגעצונדן די מעשות פון רב נחמן ברעסלאווער אין זיין בוך „דאס פארבארגענע ליכט”.

און נאך האט ער אנגעשריבן מעשות און ראמאנען, וואס, ווען מען לייענט זיי, דוכט זיך אויס, ווי מען וואלט ארומגעגאנגען אין א יונגן בערעזע וואלד, געטאפט מיט די הענט די סאמעטענע הויט פון די יונגע ווייסע ביימער, געשמעקט דעם דופט פון די גרינע בלעטער.

און יארן גייען פארביי, און דער מענטש ווערט עלטער.

און ער שרייבט אן א מעשה וועגן א גבור, וועמען מען האט גערופן יפתח *)

און ווען מען לייענט אט די מעשה, דערמאנט מען זיך אן די עגיפּ־טישע טעמפלען מיט די גרויסע געטער, אויסגעהאקט און אויסגעפּאלירט פון פעלזנשטיין, גרוי, און שווארץ. — אייביקע דערמאנער פון מענטש־ליכן געניוס.

און די שאפונגען, וואס דער מענטש שאפט, וואקסן אלץ גרעסער און גרעסער — ווי ביימער אין א וואלד.

און קלענער ווערט דער מענטש צווישן זיי און איינזאם.

די ביימער ווילן אים עפעס זאגן און קאנען ניט.

נאר וואס א יאר ווערן זייערע בלעטער געדיכטער און ווארפן א טיפערן שאטן ארום זיך.

און מענטשן פון אומעטום קומען צוגיין און זעצן זיך אונטער די ביימער און רוען זיך אפ.

---

*) נאך ביז איצט ניט געדרוקט.

און זיי בענטשן די בוימער פאר דער רו, וואס זיי גיבן.

און עס איז געווען אין איינעם פון די טעג, ווען מענטשן זיינען פארבייגעגאנגען די טעמפלען און האבן ארויפגעקוקט צו די געטער, האבן זיי זיך דערמאנט אן דעם מענטשן, וואס האט זיי אויפגעשטעלט.

און איך, וואס בין יענעם טאג אויך פארבייגעגאנגען די גרויסע פיגורן אין גרוי און שווארץ, האב שטיל ביי זיך באשלאסן צו מאכן דעם טאג פאר א יום טוב.

און מיר האבן אלע באשלאסן צו מאכן דעם טאג פאר א יום טוב.

און גוט איז אונדז צו וויסן, אז דער מענטש, וואס דערמאנט אונדז אן אייביקייט, גייט ארום צווישן אונדז.

און ווען איהר וועט דורכגעהן דעם וויסן בערעזענעם וואלד און וועט פארבייגיין די גרויסע געטער פון גרוי און שווארץ און ארויפגיין אויף די „ווייטע וועגן", וועל איך אויף אייך דארטןווארטן און וועל אייך דארט דערציילען א סך, א סך וועגן דעם מענטשן, וואס האט אנגעשריבן אט די אלע וואונדער מעשות —

וועגן דעם מענטשן, וואס מיר אלע רופן — דוד איגנאטאוו.

די מעשה פון
דער וועלט

דר. יעקב גרינפעלד

די מעשה פון דער וועלט

(פראגמענט)

וואס איז דער אינהאלט פון דוד איגנאטאווס ווערק?

ווען איך רעד פון אינהאלט, מיין איך דערמיט נישט די קאזואיסטישע אויפציילונג פון אלע סוזשעטן, מיט וועלכע איגנאטאוו באדינט זיך: איך מיין אויך נישט די אנאליזירונג פון זיינע דערציילונגען נאך די געוויינלאכע אלט־באקאנטע מאסשטאבן: רעאל אדער נישט רעאל, אויסגעהאלטן אדער נישט אויסגעהאלטן, נויטווענדיג אדער ווילקירליך.

דאס איז באמת נישט מער ווי א נעבן־זאך: נישט דאס איז דער מאסשטאב, מיט וועלכן איגנאטאוו קאן אפגעשאצט ווערן. אויך פאסט זיך דא אבסאלוט נישט מער דער אלט־באקאנטער ליטערארישער טערמאמעטער, מיט וועלכן די רעאליסטישע אויסגעהאלטנקייט פון די הערציילונגס־מאטיוון ווערט פעסטגעשטעלט. איגנאטאוו גייט אויף א נייעם וועג און ווער עס וויל אים באגרייפן און אפשאצן, מוז אוועקווארפן זיינע אלטע כליזין און זיך אויפסניי פארטיפן.

רעדנדיג וועגן אינהאלט, מיין איך די נשמה, וואס לעבט אין זיינע דערציילונגען; זיי, אט די דערציילונגען זיינען נישט מער ווי די אברים, וואס ווארפן זיך, באוועגן זיך אויף איר באפעל; זיי זיינען אויסשטראלונגען פון איר.

איגנאטאוו'ס דערציילונגען זיינען נישט מער ווי די קבלה־צייכן, די סודות־שפירן פון א וועלט־אנשויאונג, די פונקען פון א גרויסן, ערגעץ וואו אינ'ם אין־סוף פון רוים און צייט, ברענענדיגן פייער: זיי זיינען די אפגעבראכענע זיפצן פון אן אנגעוויטאגטן הארץ, די טראפן פון א קוואל, די מעשה'לאך פון דער „מעשה פון דער וועלט".

די מעשה פון דער וועלט איז דער צענטער־פונקט, ארום וועלכן די דערציילונגען זיינען פעריפעריע־פונקטן.

וואס איז דאס אזוינס „די מעשה פון דער וועלט"?

פאר איגנאטאוו'ן איז „די מעשה פון דער וועלט" די סיסטעמאטיזירונג פונ'ם וועלט־כאאס, די דערציילערישע פארקנופונג פון די

אונצייליגע צופעליגקייטן אין דער שעפפונג, אינ'ם ווערן און פארגיין. אלע דערשיינונגען, פאסירונגען, געשעענישן: אלעס זיין און נישט זיין: אלעס באגרייפליכע און אונבאגרייפליכע ווערט זיך צעזאמען אין א גרויסער דערציילונג, אין דער מעשה פון דער וועלט. עס איז דער מאניזם אבער נישט דער אבסטראקט־אידעאיש וויסנשאפטליכער, נאר דער קונסטלעריש־בילדליכער.

פראפ. אסטוואלד האט פונ'ם מאניזם געמאכט א וויסנשאפטליכע רעליגיע: א וועלט־אנשויאונג מיט אן „ענערגעטישן אימפעראטיוו" פון וואנען עס פליסט ארויס זיין מענשליכע מאראל, דער „סאציאלער זין". איגנאטאוו האט דאס זעלבע געטאן, אבער נישט מיט פילאזאפישע דער־קלערונגען, נאר מיט מיסטעריהאפטע דערציילונגען.

ביי איגנאטאוו'ן שטימט דא גאנץ גוט די פארם מיט'ן אינהאלט: זיין פארם — א מאלערישע, זיין אינהאלט — די נשמה פון אלע זיינע ווערק — א קינסטלערישע וועלט־אנשויאונג.

דער גרויסער עסטעטיקער און קלאסישער קינסטלער שילער האט געמאכט דעם פארזוך צו דער הויבן די עסטעטיק צו א פילאזאפישער דערקלערונג פונ'ם וועלט־פראצעס, אבער דאס האט געטאן שילער דער פילאזאף: אלס קינסטלער זיינען זיינע ווערק צופעליגקייטן — וואונדער־בארע צופעליגקייטן, אבער נישט מער ווי אזעלכע.

איגנאטאוו שרייבט נישט קיין עסייען איבער פילאזאפיע, אבער זיינע דערציילונגען זאגן דאס גאנץ קלאר: איגנאטאוו'ס דערציילונגען דעמאנסטרירן דורך צופעליגקייטן די קינסטלערישע איינהייטליכקייט, פונעם צוזאמענהאנג אינ'ם וועלט פראצעס, דאס ראמאנטישע אין רוה און באוועגונג, דאס שפאנענדע אין קראפט און שטאלץ, דאס דראמא־טישע און דינאמישע אין לעבן.

אלעס צוזאמען איז א מעשה, וואס האט זיך נאך נישט דערציילט ביז'ן סוף.

איך באדויער באמת, וואס איגנאטאוו איז נישט קיין אינדיער: וואס ער איז געוואקסען פאר אונזערע אויגן און מיר זיינען דערפאר צוגעוואוינט צום געדאנק, אז ער דארף רעדען אין אונזער שפראך — דאס שטערט אונז צו האבן דעם יראת הכבוד, וואס מיר האבן געווענליך פאר ערשיינונגען, וואס קומען צו אונז פון דער ווייט, פון דער סודות'־דיגער פרעמד. עס איז באמת א שאד, וואס בודהא האט נישט געפרואווט אויפשטעלן די וועלט־אנשויאונג פון דער מעשה פון דער וועלט. מען וואלט דאס אנגענומען פאר זעהר גרויס, ווי עס איז באמת.

אט דערפאר שטעלן זיך פילע אפ אויף דעם פאקט, אז ביי איגנא־טאוו'ן איז אלעס אזוי אוועקגעשטעלט אין מיסטעריען, אלעס אזוי

שטאַרק פּרעטענציעז. עס איז אמת, אַז אַלעס אפילו די קלענסטע קליי־ניגקייט, אַ מיידעלשע וואַנע, אַ לויפּענדער עלעוויטעד, דאָס לויפן פון פּיער־לייט ווערן פון איגנאַטאָוו׳ן באַהאַנדעלט ווי זיי וואָלטן געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט: עס איז אמת, אַז זיין פאַרמעסטונג איז אַ זעהר גרויסע אָבער אין דעם איז קיינער נישט שולדיג: עס איז פּשוט נישט מעגליך אַראָפּנעמען דעם הימל אויף דער ערד, אויב מען שטרעקט נישט אויס די האַנט גאַנץ ווייט: עס איז נישט מעגליך צו שאַפן אַ רעלי־גיע און נישט אָננעמען דעם טאָן פון אַ נביא.

איך וויל נישט מיספאַרשטאַנען ווערן. איגנאַטאָוו פּילאָזאָפירט נישט אין זיינע דערציילונגען: זיין „גבור” איז אמת שטאַרק, זיינע העלדן זיינען לעבעדיקע און רעאַלע און האַלטן אויס אַלע קריטיק, ווען מען זאָל אויף זיי אפילו אָנווענדן דעם טאָג־טעגליכן מאַסשטאַב. זיין „גאָלדן אינגעלע” איז אַ מייסטערווערק נאָך אַלע געברויכליכע און קריטיש־ליטעראַרישן אַרסענאַל אינסטרומענטן. אָבער נישט דערמיט אַליין ענדיגט זיך אַלעס. איגנאַטאָוו איז נישט קיין פּילאָזאָף, ער איז אַ קינסטלער און איז גאָר נישט שולדיג אויב זיין קונסט דערגרייכט דעם פּונקט פון פּילאָזאָפיע. דער אמת׳ער קינסטלער איז אויך אונבאַוואוסט פּילאָזאָף, ווי עס איז אויך דער אמת׳ער פּילאָזאָף אונבאַוואוסט קינסט־לער. איר קאָנט לייענען ביי פּלאַטאָ גאַנצע זייטן, וואו איר פאַרגעסט אַז איר האָט צו טאָן מיט אַ פּילאָזאָף, ער איז אין פּילע שטעלן דורכאויס קינסטלער: איר קאָנט לייענען גאַנצע זייטן ביי געטהע, וואו איר דענקט, אַז איר האָט צו טאָן מיט פּילאָזאָף און נאָר מיט אַזעלכן. איז נישט „פאַוסט” די גליקליכסטע צוזאַמענשמעלצונג פון קונסט און פּילאָזאָפיע?

עס איז גאָר נישט קיין צופאַל, וואָס איגנאַטאָוו טרעפט זיך אין פּילע פּלעצער צוזאַמען מיט ר׳נחמן בראַסלאָווער. דער בראַסלאָווער איז די אמת׳ע פאַרקערפּערונג פון׳ם אומבאַוואוסטן קינסטלער און פּילאָזאָף.

פון מ. באסין.

מיר זיינען אויפגעקומען

דוד איגנאטאוו׳ן — אמתנה.

מיר זיינען אויפגעקומען
אפגעזונדערט און צוזאמען,
איינער נאכ׳ן צווייטן:
צוערשט — ווי שוואכע גראז,
ביי פרעמדע וועגן, לאנדשאפטן און בייטן.
דערנאך — ווי יונגע בוימער זיך ארויסגעהייבן,
איבער גראז און שטיין און איבער פליטן.
און שפעטער, ווען די רייפע טעג און יארן,
זיינען מיט׳ן ליכטיקן לבנה־הארן,
אונז צוגאסט געקומען:
האבן מיר, ווי יעלן און טאפאלן,
מיט די שארפע שפיצן — צו די שטערן זיך פארנומען.

מיר זיינען אויפגעקומען פון דער ערד.
ווי בארג און וואלד, ארויסגעריסן זיך
פון אירע פרוכפערדיקע רויגן.
ווער פון אונז, מיט אפענע
און ווער — מיט זשמורענדיקע אויגן:
צו די וועגן פון דער וועלט. —
דא — אדורכגעשפאנט און דארט — זיך אפגעשטעלט,
און וויטער וואו געצייגן.
און ווען אונטן איז צווישן ערד און הימל צוגעפאלן:
האבן מיר ווי שטערן און ווי בליצן,
דא און דארטן, אויפגיהעלט, —
אויף שאטנדיקע וועגן פון דער וועלט.

דוד איגנאטאוו
און „שריפטן"

ד ו ד פ י נ ס ק י

דוד אײגנאַטאָוו און „שריפטן“

אין זײַנע גאָר ערשטע זאַכן איז דוד אײגנאַטאָוו געװען אַן אָנהײ־בער, װאָס האָט אין זיך געטראָגן זעאונגען און נישט געהאַט נאָך פאַר זײ קײן אויסדרוק. אַ כבֿד פּה, װאָס האָט געדאַרפט דערװערבן די שפּראַך פון זײן שאַפן. אָבער ער האָט געבראַכט צו אידיש באַגײסטערונג און ליבע, און איז געװאָרן װאָס ער איז געװאָרן. באַרופענע קריטיקער און אָפּשאַצער װעלן איצטער, בײ דער געלעגנהײט פון זײַנע פופציק יאָר, געװיס פאַרנאַנדערקלײבן זיך אין דעם מהות דוד אײגנאַטאָוו אַלס קינסט־לער און שאַפער און אָנװײזן זײן אָרט אין דעם װאוקס פון דער אידישער ליטעראַטור. איך װיל דאָ אָנװײזן אויף זײן פאַרדינסטפולן אויפטו פאַר דער אַנטװיקלונג פון אונזער ליטעראַטור אַלס אָרגאַניזאַטאָר און אַרויס־געבער.

מיך אינטערעסירט די זײט טעטיגקײט שוין דערפאַר, װאָס אויך איך האָב בײ מײנע ערשטע שריט אין אונזער ליטעראַטור געמוזט זיך אָפּגעבן מיט אָרגאַניזירן און אַרויסגעבן. איך האָב אָרגאַניזירט אויסגאַבן, אום אַרײנצוברײנגען געװיסע אידײען אין די קרײזן פון דער נאָך נישט אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט. ער אָבער האָט אָרגאַניזירט אויסגאַבן, אום צו קאָנסאָלידירן אַ װײטערן שריט אין דער אַנטװיקלונג פון אונזער ליטעראַטור.

נאָך אין 1907 האָב איך זיך באַקלאָגט, אַז די אידישע ליטעראַטור איז נישט קײן גאַנצס. מיר האָבן אײנצעלנע שריפטשטעלער אָבער נישט ליטעראַטור־באַװאוסטזײן. זײ אַלײן, די שריפטשטעלער, די דיכטער און דערצײלער, האָבן נאָך נישט דעם באַװאוסטזײן, אַז זײ געהערן צו אַ קאָלעקטיװ, װאָס הײסט אידישע ליטעראַטור. דערפאַר איז יעדער אײנער פון זײ פאַר זיך אַלײן די גאַנצע ליטעראַטור און איז מבטל אַלע אַנדערע. אָבער אין דער אײגענער צײט, װען איך האָב געשריבן מײן אָנקלאַג, איז אויפגעקומען אַ נײער דור פון דיכטער און דערצײלער, װעלכער האָט רעװאָלטירט קעגן דער פאַראַכטונג און דעם ביטול, איבערגעקוקט אַריבער

די בוימער און דערזען דעם וואַלד און אויפגענומען דעם קאַמף פאַר אַ אידישער ליטעראַטור.

און דאָס איז דער גרויסער פאַרדינסט פון דעם אַפּשניט אין אונזער ליטעראַטור, וועלכער הייסט „די יונגע". זיי באַדייטן געווים אַ וויטערן פאַרשריט אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון אונזער ליטעראַטור, אָבער נאָך באַדייטנדיקער איז זייער אויפטו אין דעם, וואָס זיי האָבן אויף איר אַרויפגעצוואונגען דעם באַוואוסטזיין פון אַ קאָלעקטיוו, און אַ ליטעראַטור. און דוד איגנאַטאָוו אַלס אָרגאַניזאַטאָר און אַרויסגעבער האָט ביגעטראָגן צו דעם גאָר אַ גרויסן חלק.

דער עלטערער דור אידישע שריפטשטעלער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם וואָרט ז ש אַ ר ג אָ ן, ווי ער וואָלט געווען דער ריכטיקער און פּאַסיקער נאָמען פאַר דער שפּראַך פון זייערע שאַפונגען. זיי האָבן אים געברויכט, כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט די פאַראַכטונג, און די פּראַמיאַוסונג, וועלכע ליגן אין אים. דאָס באַווייזט צופעליקייט אין זייער אַרבעט. דאָס באַווייזט, אַז זיי האָבן געלעבט אין זייער אַרבעט אָן אַ צוקונפט. דער נייער דור, די „יונגע", וואָס זיינען אויפגעקומען מיט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, האָבן מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פּאַרמיאַוסונג. זשרגאָן איז געוואָרן אידיש, איז געוואָרן קולטור־שפּראַך. געוואָרן איבערלעבונג, דערגרייכונג. אַ יש, פאַר וועלכן עס איז אַ פרייד צו קעמפן און אַ גליק צו ברענגען קרבנות. די שפּראַכוויסנשאַפט האָט אויפגעדעקט די פאַרגאַנגענהייט פון דער שפּראַך, און נייע דיכטער און קינסטלער האָבן אויפגעהעלט איר צוקונפט. אידיש האָט אַראָפּ־געוואָשן פון זיך דעם זשאַרגאָן־פלעק און אַנטפּלעקט זיך אין אַ נישט־געאַנטער שיינקייט, אַ באַוואונדערטע, אַ היים געליבטע.

די אויסגאַבן פון דוד איגנאַטאָוו סימבאָליזירן מיט זיך אָט די דאָזיקע באַציאונג צו אידיש. פּראַכטפולע אויסגאַבן, וועלכע האָבן גע־קאָנט אַרויסגעבראַכט ווערן נאָר דורך קרבנות־ברייינגערייו, באַגייסטער־טער איבערגעגעבנקייט און ליבע.

איך געדענק דוד איגנאַטאָוון אין דער דרוקעריי ביים זעצן און דרוקן די „שריפטן". צו ווען זאָל איך אים פאַרגלייכן? אַ געטרייער פאָטער? אַ מוטער, וואָס טוט פאַר איר קינד ביז זעלבסטפאַרגעסנקייט? אַ געליב־טער, וואָס ליבט ביז טיפסטן ווייטיק?

איך ווייס נישט, פון וואָס ער האָט יעמאָלט געמאַכט אַ לעבן, און צו האָט ער יעמאָלט בכלל „געמאַכט אַ לעבן". ער האָט נאָר געהאַט איין זאָך פאַר זיך: די „שריפטן" זאָלן אַרויסקומען וואָס רייכער און וואָס שענער. נישט צוליב געשעפט — זיי זיינען אַרויס אין אַ קליינער צאָל עקזעמפּליאַרן — נאָר צוליב דעמאָנסטראַציע פאַר אידישער ליטעראַטור.

אויב דער אינהאַלט פון די „שריפטן" איז נישט געווען עפּאָכע־מאַכנדיק, איז עס אָבער געווים געווען זייער אויסערע פאָרם. איידער מען האָט אַריינגעקוקט אין דעם אינהאַלט, האָט מען געמוזט גלייך דערקענען די נייע באַציאונג צום אידישן וואָרט און צו זיין ליטעראַטור. עס איז געווען ליבע אין איר, און דרך ארץ, און שטאָלץ. מען האָט זיך גע־וואָרמט אין זייער אויסזען, אָבער אויך דער אינהאַלט האָט נישט אַנטוישט.

„שריפטן" זיינען געווען די אויסגאַבע פון א גרופּע. אויפן שער־בלאַט שטייט „פאַרלאַג אַמעריקאַ". איגנאַטאָוו נאָמען ווערט נאָר דער־מאָנט איבער זיינע שאַפונגען, וואָס זיינען אריין אין „שריפטן". ער ווערט נישט דערמאָנט נישט אלס רעדאַקטאָר און נישט אלס אַרויסגעבער. און ער איז דאָך געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין דער דרוקעריי, און דער איינציקער, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון באַצאָלן די רעכנונגען. וויפיל ענטוזיאַזם האָט ער געמוזט אין זיך טראָגן פאַר דעם אידישן וואָרט און דער אידישער ליטעראַטור!

דאָס זאָל אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

איגנאטאוו׳ס אייגנארטיקער פּלאץ
אין דער אידישער ליטעראטור

דר. ישראל וו. מאַרקוס

אינגאַטאָוו'ס אייגנאַרטיקער פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1907 האָט אַ יונגער, צאַרטער, פיינפילנדיקער דיכטער, געבענטשט מיט שעפערישע עמאָציעס, געפליגלטע וויזיעס און יונג־בחורישע אויפברויזן, געבראַכט זיינע ערשטע באַשיידענע גייסטיקע פרוכט, אלס מתנה, אין דעם טעמפל פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

און די אידישע ליטעראַטור, וועלכע איז דאַמאָלט נאָך געווען אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, איז געשטאַנען על פּרשת דרכים, אויף דעם שיידוועג, היינט עס.

דער אימיגראַציע שטראָם פון מזרח אייראָפּע, באַזונדערס פונם צאַרישן רוסלאַנד, וועלכער האָט זיך, מיט אַ מעכטיקן אימפּעט פאַרשטאַרקט אין די יאָרן פון 1905־6, האָט געבראַכט צו אונזערע ברעגעס אַן אידעאַליסטישע יוגנט און אינטעליגענטע שעפערישע כחות, וואָס האָבן אַריינגעגאָסן אין דעם אַמעריקאַנעם אידישן לעבן יונגע, פרישע, קאַמף־לוסטיקע קולטור־כחות.

די אידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט שוין געהאַט אירע אייגנעפונדעוועטע שאַפער און בוייער פון דעם עלטערן דור, האָט אָנגעפאַנגען צו באַקומען נייע יונגע ריכטונגען פון די פרישע ליטעראַרישע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען אין דעם אידישן צענטער — נויאָרק.

די יונגע דיכטער, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָדע פון „שטורם און דראַנג" אין אייראָפּע, וואו זיי האָבן איבערגעלעבט גייסטיקע איבערברוכן, זיינען ניט צופרידן געווען מיטן אַלטן נוסח און מיט די סקאַרבאָווע פאָרמען, וועלכע די אידישע ליטעראַטור האָט דאַן געהאַט. זיי האָבן אויך רעוואָלטירט געגן די „אַלטע הײם" און „שטעטל"־מאָטיוון וועלכע האָבן דאַן פאַרכאַפּט און באַהערשט די גאַנצע טעמאַטיק פון דער אידישער אימיגראַנטן־ליטעראַטור.

דער באשרענקטער פלאץ ערלויבט ניט זיך אפצושטעלן אויף דער אינטערעסאנטער קאמף פעריאדע צווישן די אזוי גערופענע „יונגע" און „אלטע" ריכטונגען אין דער אידישער ליטעראטור פון אמעריקע.

די יונגע האבן זיך געריסן, צו נייע פארמען און א נייעם אינהאלט, וואס זאל אפשפיגלען דעם אמעריקאנעם אידישן לעבן, און צו מאדערנע ליטעראַרישע ווערטן, אומאפהענגיק פון דעם אידיש, דאמאלט ניט ראַר־פינירטן לייענער־עולם.

די „אלטע" האבן זיך גע'חוזק'ט איבער די „יונגע" און די לעצטע האבן מבטל געווען די ערשטע.

זייענדיק ערלאך צו זיך, מיט א ריינער אידעאליסטישער באציאונג צו זייער שעפערישקייט, האבן די „יונגע" ניט געמאכט קיינע פשרות, געליטן הונגער און נויט און זיך ניט פארקויפט צו דער פרעסע, און מיט ארימע מיטלען אנגעפאנגען ארויסצוגעבן אן אייגענעם זשורנאל, אונטער דעם נאמען „די יוגנט".

און אין אט דעם זשורנאל האט דער יונגער דוד איגנאטאוו פאר־עפנטלאכט זיין ערשטע דערציילונג „די דערוואכונג". פון אט דעם זשורנאל האט די גאנצע באוועגונג פון דער נייער ריכטונג אין דער אידישער ליטעראטור געקראגן דעם נאמען „די יונגע" — ביי די „אלטע" לגנאי און ביי די „יונגע" לשבח.

זינט יענער צייט איז דוד איגנאטאוו אידענטיפיצירט געווארן אלס איינער פון די חשוב'סטע פארטרעטער פון דער יונגער ריכטונג אין דער אמעריקאנער אידישער ליטעאטור.

זיין צווייטע ליטעראַרישע שאפונג איז געווען א באוועלע „צווי קרעפטן", וועלכע ער האט ארויסגעגעבן אין 1908, און זינט 1912 ביז איצט, האט ער באריכערט די אידישע ליטעראטור מיט א צאל ראמאנען, דערציילונגען, וועלכע פארנעמען אן אייגנארטיקן פלאץ אין דער אידי־שער ליטעראטור. ער האט אויך רעדאקטירט די זאמל־ביכער „שריפטן" פון 1912 ביז 1926 מיט געוויסע איבעררייסן.

דוד איגנאטאוו איז א מייסטער פון קינדער דערציילונגען און אויף דעם געביט האט ער פיל בייגעטראגן צו דער אידישער ליטעראטור.

צווישן די באדייטנסטע ראמאנען און דערציילונגען פון דוד איג־נאטאוו זיינען „אין קעסעל־גרוב" (א ניו יארקער ראמאן); „צווישן צווי זונען" (פיבי'ס ראמאן און אנדערע נאוועלן); „דאס פארבארגענע ליכט" (געבויט אויף מעשות פון רב נחמן בראסלאווער); „וואונדער מעשות פון

אַלטן פּראַג" און זיין לעצטער גרויסער ראָמאַן אין דריי ביכער, „אויף ווייטע וועגן", וועלכער האָט אַרויסגערופן פאַרשיידענע מיינונגען און דעבאַטן אין דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק, ווי אויך גרויס אויפזען אין אַלע לייענער קרייזן.

די הויפּט מעלה פון דוד איגנאַטאָוו איז, וואָס ער איז אַזוי טיף פיינפילינג, אַזוי ריין און אמת'דיק אין זיינע עמאָציעס. ער איז מער דיכטער ווי דערציילער, מער ליריש ווי דראַמאַטיש. זיינע דערציילונגען זיינען אָבער אָנגעגאָסן מיט אַזוי פיל חן און דורכגעוועבט מיט אַזעלכע פּאָעטישע שילדערונגען, דאָס דער לייענער ווערט הינגעריסן פון זיינע חלומות, וויזיעס איבער מענש און נאַטור, וועלט און לעבן.

דוד איגנאַטאָוו געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון יענע גרויסע קינסטלער, וועלכע בלייבן אייביג יונג. ער איז אַזוי נאַאיוו יוגנטלאַך אין זיינע חלומות און אַזוי גראַציעז טרוימעריש אין זיין באַציאונג צום לעבן. זיין קינסטלערישע נשמה ווערט געפירט פון אַ טיפער מיסטישער אינטעליגענץ, וואָס לאָזט אים אַריינבליקן אין די מיסטעריעז פון מענטש און לעבן, און דעריבער זיינען זיינע העלדן גאַנץ אָפט, ניט רעאַליסטיש געשילדערט. זיי זיינען מער פאַרגייסטיגט ווי פאָלקבלוטיק.

פאַרגייסטיקט און נשמה'דיק זיינען אויך די פיינע פאַרבן, מיט וועלכע ער מאָלט זיינע בילדער.

אָבער הן הן גבורותיו, דאָס איז טאַקע זיין גרויסקייט, וואָס ער האָט באַרייכערט די ליטעראַטור מיט אַזעלכע שיינע וועלטן, וועלכע טראָגן דעם שטעמפּל פון זיין, איגנאַטאָווס, קינסטלערישער פּערזענלעכקייט.

ווען איך לייען דוד איגנאַטאָוו'ן, פיל איך תמיד, ווי איך וואָלט געשטאַנען אין אַ שיינעם זומער־מאָרגן ביים לייק, איבער וועלכן די יונגע פלאַמענדיקע זון איז ערשט אַרויסגעקומען ביים זוים פון מזרח־ברעג. פון דעם לייק הויבן זיך אויף לייכטע ציטערדיקע און זיידענע מאָרגןנעפּלען, וועלכע פליען זיך גראַציעז אַרום אין דעם בלאָען, מיט דימענטענעם שטויב שימערירנדיקן לופט. און אַלץ זע איך הורך דיזאַזיקע שוועבנדיקע מאָרגן־נעפּלען און די גאַנצע נאַטור דערשיינט פאַר מיר אין נייע פּרעכטיקע באַוועגנדיקע קאָלירן; און איך פיל אַ התרוממות הנפש און ווער פאַרכאַפּט פון דער גראַנדיעזער פּאַנאָראַמע און עס פילט זיך ווי זאָגן שירה צום באַשעפער פון אַזאַ שיינער וועלט.

אַט דערמזעלביקן אַנטציקנדיקן געפיל האָב איך, ווען איך לייען איגנאַטאָוו'ס דערציילונגען, וועלכע דעקן פאַר מיר אויף איגנאַטאָוו'ס וועלטן . . .

איך האָב שוין אַמאָל געשריבן, אַז איגנאַטאָוו רופט אַרויס ביי מיר אַן אידייען־אַסאָסיאַציע פון קנוט האַמסון, הגם מ׳קאָן אים ניט פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן „פאַראומערטן נאָרוועגיער". ער האָט, אָבער, עטוואָס פון זיין לירישן צאַרטן אומעט, עטוואָס פון זיין מיסטישער פאַר׳חלומט־קייט און זיינע פאַרנעפּלטע וויזיעס, וועלכע קלאַפּן און קלאַמערן זיך ביי די טויערן פון דעם אין סוף . . .

און דעריבער איז דוד איגנאַטאָוו אַזוי אינטערעסאַנט און אָנרעגנ־דיק, ניט קוקנדיק, וואָס ער איז טאָנכעסמאָל פּסיכאָלאָגיש ניט אויסגע־האַלטן. וואָלט איגנאַטאָוו געשטאַנען מער מיט די פיס אויף דער ערד, וואָלט ער, אפשר, געווען איינער פון אונזערע גרעסטע וואָרט־קינסלער, און זיין שטיל און קינסטלערישער וועלט באַנעם וואָלט א גאַנצע שולע געשאַפן. וואָרום ער פאַרמאָגט אַן איינגאַרטיקן קרעאַטיוון טאַלאַנט וואָס טיילט אים אויס פון אונזערע איבעריקע שרייבער און גיט אים א באַזונ־דערן פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור, וועלכער קען ניט פאַרנומען ווערן פון קיין אַנדערן.

און דאָס איז זיין גרעסטער פאַרדינסט פאַר דער אידישער ליטע־ראַטור און איצט, ווען די אידישע ליטעראַרישע וועלט פייערט זיין פופציק יעריקן יובילײ, לאָמיר אים ווינטשן נאָך לאַנגע יאָרן פון א גליקליך און געזונט לעבן און פרוכטבאַרן שאַפן.

עפיזאדן

יהודה טאָפּעל

עפּיזאָדן

1

ערשטע באַגעגעניש

איך דאַרף גיין צו דוד איגנאַטאָוון דאָס ערשטע מאָל. איך האָב באַקומען ערגיץ אַ בוך „שריפטן" און לייען זיין „פּיבי". דאָס איז פאַר מיר דאָן אַ נייער אידיש, און אַ יונגער נייער איך. אַזאַ איך איז עפּעס נישט דער מין איך וואָס איך קען צו יענער צייט. ער פאַראינטריגירט מיך. איך וואונטש זיך נאָר איך זאָל ראָה זיין ווערן פריינט מיט אַזויגע גלויביקע, פריע אידן.

די שטוב באַ איגנאַטאָוון געדענק איך נאָר אַז זי איז געווען העל, כמעט וויס. אין אַ צווייטן צימער פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין באַזוך איז געווען זיין יונגע פרוי מיט זייער זון א וואָך צו צוויי אַלט. אין שטוב איז געשטאַנען אַ פּיאַנע נאָר איך געדענק נישט וואו. צו בילדער זענען געהאַנגען אויף די ווענט געדענק איך גאָר נישט. נאָר אַ טיש געדענק איך, צווישן צוויי פענצטער, און איגנאַטאָוון א יונגען און אַ פלינקן. איך געדענק איהם אויף אַ בענקל זיצענדיג. איך געדענק אים אַ לענגערע צייט, שטייענדיג באַ דער טיר מיך אַרויסבאַגלייטנדיק. וואָס מיר האָבן גערעט געדענק איך שוין נישט. נאָר זיין מונטערקייט און גלויבן וואָס האָבן נאָכדעם גענומען שוועבן איבער מיר מיך באַגלייטנדיק איבער די לאַנגע, פאַרשנייטע, שטילע גאַסן פון ברוקלין, פיל איך נאָך היינט.

2

דאָס אָרט וואו עס שלאָפט דער שטורם

די פרוי טראָגט מיטן צווייטן קינד. זי זיצט באַטאָג אין שטוב באַ אַ פענצטער און קוקט אַרויס אין דרויסן. איך גיי אַרום מיט איגנאַטאָוון אין דער גאָס קייגנאיבער די פענצטער. אַ פעלד מיט צעוואַקסענעם גראָז איז דער הויף באַ דער שטוב. מיר שפּאַצירן איבער די ליידיקע גאַסן.

איגנאַטאָוו דערציילט מיר עפּיזאָדן פון דעם בוך וואָס ער שרייבט און וועגן די פאַרפּלאָנטערטע געשעפטן אַרום דעם אַרויסגעבן פון „שריפטן". אין מיטן שטעלט זיך איגנאַטאָוו אָפּ, ווייזט מיר אַז אַף אַ גרוי אָרט אין מיטן פון גרינע „לאַטס" און דערציילט מיר אַז זיין יונגער זון דניאל זאָגט אַז דאָרטן וואוינט דער שטורים. אַף דעם אָרט וואַקסט אויך אַ הייכער בוים. דער קליינער זון לאָזט זיך ניט פאַרבייפירן אַט דעם אָרט. — ער האָט מורא אויפצוּוועקן דעם שטורם.

3

צו קאָן מען זיין פונקט אַזאַ איד?

איך וואוין אין אַ קליין שטיבל אויף 23טער גאַס. איגנאַטאָוו קומט אַפּט אַרויף אויף אַ ווייל און בלייבט שוין עטלעכע שעה. מיר גייען אַראָפּ „אויף אַ קאַווע", און איך באַגלייט אים צום „על". נאָך מיר רעדן נאָך, און ער גייט נישט אַרויף אויף דער סטאַנציע און שלאָגט פאָר מיר זאָלן אומשפּאַצירן אַרום דעם גרעמערסי פּאַרק. מיר שפּאַצירן אַזוי אַ שעה און צוויי. ער דערציילט מיר זיינע פאַנטאַסטישע חלומות. ער פירט מיך דאַן צוריק אָפּ צו מיין הויז, וואו מיר בלייבן שטיין אין דער טיר אַ היפּשע צייט שמועסנדיק וועגן דעם צו קאָן אַ איד זיין פּונקט אַזאַ איד ווען ער שרייבט אַף אַ פרעמדער שפּראַך, און וועגן דער איינגאַרטיקער מיסיע פון אידישן פאָלק.

4

אַפן באַרג „ביקאָן"

איך פאַרמאָג אַ קליין שטיבל אויף דעם באַרג ביקאָן וואָס איבערן האָדסאָן־טייך. איך וואוין אויף דער אַנדערער זייט טייך, אין ניובורג. אַ פּריוואַטע צוגנאַבטס קומט איגנאַטאָוו צו מיר אויף אַ באַזוך. מיר קויפן איין עסן אויף צוויי טעג, פאָרן אַריבער דעם האָדסאָן צום באַרג. ס'האָט פאַרנומען אַ סך צייט דאָס צוקומען צום באַרג, און די שלעפּ־באַן וואָס נעמט אַרויף אויפן באַרג האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט פאַרן אוונט. איגנאַ־טאָוו באַשטייט דאַרויף אַז מיר מוזן אַרויף און פאַרברענגען די נאַכט אויבן, אויפן באַרג. מיר קלינגען צו דער סטאַנציע אויבן ביז וואַנען מען שיקט אַראָפּ נאָך אונז. נאָר אויבן וואו די באַן שטעלט זיך אָפּ איז נאָך אַ היפּשע שטרעקע ביז דעם שטיבל וואָס ליגט צווישן פעלזן און ביימער, אויף דער אַנדערער זייט פון הויכן באַרג־שפּיץ. נאָר איך ווייס שוין דעם וועג אַהין אפילו אין דער פינצטער. איגנאַטאָוו אָבער וויל דאַווקאַ גיין אויף אַן אַנדערן וועג, וואָס איז מיר נישט באַקאַנט. און איך האָב מורא

מיר וועלן בלאנדזשען. נאר די לבנה שיינט. און כאטש עס איז שווין שפעט אין דער נאכט, טו איך אים צעליב און געטרוי זיך מיט אים דעם צופאל, וואס דארף אונז ארויספירן אויף א וועג, וואס זאל מיר זיין באקאנט. פאר א שטיקל וועג ליגט א ברייטלעכער שלאך — נישט איבער־ריק פלאך און גלאט, פארווארפן מיט שטיינער און אראפגעבראכענע צווייגן. דאס ליכט פון דער לבנה און די אומהדיקע שטילקייט מאכן צופילן ווי אויף א פרעמדער וועלט, א חלום־וועלט. אן אומרואיקייט ציטערט בא מיר אין הארצן און איך ווארן איגנאטאוון אז מען קען דא אנטרעטן אויף א שלאנג. „איך האב ליב שלאנגען," ציטיר איך איגנאטאוון. „טאפעל, בייסט זיך אפ דעם צונג," שרייט אוים איגנאטאוו, און איך פיל א שרעק אין זיין אויסגעשריי, און א טרוקענע צווייג גיט א קנאד אונטער די פיס.

5

דאָס מינדסט ווייס וואָלקנדל

אין א פריען־פרילינג פארנאכט. אויף א וועראנדע פון א הויז אין ביקאן־בארג. איגנאטאוו שטייט א פארטראכטער און קוקט ארוים אויף דער גרויסער אפנקייט, וואס איז הויך און ברייט צעפראלט איבערן טייך. די וואלקנס טאנצן פאר דער שטארבנדיקער זון א רייכן טאנץ. די זון וואתפט איך ליכט מיט אן א שיער ברייטהארציקייט. דער ווינט רייסט ארוים פון מאל צו מאל אן אנדערן טענצער פון די וואלקנס. די זון יאגט אים נאך, דעם טענצער, לאכט צו אים גאלדיק רויט. די ערד ווי א שיף קערט זיך אפ פונם גאלדענעם טענצער, באוואחפט אים מיט פלעקן בלוי און גרין, און שווארץ. און די ערד, די זון און דער ווינט, טאנצן אריין צווישן די טענצער, און עס ווערט פו דעם אזא יובל, אזא פארביקער געשריי, אזא באוועגליכער תוהו ובהו, אז עס פארכאפט דאס אויג, דאס הארץ און דאס געמיט, און איגנאטאוו זאגט צו מיר דאן אין געשפרעך: עס איז מיר ליבער א מינדסט ווייס וואלקנדל, וואס א מענטשנם האנט האט אויפגעמאלט, איידער די דאזיקע גאנצע רייכע צופעליקייט. פונ־דעסטוועגן זע איך ווי שטארק ערשיטערט ער איז פון אט דעם צופעליקן בילד. איך שפיר דורך זיינע ווערטער ווי ער ראנגלט זיך מיט דעם דאזיקן פענאמען. ער זוכט פאר אים — ווייזט אוים פארט א קונסט תיקון, ער וויל אים פארוואנדלען אין קונסט.

די נאכט פאלט־צו. דער הימל איז פול מיט גרינע שטערן, און שטייענדיק אזוי פארטראכט רעט איגנאטאוו צו זיך, צו מיר, צו דער

נאכט: ווען איך קען אזוי אנעמען דעם הימל מיט די שטערן ווי צווי פליגל אונטער די הענט און אזוי א פלי טאן אין דער אונענדליכקייט אריין.

6

אַף ווייטע וועגן

אין בייסייד, לאנג איילענד, האבן מיר—איינציקע מאלער—א גרויס חרוב הויז, א געוועזענער פאלאץ, וואו מיר פארברענגען דעם זומער. יעדער האט זיך זיין שטוב, אויף די ערשטע צוויי שטאק. גרויסע ליכטיקע שטיבער, נאר פון די ווענט פאלט שטוקער קאלך, דעסגלייכן פון סופיט. דער דריטער שטאק, איז גאר א חורבה. נאר איבער דעם, אויפן פערטן שטאק, איז פאראן אן אכט-עקיקער צימער, מיט פענצטער ארום און ארום, אין אכט זייטן, דורך די פענצטער, ווי ווייט איינעמס אויג קען גרייכן, באזונדערע אויסקוקן: פעלד, טייך, גלעזערנע, לאנגע הייזער פאר בלומענקולטור.

מיר בעטן איגנאטאוו קומען אויף צוויי וואכן וואקאציע פארנעמען א צימער צוזאמען מיט אונז אין דעם חורבן פאלעץ.

איגנאטאוו קלייבט פאר זיך גלייך אויס דעם צימער מיט די אכט זייטן, וואס איז אפגעזונדערט פון אלע דורך דעם דריטן גאר-חורבן שטאק. ער בעט מען זאל נישט קומען צו אים, ער בעט מען זאל אים נישט ערווארטן בא זיך, די צוויי וואכן פון זיין אפרו. צומערשטן לאזט ער אפקראצן די ברוטאלע פארשרייבונגען וואס האבן זיך געפונען אויף די ווענט. לאזט אפוואשן דעם דיל, שלעפט צוזאמען א טישל מיט א שטול, מיט א מאטראץ, און זעצט זיך אוועק שרייבן. באטאג שרייבט ער באם ליכט פון אלע אכט עקן הימל, בא נאכט בא א נאפט-לעמפל. — פון פילע קוואלן האבן געפלייצט די וואסערן ביז זיי האבן זיך באגעגנט אין איין ארט, און דארט פון דאסניי זיך צעטיילט און ווייטער געפלאסן „אף ווייטע וועגן", און באוואסערט און באפרישט די געגנט.

מיר באזוכן אים נישט. דא אויף דעם פלעקיקן דיל שפרייט איגנאטאוו אויס זיין רייד-געשריבענעם טעפיך. דא פירט ער לאנגע געשפרעכן מיט זיין בלוט-פארוואנדטן ברעמאן. דא, אין דעם נאכטיקן צימער, שפילט זיך אפ די אימהדיקע און שיינע נאכט אויף דער אמעריקאנער פרעירי ווען די פייגל קומען געפינען ווארימקייט אין דעם בוזים פון דעם געלייטערטן ברעמאן. דא נעמט איגנאטאוו אויף ווי א גאסט אויך דעם כל-בוניק, גאבריעל, כאטש ער האט אים אזוי פיינט. זיינע געסט זיינען דא אויך די וואונדערליכע גערטרוד און דער גוטמוטיקער פעטער שנייער, און מיר זעען פאר קורצע מינוטן איגנאטאוו, יעדן טאג בלאסער און ליכטיקער.

7

דאָס געוויין

איך געדענק נישט מער פון יענעם זאָנדערליכן טאָג ווי דאָס: אַז איגנאַטאַוו איז געזעסן בײַ זיך אין הויז פאַרנאַכט — קיינער איז נישט געווען אחוץ מיר ביידע — און אַז איגנאַטאַוו האָט געוויינט. ער איז אַזוי געזעסן און האָט אָנגעהויבן וויינען. איך האָב נישט געוואוסט פון אַן אורזאַך פאַרוואָס ער זאָל וויינען; אַ מאַן, און איגנאַטאַוו זאָל וויינען! און איך געדענק אַז איך האָב נישט מיטגעוויינט, נאָר אַז זיין געוויין האָט אויף מיר געדריקט און געלאָסטעט לאַנג דערנאָכדעם. און דאָך וואָלט איך נישט אויסגעטוישט יענע דערפאַרונג אויף קיין שום אַנדערע דערפאַרונג, כאָטש איך וואָלט געקענט געבן אַ יאָר פון מיין לעבן אַז איגנאַטאַוו זאָל נישט האָבן געדאַרפט וויינען.

8

אין דרוקעריי

אין דרוקעריי דרוקט מען „די שריפטן". דאָס הייסט, אַ מען דרוקט, אַ מען זעצט, אַ מען קאָרעגירט נאָך. איגנאַטאַוו נעמט נאָך אַפילו אַן נייעם מאַטעריאַל, וואָס ער דאַרף ערשט לייענען. ער זעט זיך נאָך מיט מאָלער און קלויבט נאָך בילדער. דאָס בוך ליגט נאָך צעשפּרייט אויף שבעה ימים, נאָר בײַ איגנאַטאַוון איז שוין דער פּלאַן פאַרטיק אין קאָפּ. און דאָס בוך איז אין דרוק. די מאַשינען קלאַפּן טויב צו ווערן. מען הערט נישט אַ וואָרט. און גלייכער אַז מען הערט נישט — די זעצער שילטן מיט ביטערע קללות. דער „באָס" שווערט זיך אַז מער וועט ער נישט נעמען פון איגנאַטאַוון קיין אַרבעט, ער לייגט צו דעם קאָפּ. נאָר איגנאַטאַוו באַשטייט אויף דאָס זייניקע, דער בויגן מוז צוריק איבערגיין צום קאָמפּאָזיטאָר, ווייל די לאַנגע צייכענונג, פון אַ נאַקעט מיידל, וואָס גייט אַריין אין טעקסט, איז פאַרוקט אין אַ ניט געהעריקער פּראָפּאָרציע פון זאַץ, איז ווי אויף אַ פרעמדער חתונה, און דאַרף איבערגעשטעלט ווערן. דער קאָמפּאָזיטאָר טענהט: עס איז נישט געהערט געוואָרן מען זאָל דאַרפן זיין אַזוי „פּאַרטיקולער" מיט אַ אידיש בוך און מיט „פּיקטשעס" צווישן טעקסט, און נאָך וואָספאַרא פּיקטשעס! עס העלפט אים אָבער גאָרנישט. איגנאַטאַוו איז אַ גרעסערער עקשן אַפילו ווי דער דאָזיקער קאָמפּאָזיטאָר. און וואָרטשענדיק אַזוי מאַכט דער איד איבער דאָס בלאַט, און עס ליגט שוין ווידער אין דער דרוק מאַשין. די מאַשין קלאַפּט און וואַרפט אַרויס אַ פּריוו-בויגן. נאָר דאָס נאַקעטע מיידל האָט עפּעס נישט קיין מזל צום אידישן דרוקער און זי דרוקט זיך זער בלאַס.

בעטן באַם דרוקער וואָס מען האָט אים שוין אָפּגעשטעלט היפּשע עטליכע מאָל אונטערצוהויבן די צייכענונג זי זאָל זיך אויסגלייכן מיטן זאַץ און זיך דרוקן אין זעלביקן טאָן מיטן זאַץ, איז שוין כמעט ריזיקאַליש. באַ יענעם האָט שוין אויך גענלאַצט דאָס געדולד. דער שווערער אַרבעטער זעט נישט וואָס איז צו דרייען אַ ספּאַדיק איבער אַזאַ קלייניקייט, איין בלאַט העלער, איין בלאַט עטוואָס טונקעלער, איין בוך וועט דאָך נישט זיין אין גאַנצן בלאַס און דאָס אַנדערע אין גאַנצן טונקל, עס וועט זיך אויסגלייכן. נאָר איגנאַטאָוו, כמעט אַן רייד נאָר מיט די שאַרפע אויגן, באַשטייט אויף סזייניקע, און די אַרבעט ווערט געטאָן — נישט מיט ליבשאַפט, נישט מיט פרייד מצד דעם אַרבעטער — נאָר פאַרט געטאָן.

די גערעכטע עקשנות פון איגנאַטאָוון באַצווינגט די מאַשין און די מענטשן באַ דער מאַשין, אפילו דעם „באָס", וואָס שפּרינגט אַרום צווישן שאַפּ און אָפיס ווי אַ טיגער. ער באַצווינגט זיי אַלע אָן געשרייען, אָן קללות, אָן גראָבן כח, און דערמיט טאָקע באַצווינגט ער זיי, און דער־הויפּט ווייל ער ווייס וואָס ער וויל. און אַז עס קומט אַרויס דאָס שיינע בוך זייענען זיי צום סוף אַלע צופרידן. דורך זייערע הענט, איז אַרויס אַ שיין בוך. איגנאַטאָוו'ס יום טוב איז אויך זייער יום טוב.

9

שטענדיק קינסטלער

איגנאַטאָוו שטייט פאַר זיין הויז און מיט אַ שער שניט ער אַרום די ביימלעך וואָס וואַקסן פאַר דער טיר. פרילינג. מיט אַ גרויסער איי־זערנער שער צופּט ער אָפּ די בלעטערדיקע צווייגלעך. דאָס בוימל טאָר נישט פאַרנעמען מער אָרט ווי אים קומט. אין היפּל הינטערן הויז שטייט אַן איינציקער עפּל־בוים אויף וועלכן עס וואַקסט מאַנכעס יאָר אַן איינציקער עפּל. נאָר דער בוים באַקומט די פיינע ערנסטע באַדינונג סיוויי. איך געדענק דעם בוים פון מיט יאָרן צוריק. ווי פון אַ דין בוימל איז דאָס געוואָרן דער היפּשער בוים מיט דער פיינער געזונטער גלאַטער הויט ווי אויסגעוואַשן און מיט די הענט געפּלעגט. זיינע אַ צוויג וואָס מען האָט אים אָפּגעשניטן, איז אַליין שוין גרעבער ווי דער אַמאָליקער בוים. געזונט איז ער אויך, נאָר מען האָט אים געמוזט אָפּשניידן ער זאָל נישט אָפּנעמען די נאַרונג פון דעם הויפּט־שטאַם און זאָל אויך נישט וואַקסן אין די פענצטער אַריין. דאָס גראָז איז פיין־געשניטן איבער די עטלעכע סקווער איילן ערד. און די רויזן־בוימלעך און די וויינטרויבן־צווייגלעך פילן אוים דעם קליינעם גאָרטן. און אַזוי באַשיידן און פיין צוגענומען איז דאָס הויז מיט די שטיבער.

דאָס וואָס איך האָב אַמאָל נישט באַמערקט, די פיאַנע מיט די בילדער, זיינען מיר יעצט אָנגעגעם אַנזעעוודיק. די נעטע פיאַנע מיט דעם אויפגעהויבענעם פליגל הערט פון אונטער דער ווייבס פינגער. באַך, שאָפּען, בעטהאָווען און בראַמס: און די בילדער וואָס חברים האָבן געמאָלן זינגען פון די ווענט אַראָפּ. די פרוי באַהאַלט זיך נישט שעמעוודיק אויס פון די פריינט ווי אַמאָל. זי זיצט באַם טיש ווי אַ קעניגין. די טאָכטער מיט אַ ניצוץ פונם טאַטן, דערציילט אירע חלומות. דער זון קומט שפּעט אַהיים פון זיינע פילפאַכיקע אַרבעטן. מיטן כח וואָס ער האָט איבערגענומען פון טאַטן ראַנגלט ער זיך, קייגן דער טראַדיציע פון טאַטן. דווד איננאַטאָוו איז נאָך אַלץ דער נייער איד און קינסטלער, מיטן גרויסן בטחון, מיט די פרישע לעבהאַפטיקע זעאונגען.

אַלץ ענדערט זיך אַרום דעם קינסטלער, א חוץ דער קינסטלער. איביק בלייבט ער, דערקענטליך. ער וואַרפט אַרויס פון זיך גייסט און וויזיעס, נאָר ער נוצט זיך דערמיט נישט אָפּ. ער מאַכט דעם חלל פול מיט זיך. און דער חלל וויברירט מיט זיין ליכט און מיט זיין געזאַנג.

חיים קרול (דוד איגנאטאוו)

א קארניוואל

מיט דיין שטריינגקייט —
מיט דיין אויסגעהאַלטנקייט
וועקסטו אין מיר אויף
א דרך ארץ צו דיר.

ווי איך בייג מיין קאָפּ
מיט טיפער ליבשאַפט
פאַר דיר,
שאַפער פון ווייטע וועגן. —
ווי דו פירסט ארויס
א גאַזעל —
א הירש —
צוויי פרינצן
פונם אויסדערוויילטן פאָלק.

וועקסט אין מיר אויף
פאַרשיידענע מחשבות —
ווי זיי גאַנצן זיך
אין מעשים.

דאַ זע איך —
ווי דו ציסט דיינע ווייטע וועגן
דורכן הארץ פון נויארק —
אַף גאַסן
א יומטובדיק געקליידטער עולם;
א קארניוואַל.
מוזיק.
פענער —
דאַ זע איך —
ווי א קאַראַוואַן פון גאָלדענע קעמלען
מיט זילבערבנעם געשפּאַן
ציט
אין מיטן פון דער שטאָט.

איך בייג מיין קאָפּ
מיט טיפער ליבשאַפט
פאַר דיר.

דוד איגנאטאוו'ס טרילאָגיע
„אויף ווייטע וועגן"

יעקב גאָטליב

דוד איגנאַטאָװ׳ס טרילאָגיע „אויף װײַטע װעגן"

(פראַגמענט)

דוד איגנאַטאָװס כונה איז געװען: אויפן פאַן פון געשיכטלעכע פּאַסירונגען אין אידישן לעבן — מאַניפעסטירן זײַן קינסטלערישן אמת, זײַן אינערלעכן, נשמהדיקן צוגאַנג צו מענטש און װעלט און במילא שוין — זײַנע קינסטלערישע מעגלעכקײטן. דאָס איז דוד איגנאַטאָװן אין גאָר א גרױסער מאָס געלונגען. און אַזױ אַרום — זוכנדיק בײַ דוד איגנאַטאָװן געשיכטע, געפינען מיר גאָר יענע דערפרײַענדיקע שטיק װירקלעכקײט פון מענטשלעכן גײַסט, װאָס יעדער עכטער קינסטלער קנעט זי אַרײַן אין זײַן װערק.

װי צװײ ליכט־זײַלן הײבן זיך אַרױס אין דוד איגנאַטאָװ׳ס װערק די הױפּט־העלדן: בּ ע ר מ אַ ן און ג ע ר ט ר ו ד. זײ זײַנען ניט נאָר די הױפּט־העלדן פון װערק. זײ זײַנען אױך די צװײַיענדיקע נשמה פון בוך, די זון און די לבנה װאָס פילן אָן דאָס בוך מיט לעבן און מיסטעריע. זײ זײַנען אַזױ גרינטלעך און אַזױ ר ע אַ ל אין זײער װיזיאָנערישער דער־שײַנונג, געשילדערט אין בוך, װי זײ װאָלטן באמת אַרױסגעשניטן געװאָרן פון דיכטערס ליבּ און חלום.

בּערמאַן — די פאַרקערפּערונג פון דוד איגנאַטאָװן דעם מענטש, גערטרוד — פון דוד איגנאַטאָװן דעם קינסטלער. און אַזױ װי מענטש און קינסטלער גײען תמיד געאָרעמט, װירקן טאַקע בּערמאַן - גערטרוד װי אײן צװילינג־געשטאַלט, װאָס זײַנען פון לכתחילה אױף דער װעלט גע־קומען אונטערצושטרײַכן אײנער דעם צװײטנס געראַנגל און קיום.

בּערמאַן איז דער נײַער איד פון דעם נײַעם אידישן ישוב, ער קעמפט פאַר פּראָגרעסיװע לעבנספאָרמען, פאַר דער איבּעראַנדערשונג פון מענטש־לעכן דענקען און באַנעמען. בּערמאַן איז אָבּער ניט דער פלאַכער דאָגמאַ־

טיקער. ער איז דער סינטעטישער צונויפוואוקס פון איד און מענטש. ער איז אליין אן אחויסוואוקס פון שענסטער דורותדיקער אידישער טראדיציע, ניט אין איר טויטער פארם. אין די אמת'ן פון דער אידישער געשיכטע זוכט בערמאן ב א ש י י ד פאר די פראבלעמען פון זיין צייט, ווי אויך פאר די רעטענישן פון זיין גייסט; זוכט און געפינט. ווייל בערמאן איז טרוימער און קעמפער צוזאמען. ווי מען קען ניט פונאנדערטיילן ביי אים פארגאנגענהייט פון היינטצייטיקייט, קען מען ביי אים אויך ניט פונאנדערשניידן טרוים און וואר. ווייל ווירקלעכקייט אליין איז די פארשטיינערטע פארם פון חלום. און דאס איז אויך דער שליסל צו דער מאדנער ע ק ש נ ו ת, וואס שטעמפלט בערמאנס כאראקטער. ווי א פיאנער פון נייעם אידישן ישוב, וואס פרעדיקט הויכע אמת'ן פאר די מאסן, איז בערמאנס לעבנס־וועג ע ר א נ ג ל. געראנגל מיט דער וועלט און אויך מיט זיך. בערמאן איז אבער דער זיגער. ער זיגט אפילו ווען ער פאלט. ווייל געראנגל אליין טראגט שוין אין זיך — זיג.

אויב בערמאן איז פארקערפערונג פון מענטשלעכן ווילן, פון מענטשלעכן געראנגל, איז גערטרוד — פארקערפערונג פון מענטשלעכן חלום. גערטרוד, מיט איר ליכטיקן אויפגעקשלאנקטן לייב, מיט די ברייט אפענע אויגן, וואס אין זייער קלארקייט שפיגלט זיך — סוד פון לעבן.

מיט א סך ליבע און פרייד איז געפורמט דורך איגנאטאוו'כן האנט די גערטרוד־געשטאלט. ווי דער שעפער וואלט זיך אליין איינגעליבט אין מעשי ידיו. גערטרוד וואקסט אויס אין איר יונגטלעך־נאאיווער אייגנליבע, אין איר מאדנער שיינער עקשנות — צו דער אויסגעחלומטער געשטאלט וואס נעסט אין די פאחהוילענסטע קעמערלעך פון מענטשלעכן ווען.

די עיקר מעלה פון דוד איגנאטאוו איז אין דעם, וואס זיינע צוויי ליבלינגס־העלדן זיינען ניט אבסטראהירט נאר אטעמען מיט לעבן. שטייענדיק ביים שוועל פון דער געפאר צו נעמען שטיקער וואר און פארוואנדלען אין הוילער אבסטראקציע, האט דוד איגנאטאוו דערגרייכט דאס להיפוך'דיקע: בערמאן־גערטרוד זיינען אין זייער תוך ס י מ ב א ל ן, סימבאלן פון מענטשלעכן געראנגל און אידעאל, זיי זיינען אבער אזוי קערנדיק, אזוי פולבלוטיק, מיט אזוי פיל ליבע געמייסטערט, אז זיי ווירקן אויף אונז ממש ווי לעבעדיקע געשטאלטן.

אין דער שילדערונג פון בערמאן און הויפטזעכלעך פון גערטרודן ווייזט אונז דוד איגנאטאוו וואס פארא שיינקייט ס'ליגט איינגעוועבט אין די סאמע טאג־טעגלעכסטע דערשיינונגען, ווי הויך און שיין ס'וואקסן אויס די סאמע ערדישסטע פארלאנגען און ליידנשאפטן, אויב זיי ווערן נאר געלייטערט דורכן מענטשלעכן חלום.

אין דוד איגנאטאָוו'ס ניי ווערק בולט זיך באַזונדערש אַרויס דעם דיכטערס אייגנאַרטיקער סטיל, זיין אַרט שילדערן און פאַרטרעטירן גע־שעענישן און געשטאַלטן. אין דוד איגנאַטאָוון האָבן זיך אויף אַ וואונ־דערלעכן אופן צוזאַמענגעגאָסן לירִיקער און עפּיקער. חוכמ זיך: אַזאַ רואיקייט און קלאָרקייט אין זיין שילדערונג, אַזאַ געטרייאיקייט אין זיין פאַרטרעט, און דאָך אַזאַ ווייכקייט און זינגעוודיקייט אין סטיל, אַז עס דורכט: איגנאַטאָווס אייגנטלעכער זשאַנר איז דאָס ליד.

דוד איגנאַטאָווס ווערק פאַרמאָגט אַ סך שטימונג און זיך. באַזונ־דערש שטימונגספול זיינען איגנאַטאָווס ניו־יאָרק־שילדערונגען וואָס זיינען אויסגעטיילט אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּראָזע, מיט זייער פאַרב און אָטעם.

די שטימונג אין דוד איגנאַטאָווס ווערק איז ניט קיין קינסטלעך־אָנגעווייטע. זי קוועלט פון בוך אַרויס און דרינגט אוממיטלבאַר אריין אין אייך. דאָס איז הויפּטזעכלעך דער פּועל־יוצא פון יענער וואונדערלע־כער פּ ש ט ו ת אין איגנאַטאָווס סטיל, וואָס ברענגט, אַז איר זאָלט לחלוטין פאַרגעסן, אַז איר לייענט אַ בוך. ס'איז ניט קיין „ליטעראַטור". ס'איז — ווי אייערע אַן איבערלעבונג וואָלט געגומען רידן צו אייך.

באַזונדערש איז צו דערקענען אָט די פּשטות אין איגנאַטאָווס סטיל, ווען איר פּאַסט אויף ווי אַזוי דוד איגנאַטאָוו שילדערט — באַזינגט די נאַטור. דוד איגנאַטאָוו פאַרמאָגט אַ שאַרפן חוש פאַר דער נאַטור. קומט ער צו נאַטור־שילדערונגען לעבט ער אויף, אַ ליכטיקייט נעמט זיך שפּיג־לען אין זיינע שורות, אַ דינער, פיינער הומאָר עפנט זיך צאַרט און יונג ווי אַ בלום.

דוד איגנאַטאָווס סטיל טראָגט אויף זיך דעם אָטעם פון מעשהדיקייט, פון „אַמאָל, אַמאָל":

„אין אַ שטילער ווינטער־נאַכט פאַלן שטילע שנייען, שטיל, זיך צערטלענדיק און ווינגדיק קומען זיי פון ווייטע הויכן, פליען פלאַטערדיק ביז זיי גרייכן אַ בוים, אַ דאַך, אַ זוים פון אַ פענסטער, אַ טרעפּ פאַר אַ הויז, צי גאָר אַ שטיין אינמיטן גאַס, און לייגן זיך רואיק אויס איינס לעבן איינס, איינס אויף איינס . . .

ווייך און היימלעך ווערט דורך זיי די נאַכט.

גייט ווער, פילט ער זיך ווי אַ געלאַדענער גאַסט. פריידיק איז זיין בליק און פריידיק איז זיין טראָט; שלאָפט ווער, ווערט ווייכער, רואיקער זיין שלאָף".

און ווען דער מאָרגן קומט, גייען אַרויס די הויזוועכטער מיט זייערע שניי־לאָפּעטעס און בעזימער אין די הענט, ווי עס גייען אַרויס מיט זייערע שנייד־מעסערס די שניטער אויף צייטיקע פעלדער. גאָט האָט היינט אַ ווייסן

שניי ווי א זיסן מן פארשפרייט. עסן זיך די לאפעטעס מיט א קלינג און קלאנג, מיט א „מאד" און „וואד" אין דעם ווייסן שניי אריין. ביז דעם אספאלטענעם טראטואר, און הילכן זיך מער און מער פאנאנדער מיט געזונטער פרייד און לייכטן הונגער. גיט זיך אויך מיט קלינג און קלאנג און „מאד" און „וואד" די ווינטערדיקע מארגן־זון א הויב. גיט יעדער הויז־היטער מיט א לאפעטע צי מיט א בעזים אין זיין האנט, א דערפיל די גאלדענע זון לעבן זיך. די פארשנייטע, גלייכע גאסן זיינען לאנג און ווייט, נאר די זון איז נידעריק און נאענט. אט הויבט זיך די זון ביס־לעכווייז אויף און בלייבט הייענגען ווי א ליכט־קרייז איבער יעדערנס קאפ. און די לאפעטעס — באנג, וואנג, האנד! טאד, וואד! און די בעזימער — ריש, ראש! — דער ווינטער־מארגן! — סיפ, סאפ! — דער ליבער פריי־שער ווינטער־מארגן!

אזוי שילדערט איגנאטאוו א שניי־ארויספאלן, מיט אזא קלארן און ליכטיק־לעגענדארישן טאן.

חוד איגנאטאווס ווערק פארדינט מען זאל עס גוט און גרינטלעך לייענען, און נית בלויז לייענען, נאר אריינלעבן זיך אין ווערק. דאן ערשט וועט פאר אונדז אויפלעבן דוד איגנאטאווס ליטט אין איר גאנצער שענקיים.

קאוונע, 1935.

יעקב בראָדסקי

וואָרט

דוד איגנאַטאָוו

וואָרט — פון פאַרצייטיקע וואַגלער־רעיונות.
וואָרט — פון געפּאַנצערטן גלויבן און מוט;
וואָרט — פון היינט־צייטיקע שלאַגלער־בריהונות,
ירושה פון דורות פאַראַנקערט אין בלוט

וואַכט — איבער שליאַכן פון זיבעציק אומות,
אויף זיבעציק שפּראַכן איין־אייציק געבאָט;
מיט זיבעציק פּאַכיקן מאַרטער־עקשנות, —
מיר האָבן געשטאַלטיקט דעם מענטש און זיין גאָט.

מיר זענען די שפּירער, וואָס האָבן געשפּירט
פּוים פון היינט אינם אור־אַלטן נעכטן;
מיר זענען די פירער, וואָס האָבן דערפירט
עונש און שכר צו אַ זין אַ גערעכטן.

מיר זענען די היטער, וואָס האָבן פאַרהיט
פונק פון אמונה אין וואָרט דעם פאַרשוועכטן;
מיר זענען די ריטער, וואָס האָבן צעגליט
פונק פון סכנה אין לייב דעם פאַרקנעכטן.

מיר זענען די שומרים, וואָס האָבן באַוואַכט
צלם פון גאָט איבער הענקער־געשטאַלטן;
מיר, — די שליחים וואָס האָבן געבראַכט
מאַכט פון דערלייזונג אין שימות באַהאַלטן.

וואָרט — פון דערלייזונג, פון גלויבן און מוט —
פון טאַטעס, פון זיידעס ירושה־בטחון;
דו, האָסט געצייכנט פאַר אונז דעם מאַרשרוט:
דורך אייגענעם בלוט — פאַרויס — צו נצחון.